STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06843

OYF MAYN VEG

Isaac Turkow-Grudberg

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יצחק גרודבערג־טורקאָוו

*

אויף מיין וועג

די דאָזיקע פאַרצייכענונגען איבער די יידישע פערזענ־לעכקייטן אויפן קינסטלערישן און קולטור־געזעלשאַפטלעכן געביט, זענען די לעצטע, וואָס זענען געבליבן פון יצחק טורקאָוו־גרודבערגס ליטעראַרישן עזבון און איך האָב גע־האַלטן פאַר מיין חוב אַרויסצוגעבן זיי צו דער ערשטער יאָרצייט פון מיין מאַן, יצחק טורקאָוו ז״ל.

ש ו ר ה ג ר י נ ה ו י ז ־ ט ו ר ק א ָ ו ו

יצחק טורקאָוו־גרודבערג

אויף מיין וועג

(שרייבערס, קינסטלערס, עסקנים)

דערמאָנונגען און אָפּשאַצונגען

נייע סעריע

אַרויסגעגעבן דורך שורה טורקאָוו

תל־אביב, תשל״א — 1971

ITZHAK TURKOW-GRUDBERG
OJF MAJN WEG

יצחק טורקוב־גרודברג
בדרכי

©
Copyright, 1971
by Schura Turkow, Reb Dow Mimezritch str. Jaffa,
Block 13 Kn. B. Tel-Aviv—Jaffa, Israel.

פרייז 10 ל״י. — אין אויסלאַנד — 5 $.

דפוס „אורלי״, רח׳ עקיבא איגר 8, טל. 32062

יצחק טורקאָוו־גרודבערג — געצייכנט דורך מיכאל מילבערגער

אינהאַלט:

הערש דוד נאָמבערג, דער חכם 9
זיין עקסעלענץ דער לץ, משה נאַדיר 19
דער ווולקאַן פרץ מאַרקיש 34
מיין געשוועסטערקינד בער י. ראָזען 48
אפרים קאַגאַנאָווסקי — דער קינסטלער 58
מאָריס שוואַרץ 71
צוויי זענען זיי געווען — יוסף ראָטענבערג און שמעון ראָזענבערג . 83
מ. ב. שטיין, דער לאָמעדוואָוניק פון טלאָמאַצקע 13 . . . 99
דער שיינגייסט דב בער מאַלקין 103
אַן אינסטיטוציע — נחמן מייזיל 114
בערל מאַרק — אַן אייביקער ייד 126
דער יידישער קינסטלער, אריה מערזער 143
יעקב וויסליץ — דער וואַנדערנדיקער שטערן פון יידישן וואָרט . 157
דאָס וואַרשעווער פאָלקס־קינד, אסתר פערלמאַן 170
דער וועלט־ייד, יעקב זרובבל 183
נחום ניר־ראפאלקעס, אַ פקחותדיקער אפיקורס 200
מיין יוגנט־חבר משה פערנסאַן 219
איציק מאַנגער איז אַוועק פון בלוי צו גרוי 228
וואָלף (זאב) הייבלום פון „יונג־טעאַטער" 235
דאָס ווילנער פאָלקס־קינד, יוסף ווידעצקי 246
הערץ בערגנער 263

הערש דוד נאָמבערג, דער חכם

1

שפעטער האַרבסט 1927. צוליב פאַרשידענע קאָמפּליקאַ־ציעס, וואָס זענען געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן יידישן טעאַטער אין פוילן, בין איך געבליבן שטעקן אין לעמבערג, ווו איך האָב געזאָלט אַריין אין דער „ווילנער טרופע" (זי האָט זיך דאָרט מיט אַ קורצער צייט פריער רעאָרגאַניזירט נאָכן צוריקקומען פון רומעניע) און — בין נישט אַריין אַהין.

גראָד אין דער צייט האָט יוסף סטרוגאָטש רעאָרגאַניזירט אויך דעם „עזאזל" (אַן גאָדיק און לילית) און האָט מיר איינגערעדט, איך זאָל ווערן קאָנפעראַנסיער אין דעם באַנייטן קליינקונסט־טעאַטער. איך האָב זיך האַלבוועגס אַן עצה־געגעבן מיטן אָנשרייבן אַ טעקסט פאַרן קאָנפעראַנס, אָבער אַז ס'איז געקומען צום צוזאַמענטרעף מיטן עולם — פנים אל פנים, פאַרן פוירהאַנג — פלעג איך כאַפן אַ ציטער. סטרוגאָטש האָט מיר געראָטן, איך זאָל — פאַר קוראַזש — מאַכן אַ פעסטן שנאַפּס און איך האָב דאָן אַלץ פעסטער און פעסטער אָנגע־הויבן צו „קוראַזשירן", ביז עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז איך האָב נישט געקאָנט אַרויסגיין פאַרן פוירהאַנג כל־זמן כ'בין נאָך געשטאַנען פעסט אויף די פיס...

זיץ איך אַזוי פאַרנאַכט, פאַר אַ פאַרשטעלונג, אין אַ לעמבערגער רעסטאָראַן, איך צי פון פלעשל און באַמערק נישט ווי צו מיין טישל קומט צו דער האַרציקער יידישער קולטור־מענטש, דער דזשאָינט־דירעקטאָר, יצחק גוטערמאַן. ער רעדט צו מיר, נייערט עס דערגייט

נישט צו מיין באַוווסטזיין וואָס ער רעדט. ביז עס האָבן זיך אַדורכגע־ריסן צו מיר, דורכן אַנבראָיז אין קאָפּ און אויערן, די ווערטער:

— פונדעסטוועגן דעם וויץ וועגן דער „מעשה און לעגענדע" וואָלט איר היינט נישט געדאַרפט זאָגן.

— פאַרוואָס עפּעס? — באַמי איך זיך צו זיין האָפֿערדיק.

— איך זאָג דאָך אייך: כ'האָב געהאַט אַ טעלעפאָן פון וואַרשע. נאָמבערג איז געשטאָרבן.

ערשט דאַן איז עס צו מיר דערגאַנגען. ס'האָט געווירקט ווי אַ שטראָם קאַלט וואַסער אויף מיין קאָפּ. כ'בין מיט איינמאָל ניכטער געוואָרן.

דעם אָוונט האָב איך שוין דעם קאָנפעראַנס אָנגעהויבן נישט מיט קיין געמאַכטן אומעט, ווי ס'איז דאַן געווען מיין מאַניער, נייערט מיט אַן אויפריכטיקן טרויער:

„דער באַקאַנטער יידישער שרייבער, איינער פון די נאָענטסטע אין פּרצס הויז, דער פּאַרזיצער פון יידישן ליטעראַטן־פאַראיין אין פוילן, הערש דוד נאָמבערג, איז היינט געשטאָרבן נאָך אַ שווערער קראַנקייט אין עלטער פון 52 יאָר. לאָמיר באַערן זיין אָנדענק מיט אויפשטיין און טרויער אין אונדזערע געמיטער".

יענעם אָוונט האָב איך שוין נישט געזאָגט קיין וויצן, נישט גע־פּרוּווט פריילעך מאַכן דעם עולם. איך ווייס טאַקע נישט וועמען פון עולם האָט אויף אַן אמת געטרויערט; איך ווייס נישט אויף וויפל דער וואַרשעווער דורכויס יידישער נאָמבערג (כאָטש אַ געוויסע צייט איז ער אַפילו געווען סיים־דעפּוטאַט) איז געווען פּאָפּולער אין פאַר־פוילישטן גאַליציע — אָבער פאַר מיר איז עס געווען אַ טיפער פער־זענלעכער טרויער. ס'האָבן אַן אויפהער געקנוילט אין מיר זכרונות פון איבער אַ יאָרצענדליק, פאַרבונדענע מיט נאָמבערגן. פון די קנוילן איז כסדר אַרויסגעשווומען דער אויסערלעכער פּאָרטרעט, וואָס איז געווען אידענטיש מיט דער שילדערונג אין איינער פון נאָמבערגס פּאָפּולערסטע דערציילונגען — „פליגעלמאַן".

אמת, אין „מיינע צייטן" האָט שוין נאָמבערג בלויז געהאַט אַ

וואָנסן־בערשטעלע אונטער דער נאָז, געווען מיט אַ שפּאָר ביסל יאָרן עלטער, אָבער דער גאַנצער זעלבפּאָרטרעט איז געבליבן. איך ווייס נישט, צי ס׳איז פאַראַן נאָך אַ שרייבער, וועלכער זאָל זיך אַליין אַזוי פּינקטלעך און זעלבקריטיש פּאָרטרעטירן. נישט בלויז אויסערלעך. וועגן דעם זעלבן פליגעלמאַן זאָגט דאָך נאָמבערג: „דער עיקר, דער תוך כל התוכות, איז דאָס לעבן, דאָס לעבן אַליין טאָקע״. דאָס איז געווען דער וועלט־באַנעם פון נאָמבערגן. כאָטש פליגעלמאַן זאָגט ביי אים: „די עסטעטישע איז דאָך די העכסטע וועלט־אַנשויונג״, ווייל איינס איז גאָר נישט סותר דאָס צווייטע. עס פאַרפולקאָמט זיך בלויז. אויך אין לעבן גופא האָט נאָמבערג געזוכט דאָס עסטעטישע. אין אַלץ האָט ער עס געזוכט. מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין אינטע־לעקט, פון זיין גרויסער חכמה. „ווען נישט מיין פאַרשטאַנד, וואָלט איך שוין לאַנג געווען אַ מיסטיקער״ — זאָגט פליגעלמאַן־נאָמבערג. אַזאַ נטיה האָט ער אַרויסגעטראָגן פון דער ישיבה, פון דער היים. נאָר דאָס לעבן — און זיין פאַרשטאַנד — האָבן אים פאַרהיט פון מיסטי־ציזם, האָבן אים צוגעשמידט צו דער ערד, צו דער ווירקלעכקייט. אָבער „דאָס לעבן אָן ליבע האָט נישט קיין זין...״ נישט וועגן סעקסועלער ליבע האַנדלט זיך אים (כאָטש נאָמבערג איז ווייט געווען פון אָפּצו־זאָגן זיך אויך דערפון כל זמן ס׳האָט געקלאַפּט אין אים אָן אַדער), נאָר ליבע בכלל: צום לעבן, צו מענטשן, צו קונסט, צו שיינקייט, צו נאַטור, צו קינדער. דאָס איז דער מקור פון זיין ברייט־שטראָמיקן הומאַניזם.

גראָד ווי אין „פליגעלמאַן״ און אין אייניקע אַנדערע דערציילונגען זיינע קומט פאָר אין נאָמבערגן גופא דער געראַנגל צווישן באַוווסט־זיין און אונטערבאַוווסטזיין (אין דער וועלט־ליטעראַטור איז עס ערשט מאָדערן געוואָרן מיט יאָרן שפּעטער), צווישן דעם קאָנסטרוק־טיוון שכל און דעסטרוקטיווער הבל־הבלימדיקייט. „די נייגונג זיינע צו פילאָזאָפירן און גריבלען, וואָס האָט פאַרגיפטעט זיין לעבן זינט ער געדענקט זיך״ — שילדערט נאָמבערג זיינעם אַ העלד, בענדער, אין דער דערציילונג „בריוו״ — „איז געווען דער שטרויכל־שטיין

אין זיין לעבן״. דאָס זעלבע קאָן מען זאָגן וועגן נאָמבערגן גופא. דער חילוק איז בלויז: פון נאָמבערגס פילאָזאָפירן זענען אַרויסגע־וואַקסן זיינע חכמהדיקע ווערק, ס׳איז אַרויסגעוואַקסן זיין פּערזענ־לעכקייט — דער שרייבער־פילאָזאָף, דער חכם.

2

אין מיין זיכרון האָט זיך בולט איינגעקריצט דאָס ערשטע מאָל, ווען איך האָב געזען נאָמבערגן; דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון ווער דאָס איז. כ׳בין נאָך דאַן געווען גאָר אַ יינגל — אָבער מיט אַ שטאַרקער נייגונג צו טעאַטער, צו ליטעראַטור (שוין געשפּילט — צוזאַמען מיט מיין ברודער מאַרק — פּוילישע קינדער־פאָרשטעלונגען אויף אַ בוידעם פון אונדזער הויז און גע־שריבן העברעישע שירים).

געווען איז עס אין יאָר 1916. אין וואַרשעווער טעאַטער „עליזעום״ איז געשפּילט געוואָרן נאָמבערגס „משפחה״ — מיט אסתר־רחל קאַמינסקי און אברהם־יצחק קאַמינסקי. אין דער פאָרשטע־לונג האָט זיך אויך באַטייליקט מיין ברודער זיגמונט — ער איז געווען דער משכיל, דער אויפגעקלערטער יונגערמאַן, וועלכער וויל אַריינברענגען „איראָפּע״ אין דער אַלטער יידי־שער היים. צוליב זיגמונטן בין איך דאַן טאַקע געגאַנגען זען די פאָרשטעלונג. נאָך הייַנט זע איך אים פאַר זיך אין דעם לאַנגן שוואַרצן ראָק, מיט אַ קליין לאַפּאַטקע־בערדל, מיט אַ ברייט־ראַנדיקן שוואַרצן הוט. כ׳געדענק נאָך גוט קאַמינסקין אין דער ראָל פון באַלעבאַטישן יידן; אסתר־רחל, וואָס האָט געשפּילט אַ קראַנקע אַרבעטס־פרוי, די יונגע שושנה, וועלכע האָט דאַן ממש געאָטעמט מיט פרישקייט. אפשר איז מיר דאָס אַלץ געבליבן אַזוי איינגעקריצט אין זכרון, ווייל אויך די אַנטראַקטן זענען דאַן געווען פאַר מיר געוואַלדיק אַטראַקטיוו; אין פאָיע — נאָמבערג, אַרומגערינגלט פון אַ קרייז פאַרערער. ער קאָכט זיך, ער ברויזט: אַזאַ פאָרשטעלונג, אַזוי אינטערעסאַנט, אַזוי

פּיל פּראָבלעמען, אַזוי גוט געשפּילט און — דער עולם קומט נישט. „רק מ׳לויפט צו די אַפּערעטקעס, נאָר מע זוכט דאָס לייכטע" — האָט ער זיך באַקלאָגט מיט זיין אַ ביסל גרילצנדיקער שטים אין דעם טיף־פּוילישן דיאַלעקט (מיך האָט אַפילו יאָרנלאַנג שאָקירט זיין כאַראַקטעריסטישער אופן פון אַרויסזאָגן די ווערטער „קולטוראַ", „ליטעראַטוראַ", „סאָציאַליזום" און ענלעכע).

מעגלעך, אַז דער דאָזיקער עפּיזאָד איז מיר אַזוי שטאַרק פאַרבליבן אין זיכרון צוליב אַ צווייטן נאָמבערג־עפּיזאָד.

ס׳איז געווען אָנהייב 1925.

ד״ר ווייכערט האָט מיך צוגערעדט צו פאַראינטערעסירן זיך מיט דער נייסטער געשיכטע פון יידישן טעאַטער, אַפילו געגעבן אַ באַלדיקע אויפגאַבע: ער איז דאַן געווען דער נישט־אָפיציעלער פאַרטרעטער פונעם מינסקער „אינווייסקולט" אין פּוילן און האָט באַשטעלט ביי מיר אַן אַרבעט — פאַר אַ טעאַטער־זאַמלבוך, וואָס האָט געזאָלט דערשיינען אין מינסק — וועגן יידיש טעאַטער אין וואַרשע אין די יאָרן פון דער מלחמה. ער האָט מיך פאַרזיכערט, אַז איך וועל עס לייכט קאָנען מאַכן, ווייל די נייטיקע מאַטעריאַלן וועל איך געפינען אין די טאָג־צייטונגען, אין די אַנאָנסן דער עיקר. האָב איך זיך אַוועקגעזעצט אין אַ צימער אין רעדאַקציע „מאָמענט" און געמאַכט נאָטיצן פון די צייטונג־קאָמפּלעטן. נאָמבערג האָט מיך שוין געקענט פון מיין אַרויפקומען אין ליטעראַטן־פאַראיין און פלעגט מיר זייער פריינדלעך ענטפערן אויף דער באַגריסונג ווען ער איז פאַרביי דאָס צימער. איינמאָל האָט ער זיך אָבער אָפּגעשטעלט.

— וואָס טוט איר דאָ?

כ׳האָב אים דערציילט. האָט ער זיך פאַראינטערעסירט מיט מיין אַרבעט, אַריינגעקוקט אין די נאָטיצן. פּלוצלינג טוט ער אַ פרעג:

— וועגן דער „משפּחה" דערמאָנט איר עפּעס?

— פאַרשטייט זיך! — און איך האָב אים דערציילט ווי איך האָב אים צום ערשטן מאָל געטראָפן טאָקע בעת דער פאַרשטעלונג, ווי די

פאַרשטעלונג האָט זיך איינגעקריצט אין מיין זיכרון. דאָס האָט אים זייער דערפרייט און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו באַדויערן:

— אַן עוולה געשען דעם שטיק... ס'איז דאָך אַ בילד פון טיפע קאָנפליקטן אינעם יידישן משפחה־לעבן, פון אינעווייניקסטע שפּאַל־טונגען. און אַזעלכע גוטע ראָלן זענען דאָרט פאַראַן... כ'האָב נישט קיין מזל...

ס'האָט זיך געפילט, אַז דאָס איז ביי אים אַ גרויסער ווייטיק, אַז ער וויל זיין וואָרט און זיינע געשטאַלטן זאָלן אַראָפּרעדן פון דער בינע און — ער האָט נישט קיין מזל דערצו. גראָד ווי ער האָט נישט געהאַט קיין מזל מיט זיין איבערזעצונג פון האַופּטמאַנס „פורמאַן הענשל", וועלכע ער האָט געמאַכט פאַר די „ווילנער" (אגב: ער האָט עס טאַקע אַ נאָמען געגעבן דער גרופּע ווילנער ליבהאָבער, וואָס זענען אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע שפּילן יידיש טעאַטער — „די ווילנער טרופּע"). ער האָט נישט געהאַט קיין מזל צו טעאַטער בכלל — גראָד ווי זיין רבי, י. ל. פּרץ. און ליב געהאַט האָט ער טעאַטער ממש ליידנשאַפטלעך. מיר דוכט זיך, אַז זיין פאַרליבטקייט אין טענץ — די טאַנץ־אַרגיעס, וועלכע ער פלעגט פּראַווען מיט זיין צעבראָכענער פיגור אויף די אָוונטן אין וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין, זענען אויך געווען עפּעס אַן ערופּציע פון טעאַטער־ליבע.

נאָך אַן עפּיזאָד: פּורים 1925. דער ליטעראַטן־פאַראיין אָרדנט איין אַ גראַנדיעזן מאַסקן־באַל אין „נאָוואָשטשי"־טעאַטער. אַ „דעפּי־לאַדע פון יידישע ליטעראַטור־געשטאַלטן". גאַדיק האָט אָנגעפירט מיט דער דעפּילאַדע. יונגע שרייבער און אַקטיאָרן האָבן פאַרקערפּערט פאַרשידענע געשטאַלטן פון דער יידישער ליטעראַטור. איך האָב פאַרגעשטעלט דינעזאָנס „שוואַרצן יונגערמאַנטשיק". נאָמבערג האָט זיך געפרייט מיט יעדער געשטאַלט, איז געווען באַגייסטערט צו זען „די יידישע ליטעראַטור אַ לעבעדיקע". ביי מיר האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט און אַ זאָג־געטון מיט באַדויערן:

— אַ שאָד וואָס דאָ איז נישטאָ אויך פליגעלמאַן... ווען כ'בין יינגער, שטעל איך אַליין פאַר פליגעלמאַנען...

סוף 1925 האָב איך באַלייגט עקזאַמען אין יידישן אַרטיסטן־פּאַראיין — צוזאַמען מיט חברים פון דוד הערמאַנס סטודיע. בעת דעם עקזאַמען איז געקומען צו אַ קאָנפליקט צווישן מיר און דעם פּאַרזיצער פון דער עקזאַמען־קאָמיסיע, ד״ר ווייכערט. דער פּאַרזיצער האָט פאַרלאַנגט מען זאָל מיך פסלען „צוליב מיין דיסציפּלינלאָזיקייט״ (געווען עפּעס אַ נאַרישער קאָנפליקט צווישן אונדז — אַ פּועל־יוצא פון ווייכערטס שטייפקייט און מיין עקשנות). אַלע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָבן זיך אָנטקעגנגעשטעלט — אויך נאַמבערג, וואָס איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאָמיסיע. אין מיטן דער זיצונג איז ער אַרויסגעקומען און פאַרבייגייענדיק מיר צוגעוואָרפן:

— לאַכט זיך אויס דערפון, איר וועט דורכגיין.

אייניקע מינוט שפּעטער, ווען ער איז צוריקגעגאַנגען אין צימער, ווו ס'איז פאָרגעקומען די זיצונג פון דער עקזאַמען־קאָמיסיע, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן מיר:

— אויב איר קענט אַזוי שפּילן, ווי איר קענט שרייבן, וועט איר זיין איינער פון די גרעסטע יידישע אַקטיאָרן.

אַ קורצע צייט נאָך דעם פאַל איז געשטאָרבן אסתר רחל קאַמינסקי. אויף דער לוויה, פאַר דעם ריזיקן עולם, האָט אויפן בית־עולם גערעדט דער נידעריקער, צעבראָכענער נאַמבערג, מיט זיין הייזעריק־לעכער שטים. ער איז געווען יאָ אַ רעדנער, נישט קיין רעדנער — אָפּטמאָל טאָקע יאָ אַ רעדנער. אָבער נישט דאָס איז געווען וויכטיק. ס'איז נישט וויכטיק געווען דער „ווי אַזוי״, נייערט דער „וואָס״. ער האָט געוואָרפן פון זיך שטיקער טרויער, שטיקער צעווייטיקט האַרץ. צוליב דער גרויסער אבידה און צוליב דער מערכה פון יידישן טעאַטער. ער האָט אויסגעווייטיקט אַ גרויסע טרויער־רעדע וועגן יידישע קינסטלער און יידיש טעאַטער.

3

קינסטלער, קינסטלערישע נשמות און קינסטלער־טראַגעדיעס זענען געווען אַן אַפּטע טעמע אין נאָמבערגס בעלעטריסטיק, אין זיינע קורצע נאָוועלן און דערציילונגען. גראַד ווי צוויי עקסטרעמען — צעבראָכענע יידישע אינטעליגענטן, צעשפּאָלטענע נשמות און די מאַנאַליטע חסידישע סביבה. נאָר די אייגנטלעכע סטיכיע פון נאָמ־בערגן איז געווען: דער עסיי און דער פעליעטאָן. אין די צוויי זשאַנרען איז ער געווען גרויס — אויב נישט דער גרויסמייסטער פון זיין צייט אין יידיש. זיינע גלאַנצפולע רייזע־באַשרייבונגען — פון אַרגענטינע, פון ראַטנפאַרבאַנד — זענען דאָך אייגנטלעך אויך געווען פיינע עסייען. נישט מער — ער האָט נישט באַדאַרפט זוכן צו זיי אַ „קעפּל".

דאָס דערמאָנט זיך מיר אַקעגן דעם, ווי נאָמבערג פלעגט זיך באַקלאָגן: שוין מיטוואָך און ער האָט נאָך נישט געהאַט פאַרטיק זיין וועכנטלעכן פעליעטאָן פאַרן פרייטיק־נומער פון „מאָמענט". ער האָט זיך אַרומגעדרייט נערוועז איבערן ליטעראַטן־פאַראיין, נישט געשפּילט קיין שאַך (און געווען איז ער, אגב, אַן אויסגעצייכנטער שאַך־שפּילער, פון די מייסטער־שפּילערס אין ליטעראַטן־פאַראיין), נישט געשפּילט אין קאָרטן — רק אַרומגעגאַנגען און געברומט צו זיך. פּלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ טישל ווו מיר, אַ גרופּע יונגוואַרג, זענען געזעסן און אָפּגעקרעכצט:

— אוי, ווו נעמט מען אַ „קעפּל"!

דערנאָך איז געקומען דער קאָמענטאַר:

— אַ קעפּל דאַרף רעדן פאַר זיך. אַז ס'איז אַ גוט קעפּל, שרייבט זיך שוין דער פעליעטאָן אַליין...

ביי אים האָט זיך טאַקע געשריבן אַליין... די חכמה האָט גע־שפּרודלט פון יעדער שורה. חכמה און לעבן־דערפאַרונג. אומגעהויערע פּשטות און קאָפּשווינדלענדיקע טיפקייט. אַ שמייכל פון פאַרשטיין און אַ שמייכל פון אומעט. ווי ער האָט עס געזאָגט אין זיין אינדישער

דערציילונג „ראַיאַ מאַנאַ״: „די געטאָפּלטע פאָרם, דאָס לאַכן און דאָס טרויערן, וואָס פליסן פון קוואַל פון איין אייניציקן גאָט״.

נאָך אַ גרונטיקער עלעמענט פון נאָמבערגס יחידי־סגולהדיקייט: יידיש. אַ רייכער קוואַל פון זאַפטיקן פאָלקס־יידיש. די ערשטע יאָרן אַ ביסל פאַרדייטשמערישט — לויט דער משכילישער מאָדע. אָבער לסוף — אויסגעלייטערט אין זיין מקורדיקייט און קינסט־לערישער רעליעפקייט. ער איז געוואָרן ד ע ר מומחה אין יידיש.

אַ פאַל — פאַרבונדן מיט מיר פערזענלעך: ווען איך האָב איבערגעזעצט סטעפאַן זשעראָמסקיס „ערב־פרילינג״, איז מען מיך שטאַרק באַפאַלן — אין דער פרעסע און אין ליטעראַטן־פאַראיין. בערנאַרד זינגער האָט עס אָנגעהויבן און מיטגעשלעפט אין דער קאַמפּאַניע שלום אַשן, איינרעדנדיק אים, אַז דאָס איז אַן אַנטיסעמיטיש בוך. פון דער צווייטער זייט האָבן: י. י. זינגער און אהרן מאַרק אַטאַקירט מיין יידיש. נאָמבערג (און געווען איז ער דאַן דער אויטאָ־ריטעט אַחוץ מיט זיין שרייבן, אויך ווי דער פאָרזיצער פון ליטעראַטן־פאַראיין) האָט פאַרטיידיקט זשעראָמסקין פון די פאָרוואורפן וועגן אַנטי־סעמיטיזם און מיך — פאַרן יידיש אין מיין איבערזעצונג. מיר פערזענלעך האָט ער בלויז געזאָגט: „איר דאַרפט זיך באַפרייען פון אַ ביסל אינטעליגענטישע אויסדרוקן, וועט איר האָבן אַ פיינעם יידיש. מיר געפעלט אייער שרייבן״.

דאָס איז געווען פאַר מיר די העכסטע לויב. ווייל איך האָב דעם מענטשן פאַרהערלעכט, געשלונגען זיין יעדעס וואָרט. און ווי אַ סך פון מיין דור, האָב איך אים געפּרוווט צו קאָפּירן.

אַ בולטער ביישפּיל: נאָמבערג האָט געהאַט אַ גרויסע שוואַכקייט צו דעם דאַן פריש „אַנטדעקטן״ אינדיע. ער האָט נישט בלויז איבער־געזעצט ראַבינדראַנאַט טאַגאָרע — ער האָט אויך אַליין אָנגעשריבן אַן „אינדישע״ דערציילונג „ראַיאַ מאַנאַ״, וועגן אַ נביא פון טרויער. פאַראַן דאָרט אַ פראַגמענט, ווי דער נביא פון טרויער דערזעט ביים גאָט פון פרייד —

„אין דעם הייליקן פּנים, אין די קנייטשן פון זיין שטערן, איז שוין

פאַרזאַמלט געוועז דער גאַנצער ווייטיק פון דער וועלט, דער גרויסער טרויער איז געוועז אין זיי, נאָר זיי זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין געלעכטער. דער שמערץ פון דער וועלט האָט אַרויסגעלאַכט פון די אויגן און דער גרויסער ווייטיק און דער גרויסער טרויער. די גאַנצע וועלט מיט איר נעץ פון פאַרשידנקייט, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אויף געלעכטער"...

האָב איך אונטערן איינדרוק פון דער דערציילונג אָנגעשריבן אַ פּאָעמע אין פּראָזע. עפּעס וועגן אַ זון־לאַנד און אַ נאַכט־לאַנד. כ'האָב געוואָלט די פּאָעמע הייליקן נאַמבערגן. פריער האָב איך זי געגעבן איבערצולייענען מלך ראַוויטשן. האָט ער מיר זייער פריינד־לעך און ערנסט געראָטן איך זאָל — — אויפהערן צו שרייבן פּאָעזיע. איך האָב צעריסן די פּאָעמע און געבליבן אַ בעל־חוב צו נאַמבערגן... און לאַנג־לאַנג האָט מיך פאַרפאָלגט דער זאַץ, מיט וועלכן נאָמבערג האָט פאַרענדיקט זיין „ראַיאַ מאַנאַ":

„גיט אָפּ כבוד דעם נאָמען פון ,ראַיאַ מאַנאַ'. ער האָט געטראָגן דעם גרעסטן ווייטיק פון גייסט".

זיין עקסעלענץ דער לץ, משה נאַדיר

1

דער איינדרוק פון איינציקע צוזאַמענטרעפן, אַפילו מיט אַ באַרימטן מענטש, אַ גרויסן שרייבער, זאָל קאָנען פאַר־בלייבן פריש אין זיכרון אין משך פון מער ווי פיר יאָר־צענדליק: די געשטאַלט פון דאָזיקן מענטש זאָל שטיין פריש פאַר די אויגן, ווי מען וואָלט זיך מיט אים באַגעגנט ערשט נעכטן־אייערנעכטן, ווי כ׳וואָלט זיך נישט אויפגעהערט מיט אים צו באַגעגענען אין משך פון צענדליקער יאָר; ס׳קול פון דעם מענטש זאָל קלינגען אין די אויערן, ווי ער וואָלט נאָרוואָס געהאַט גערעדט צו דיר — כדי דאָס זאָל געשען, מוז אַזאַ מענטש זיין אַ נישט־געוויינלעכע, אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, אַ יחיד במינו און אפשר אַפילו: אַ יחיד בדורו.

אַזאַ איז אין מיין זיכרון, פאַר מיינע אויגן, אין מיינע אויערן, אין מיין געמיט — פאַרבליבן משה נאַדיר.

געזען האָב איך אים בלויז איינציקע מאָל אין משך פון געציילטע טעג; באַגעגנט זיך מיט אים און פאַרבראַכט אין זיין געזעלשאַפט בסך־הכל איינציקע שעהן אין דער צווייטער העלפט פון די צוואַנציקער יאָרן, ווען משה נאַדיר איז געווען אין וואַרשע — אויפן וועג קיין ראַטנפאַרבאַנד; דירעקט גערעדט מיט אים געציילטע זאַצן — עפּעס געפרעגט אים וועגן „מאַדיקאַט״, דאָס ניו־יאָרקער מאָוד־קאַטלער מאַריאָנעטן־טעאַטער, וואָס איז פּאָפּולער און באַליבט געווען אין וואַרשע; וועגן זיין אייגענער דראַמאַטורגיע, פון וועלכער משה נאַדיר האָט דאַן שטאַרק געחוזקט פאַר מיר. כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז קיינער האָט נישט געוואָגט אַזוי צו חוזקן פון נאַדירס שאַפן, ווי ער

אַליין. געהערט זיינע אַרויסטריטן, באַטייליקט זיך אין אַ באַנקעט, וואָס איז פאַר אים געמאַכט געוואָרן אין ליטעראַטן־פאַראיין; געווען אויף דעם גראַנדיעזן נאַדיר־אָוונט, וואָס איז פאָרגעקומען אין וואַרשעווער צירק. און, פאַרשטייט זיך, געלייענט, געשלונגען אַלץ, וואָס איז מיר געקומען אונטער דער האַנט פון זיין שאַפן פאַר דעם ווי כ׳האָב זיך באַקענט מיט אים און נאָך דעם. אַנטציקט זיך מיט אַ גוטער אינטערפּרעטאַציע פון זיינע מאָנאָלאָגן, אָדער מיניאַטורן — באַזונדערס: פון הערץ גראָסבאַרדן. פונדעסטוועגן איז פאַר מיר משה נאַדיר פאַרבליבן נישט בלויז, ווי אַ פאַרערטער שרייבער, נייערט ווי אַ פאַרערטע פערזענלעכקייט, אַ נאָענטע, ווי כ׳וואָלט אין זיין קרייז, אונטער זיין השפּעה, אונטער די בייטשן פון זיין חוזק און סאַרקאַזם, פון זיין גאַליקן הומאָר און לצנות, געלעבט אַ סך, אַ סך יאָרן.

זיין באַווייזן זיך אויף טלאָמאַצקע 13 אין וואַרשע, האָט געבראַכט מיט זיך אַן אויפטרייסלונג ביים יונגן דור פון דער פּויליש־יידישער קינסטלער־סביבה. ס׳איז געווען אַן אויפטרייסלונג און אַ צעטרייסלונג בפּועל־ממש: אונטער אים האָבן זיך געטרייסלט אַפילו די שאַרפע פּענעס און צינגער פון דער יידישער ליטעראַטור, פּרעסע, קריטיק און הומאָריסטיק אין פּוילן. ער האָט זיך אַרומגעדרייט ווי גוליוור צווישן פּיגמייען, אַ ריז, וואָס האָט קליין געמאַכט אַלע אַרומיקע. לכל־הפּחות — אין מיינע אויגן, אין מיין יוגנטלעכן, ענטוזיאַסטישן באַנעם.

ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק (כ׳מיין, אַז ער האָט עס אויך בפירוש געוואָלט) פון אַ פּרינץ אין אַ מעשהלע פאַר אָרעמע קינדער — שוין מיט זיין אויסערלעכקייט: מיט זיין סטראַיִנער, שלאַנקער געשטאַלט, דעם באַזילבערטן קאָפּ מיט קרויזן, דער פאַרוואָרפענער פּעלערינע, מיט דער גאַנצער קאַפּריזנער, צומאָל צו להכעיסדיקער אויפפירונג פון אַ צעפּיעשטשעטן בן־יחיד. דער עיקר אָבער מיט זיין וואָרט, זיינע וואָרט־שפּילן, וועלכע ער האָט געלאָזט זיך פאַנאַנדערשפּילן מיט אַלע פאַרבן פון זיין קונסט.

דער אַרויסטריט זיינער אין וואַרשעווער צירק: פאַרבליבן זענען אין מיין זיכרון בלויז די געשטאַלטן און קלאַנג פון ווערטער — טאַקע בלויז דער קלאַנג, וואָרים דער זין איז דאַן געווען אַ טפל — פון צוויי משהס: משה נאַדיר און משה בראַדערזאָן. ס'איז געווען אַ דועל פון צוויי גרעסטע יידישע וואָרט־מייסטערס פון ביידע זייטן אָקעאַן. משה בראַדערזאָן האָט אויסגעזונגען צו נאַדירן זיין געפערזטע באַגריסונג „ממשה עד משה". נאַדיר האָט געענטפערט מיט אַן אימ־פּראָוויזאַציע, אין וועלכער ער האָט פאַנאַנדערגעשפּילט זיינע וואָרט־שפּילן, ווי דער זשאָנגלער, וואָס האָט אויף דער אַרענע פונעם זעלבן צירק תמיד באַוויזן זיינע קונצן מיט באַלן און מיט שפּיזן. ווערטער זענען אין נאַדירס מויל געווען די באַלן און שפּיזן, וועלכע ער האָט געוואָרפן אינעם ריזיקן חלל פון וואַרשעווער צירק, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט טויזנטער אָנגעשפּאַנטע קעפּ פון יידישע מענטשן. נאַדיר האָט געוואָרפן די ווערטער אין דער לופט, געשפּילט זיך מיט זיי און פאַרשפּילט מיט זיי די טויזנטער צוהערערס.

זיין פיזישע דערשיינונג — די אימפּאָזאַנטע, פאַרכאַפּנדיק־שיינע אויסערלעכקייט; דער מענלעכער זשעסט, וואָס האָט מיט עלעגאַנץ אויסגערופן: באַוווּנדערט מיין כוח־גברא — איז געווען אימפּאָ־נירנדיק; זיין גייסטיקע עקוויליבריסטיק — די אומאויפהערלעכע כישוף־שפּילן פון וואָרט און געדאַנק, די חכמה, וויץ, הומאָר און צומאָל ציניזם — האָבן נאָכמער פאַרכאַפּט, מיטגעריסן, באַגייסטערט. יעדנפאַלס — מיך און דעם גאַנצן קרייז פון מיינע חברים, וואָס זענען צוזאַמען מיט מיר דאַן געזעסן אויף די בענק פון וואַרשעווער צירק, יונגע שרייבערס, קינסטלערס, אָדער קונסט־ליבהאָבערס. כ'בין זיכער, אַז ביי אַלע, וואָס זענען לעבן־געבליבן פון די אָנוועזנדיקע אויף יענעם היסטאָרישן אָוונט — ליידער זענען זייער ווייניק לעבן געבליבן, ס'רוב איז אַוועק מיטן רויך פון היטלערס קרעמאַטאָריע־קוימענס, אָדער אומגעקומען אין די פלאַמען פון וואַרשעווער געטאָ — ביי זיי איז אויך פאַרבליבן אַן ענלעך געפיל.

כ'האָב געהאַט אייניקע מאָל קורצע שמועסן מיט משה נאַדירן

אין יענע טעג. דאָס הייסט — איך האָב קוים אויסגעשטאַמלט איי־ניקע פראַגן און ער האָט שמייכלענדיק, אפשר טאַקע מיט אַ ביסל חוזק, געענטפערט מיר מיט חכמות און וואָרט־שפּילן. כ׳האָב מורא, אַז כ׳האָב נישט אַלץ אויפגעכאַפּט דערפון, וואָס ער האָט געזאָגט. צופיל פאַרקוקט בין איך געווען אין אים, צופיל פאַרכישופט.

אַזוי בין איך אין אַ גרויסער מאָס פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

2

כדי צו שרייבן וועגן משה נאַדירן דאַרף מען נישט האָבן קיין ספּעציעלע געלעגנהייט, קיין באַשטימטע אָדער קיילעכדיקע דאַטע. מ׳קאָן תמיד געפינען אַ „פּאַרוואָס״, כדי צו שרייבן וועגן נאַדירן — וועגן דער דאָזיקער איינמאַליקער דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור, נייערט ווען ס׳דערשיינט נאַדירס בוך — און דאָס געשעט, ליידער, לעצטנס אַזוי זעלטן. נאָך אַ סימן פון אונדזער אָרעמקייט, פון דעם קריזיס, וואָס הערשט אין יידישן פאַרלאַג־וועזן — קאָן מען זיך אַוודאי נישט אָפּזאָגן פון דער גוטער געלעגנהייט ווידער צו דערמאָנען משה נאַדירן, צו קוויקן זיך מיט זיינע שאַפונגען און צו זאָגן וועגן אים עפּעס. אַזאַ געלעגנהייט איז געווען פאַר מיר דאָס דערשיינען פון נאַדירס „אונטער דער זון״ (אין פּרץ־פאַרלאַג, ישראל, 1966).

כ׳באַוואָרן זיך: כ׳בין שטאַרק מסופק צי כ׳וועל בכוח זיין צו זאָגן עפּעס נייעס וועגן נאַדירן, עפּעס, וואָס איז נאָך נישט געזאָגט געוואָרן אַ חידוש, אַ פּשטל, אַן אַנטפּלעקונג. אַזוי פיל איז וועגן אים געשריבן און געזאָגט געוואָרן, אַז ס׳איז גאָר שווער עפּעס מחדש צו זיין.

וואָס איז ער געווען — דער מייסטער פון פּאַראַדאָקסן, אַ ציני־קער, אַ חוזק־מאַכער, אַפּלאַכער, אַ געניאַלער לץ? אפשר — פון אַלץ צו ביסלעך. מיר ווייזט זיך אויס, אַז מער פון אַלץ איז ער געווען אַן אַנטדעקער פון שיינקייטן און עשירות פונעם יידיש־לשון.

דער פענאָמען נאַדיר ווערט נאָך גרעסער דערמיט, וואָס ער האָט אין זיך פאַרהיט אַלע זאַפטן פון יידיש, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך פון זיין „גאַליציעלאַנד״ (ווו יצחק, דער זון פון מאיר רייז, איז געבוירן געוואָרן אין 1885), פונעם שטעטל נאַראַיעוו. אַפּנים, אַז דער בלויזער קלאַנג פון שטעטל־נאָמען האָט יצחק רייזן, דעם שפּעטערדיקן משה נאַדיר, נאַראַיעט די רייכע פאַרבן און קלאַנגען פון יידיש־לשון. וואָרים ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע איז ער קוים אַלט געווען 14 יאָר. האָט ער נאָך באַוויזן צו באַרייכערן און אַסימילירן זיין נאַראַיעווער יידיש־אוצר מיט השפּעות פון אַמערי־קאַנער שפּראַכן־שמעלצטאָפּ, מיט אַ יידיש־השפּעה פון אַנדערע עמיג־ראַציע־לענדער. די אַלע השפּעות האָט ער אָבער דורכגעזיפּט דורך דער זיפּ פון זיין שפּראַך־שאַפערישקייט. איז אַרויסגעקומען דערפון דאָס רעגנבויגנדיקע נאַדיר־יידיש.

פאַקטיש איז ער דערצויגן געוואָרן — אין די רייפערע יוגנט־יאָרן — אין ענגליש, אַפילו געשריבן אין ענגליש. „איך שרייב ענגליש, אָבער נישט גערן. ווען איך האָב גאָרנישט וואָס צו זאָגן, שרייב איך ענגליש. ווען איך האָב עפּעס צו זאָגן, שרייב איך יידיש״ — אַזוי זאָגט נאַדיר אַליין וועגן זיך. ביז זיין פריצייטיקן טויט (אין יאָר 1943) איז ער פאַרבליבן געטריי דעם לשון, אין וועלכן ער האָט „עפּעס צו זאָגן״. און ער האָט געזאָגט טאַקע, געזאָגט אויף פאַרשי־דענע אופנים, אין פאַרשידענע פאָרמען, אין זיין באַליבט לשון. אין דעם לשון, וואָס האָט אויך א י ם ליב באַקומען אין אַזאַ מאָס און מיט אַזאַ קראַפט, ווי ווייניק וועמען.

פון זיינע ערשטע לידער, וועלכע ס'האָט נאָך געשאַפן יצחק רייז — ביז דער דיכטער האָט אויסגעפונען משה נאַדירן, ד״ה: געפונען זיין אייגענע שפּראַך, סטיל און וועג אין דער ליטעראַטור — דורך „ווילדע רויזן״, „פון מענטש צו מענטש״, „מעשהלעך מיט אַ מאָראַל״, „אין ווילדן ווערטער־וואַלד״, „פון נעכטן ביז מאָרגן״, „אונטער דער זון״, „מודה אַני״, „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט״

און אַנדערע ביכער זיינע, גייט ער קאָנסעקווענט דעם וועג פון שפּראַך־מייסטערשאַפט, פון שפּראַך־באַשאַף.

ס׳רעדט זיך דאָ נישט, פאַרשטייט זיך, וועגן זיינע קאָמעדיעס און סתם פּיעסן, פון וועלכע נאַדיר אַליין האָט געחוזקט אין זיין שמועס מיט מיר. אין דראַמאַטורגישן זשאַנר, האָט זיך פאַרלוירן נאַדירס אייגנאַרט און ס׳האָט זיך באַקומען אַ זוכעניש פון סצענישן דערפאָלג, וואָס האָט די מיאוסע טבע אָפּטמאָל נישט צו קומען, ווען מ׳זוכט אים זייער שטאַרק. פאַר יעדן פרייז האָט נאַדיר געוואָלט אין זיינע טעאַטער־שטיק דערגיין צום עולם און דערוויייל איז ער אין גאַנצן אַוועק פון זיך.

און נאַדיר איז דווקא געווען אַ פאַרליבטער אין טעאַטער, אָפּט־מאָל זייער אָריגינעל און טרעפלעך זיך אַרויסגעזאָגט וועגן טעאַטער, פאַרשטעלונגען, פּיעסן, אַקטיאָרן. שיינע מוסטערן דערפון קאָן מען געפינען אין „מיינע הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאַזיקע בלוט״ און אויך אין אַנדערע ביכער. ער ליובעט זיך אין באַשרייבן אַ פּורים־שפּיל, וואָס ער געדענקט פון זיינע קינדער־יאָרן. ער קען בייסיק, קורץ און שאַרף מאַכן אַ חשבון מיטן יידישן טעאַטער פון יענער צייט (די תקופה פונעם אַנהייב פון מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער):
„מאָריס שוואַרץ האָט פאַראיאָרן אַנטדעקט אַמעריקע — אין גע־שטאַלט פון פּרץ הירשביין, וועלכער איז שוין ב״ה לאַנג געווען אַנטדעקט פאַר אַלעמען — אַחוץ פאַרן יידישן טעאַטער״...

פּראַקטיש אָבער האָט דער „יונגער טאַלאַנטלאָזער הומאָריסט משה נאַדיר״ (אַזוי באַטיטלט ער זיך אַליין אין זיין „אין צוואַנציק יאָר אַרום״) זיין טאַלאַנט נישט באַוויזן אויסצונוצן אין טעאַטער, נישט געקוקט אויף די פּיל פּיעסן, וואָס ער האָט געשריבן (צווישן זיי — אויפגעפירטע, בעיקר פון מאָריס שוואַרץ — „סוקסעס״, „דער לעצטער ייד״, „די טראַגעדיע פון גאָרנישט״). אַריינגעלעבט און אַריינגעפּאַסט האָט ער זיך דאַקעגן אין מאַריאָנעטן־טעאַטער, אין דער קליינקונסט. זיינע גראָטעסקע סאַטירישע מיניאַטורן זענען אויפגעפירט געוואָרן אויף קליינע בינעס מיט גאָר גרויס דערפאָלג.

דאָס מאַריאָנעטן־טעאַטער „מאָדיקאָט" איז אין אַ גרויסער מאָס געבויט געוואָרן אויף נאַדירס טעקסטן. ס'איז מן־הסתם דערפֿאַר, ווייל נאַדיר האָט געהאַלטן „דאָס בעסטע וואָס אַ שריפֿטשטעלער קאָן טון איז אַרומרינגלען דעם סימבאָל מיט ווערטער און אים נישט לאָזן אַרויספֿליען". און אויף דער בינע דאַרף דווקא אַלץ אַרויספֿליען — נישט בלויז אין ווערטער — אין געשטאַלטן, האַנדלונגען.

אויף דער בינע קאָן נישט באַקומען קיין לעבן אַזאַ נאַדיר־בילד: „דער זומער האָט זיך אַריינגעביסן מיט זיינע גאָלדענע ציין אין דעם ווינטערס ברוינעם לייב און דער ווינטער צאַפּלט זיך און ביטערט און שלאָגט מיט די דאַרע הענט איבערן פֿאַרעקשנטן קאָפּ פֿון זומער" („מיט אַ פֿיינעם פּראַזנפּראַגז").

3

משה נאַדיר האָט געוווסט וואָס צו פֿאַרלאַנגען פֿון קונסט און וואָס די קונסט דאַרף געבן. אַ שלל פֿון זכרונות וועגן דעם האָט מיר ביי פֿאַרשידענע געלעגנהייטן דערציילט דער קינסטלער יצחק ליכטענשטיין, וועלכער איז געוועזן נאָענט באַפֿריינדט מיט נאַדירן נאָך אין די יאָרן פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה. אין די זכרונות פֿון ליכטענשטיינען — סיי די שוין געדרוקטע, סיי די וואָס געפֿינען זיך נאָך אין כתב־יד, און דער עיקר: אין די, וועלכע ער האָט מיר פּערזענלעך דערציילט — איז פֿאַראַן זייער אַ סך שטריכן פֿאַרן פֿאַרטרעט פֿון משה נאַדיר דעם קינסטלער, דעם שרייבער, דעם מענטש, דעם באַהעמיען. נאַדיר פֿאַרגעסט אויך נישט וועגן ליכטענשטיינען, אין יענע ווייטע יאָרן און ער שרייבט וועגן אים: „ער פֿלעגט נישט שטיין מיטן אויער ביים שליסל־לאָך פֿון דער נאַטור, נאָר פֿאַרקערט... ער פֿלעגט שטענדיק שטיין ביי דער נאַטורס אויער און איר עפּעס אונטערזאָגן" („וואָס טוען די קינסטלער אין זייערע סטודיעס?").

אין די שורות איז אפֿשר מער פֿאַראַן נאַדירס אייגענער באַנעם

פון קונסט, ווי דאָס אָפּשאַצן ליכטענשטיינען. אָדער ריכטיקער: די כוונה צו באַגייסטערן ליכטענשטיינען, צו באַשיינען אים, מיט נאַדירס באַנעמען דעם עצם פון קונסט. וואָרים נאַדיר איז שוין אין יענע יאָרן פון דער שליטה פונעם גרויען רעאַליזם, אָדער שוואַרצן נאַטוראַליזם, געווען דער פּרעדיקער פון אָנטון דאָס גרויע און שוואַרצע אין אַ גרעלן קינסטלערישן לבוש, אין פּילפּאַרביק־רוישנ־דיקן, פון נישט קאַפּירן די נאַטור, נאָר אָנטפּלעקן אין איר דאָס, וואָס דאָס געוויינלעכע אויג דערזעט נישט.

ער האָט גע׳לצ׳עוועט און פריילעך געמאַכט דעם לייענער, געשאָטן מיט וויצן און חכמהלעך? — יאָ, אַוודאי. אָבער ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל אים אַליין איז געווען „אומעטיק, ליבער גאָט. דערי־בער בין איך אַזוי קלוג און פול מיט וועלט־שמערץ, אַ זאַך, וואָס געפעלט זייער די דאַמען" („מעשהלעך מיט אַ מאָראַל"). און דער שאַרף־שפּיציקער שניידיקער מאָראַל — פון דער מערהייט זיינע מעשהלעך מיט און אָן אַ מאָראַל — איז: „אַ מענטש איז נישט קיין בהמה. ער האָט נישט אַזויפיל שכל" („דער ראַדיקאַל").

ציניזם, וועט מען זאָגן? — יאָ און ניין. דער עיקר איז עס אָבער די חכמה פון „אויסגעטראַכטע זאַכן", וואָס זענען אַ נישט־צעטייל־באַרער חלק פון יעדער קונסט, ווי אויך די צעשפּילטקייט „אויף גע־לעכטער", אויף אַ געמישנע, ווי קינדער פּלעגן זאָגן אין וואַרשע — אין יענע יאָרן ווען מאָסן קינדער האָבן אין וואַרשע גערעדט יידיש. אַלץ דערפאַר, ווייל דאָס לעבן איז אומעטיק, ס׳איז אומעטיק די וועלט. טאָ זאָל מען רייסן קריעה צוליב דעם — אַז פאַרבעסערן וועט מען עס נישט קאָנען? ווייס איך וואָס, בעסער לאַכן דערפון, באַדאַי מיט יאַשטשערקעס. לאַכן, ווי עס קאָן אָן אַמעריקאַניזירטער נאַראַיעווער; דער מיט ווין־אָנגעזאָפּטער גאַליציאַנער פון דעם פאַרביקסטן גאַליציעלאַנד, ווו „יעהאָוואַ, מיין לאַנצמאַן (איך בין כמעט זיכער, אַז גאָט איז אַ... גאַליציש־פּוילישער, אַנישט וואָלט ער נישט אונטערגענומען זיך צו פירן אַזאַ וועלט מיט די הוילע צען פינגער)" איז מיט אים פאַן־בראַט.

לייטישע מענטשן האָבן פאַר אַזעלכע רייד געמוזט נאַדירן האַלטן, אַז ער איז נישט קיין לייט. נו, מילא, האָט ער זיך שטאַרק איבערגענומען דערמיט, אַז די גאַנצע וועלט איז נישט „קיין לייט" און מ'קאָן זי פאַר אַ לייט נישט מאַכן.

נאַדיר האָט עס געפרוווט, ער האָט יאָרן פון זיין לעבן אוועקגע־געבן דערויף פערל פון זיין טאַלאַנט, שטיקער פון זיין האַרץ. און דער סוף: „אַ שלאַנג האָב איך אויסגעוואָרעמט אויף מיין ברוסט", און ער איז מיט אַ קלאַפּ אין טיר אוועק פון דער מיטן שימל פון נעכטן באַוואָקסענער „וועלט פון מאָרגן", אַוועק פון די, וואָס האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל פון „לייט", אַוועק פון זיי ווייט — אין דער סאַמע ריכטיקער צייט, ווען די שלאַנג האָט אָנגעהויבן צו בייסן און סמען (מאָסקווער פּראָצעסן, פלירט מיט היטלערן, סטאַלינישע „ליקווידאַציעס").

ווידער אַוועק זיין אייגענעם וועג, אַן איינזאַמען וועג. ביז ער איז בכלל אַוועק פון דער וועלט, וואָס האָט פאַרמאָגט אַזויפיל שיינקייט און געזונקען אין אַזויפיל מיאוסקייט.

„צו פרי אַוועקגעפאָרן פון דער היים. אים איז פאַרבליבן אַ ניגון אין געמיט און דער ניגון באַגלייט אַלע שאָטנס, וואָס ציטערן אויף אין זיין זיכרון" — שרייבט וועגן אים איציק מאַנגער.

מאַנגער פירט עס טאַקע אַריין דעם לייענער אין דער נייער אויס־גאַבע פון נאַדירס „אונטער דער זון". ער רופט אַן זיין הקדמה: „נאַדירס לירישער גראָטעסק". דער גרויסמייסטער פון באַלאַדע, פון פאָעטישן גראָטעסק אין דער יידישער ליטעראַטור, איציק מאַנגער געפינט דאָ זיין גרויסע נאָענטקייט צו משה נאַדירן. ער שרייבט: „אידיליע און גראָטעסק — צוויי פּאָליוסן אין נאַדירס ווערק. זיי באַגעגענען זיך אָפט אין נאַדירס ווערק, אָבער דערלאַנגען זיך קיינמאָל נישט די הענט".

אין דער אָפּשאַצונג פון איציק מאַנגערן קאָן מען געפינען גע־וויסע טענער, וואָס זענען זייער צוגעפּאַסט צו מאַנגערס פאָעטישער מוזיק גופא. אַ שטייגער די ראָל פונעם לשון, פון מאַמע־לשון, אין

נאַדירס שאַפן. ער שרייבט וועגן דעם: „די יידישע שפּראַך איז געוואָרן זיין סטראַדיוואַריוס. אויף אָט דעם וווּנדערלעכן אינסטרו־מענט האָט ער אויסגעשפּילט אַלע זיינע פריילעכע און פּאַלעמישע מאָטיוון, אַפילו דעם פּאַלעמישן קידער־ווידער מיט זיין דור און זיינע רעפּרעזענטאַנטן" — שרייבט מאַנגער אין דער הקדמה צום פריער־דערמאָנטן בוך.

איציק מאַנגער און איציק רייז, המכונה משה נאַדיר — ווי אָפט האָבן זיך די צוויי אייגנאַרטיקסטע, עכט־ און אָריגינעל־יידישע שאַפערס צונויפגעטראָפן מיט זייערע טעמפּעראַמענטן, געמיטער, שפּראַך־ליבשאַפט און וואָרט־שפּילן! ביז זייער ענדגילטיקן צונויפ־טרעף ביי דער פערזאָן פון געניע נאַדיר־מאַנגער, די אַלמנה פון ביידע וואָרט־, קלאַנג־ און בילד־מייסטערס — פון ביידע אַזוי פאַר־שידענע און נאָענטע צו זיך דיכטערס.

4

נישט אומזיסט האָט מאַנגער געשריבן וועגן נאַדירס סטראַדיוואַ־ריוס. מוזיק פון וואָרט און אין וואָרט — דאָס איז געווען אַ וויכטיקער עלעמענט אין נאַדירס שאַפן. אויך זיין „אונטער דער זון" הייבט ער אָן מיט אַ מוזיקאַליש קאַפּיטל, „אַ פּאָר ערשטע טענער אויף אויסצו־פּרוון די סטרונעס". דאָס דאָזיקע קאַפּיטל איז אַן אַריינפיר צו דער אויטאָגענעזע פון נאַדירס שאַפן, וועלכע מיר געפינען אין „אונטער דער זון" אַ סך מער, ווי ערגעץ אַנדערש ווו: „איך וועל דערציילן, וואָס ס׳וועט זיך לאָזן. אַמאָל דאָס פריערדיקע שפּעטער, אַמאָל דאָס שפּעטערדיקע פריער, אָפט צונויפמישן און פאַרקרימלעכן".

נאַדיר האָלט גאָרנישט, אַז ער איז אַ „היגער, אַן אַמעריקאַניעץ, מיט אַ שטענדער אין דער גרויסער שול פון באָוועסטקייט". ער גלייבט, אַז „אמתע קינסטלער צירן זיך נישט מיט קיין קונסט, באַ־וואָפענען זיך אַפילו נישט מיט איר. זיי טראָגן זי ווי אַ לאַסט, ווי אַ הויקער".

דאָס דערמאָנט דאָס דאָסטאָיעווסקישע „פאַרשאָלטן זיין מיט טאַלאַנט״, אָבער אויף אַן אַנדער אינסטרומענט אויפגעשפּילט; אויף דעם נאַדירישן אינסטרומענט פון סאַרקאַזם, פון לצנישן פאַרגלייך („אַ הויקער״).

מוזיק. די קונסט פון משה נאַדירן אין „אונטער דער זון״ איז אויפטרייסלענדיקע מוזיק. ער שפּילט מיט איר אויס דעם ניגון פון זיין לעבן: דעם ניגון פון נאַראַיעוו אין אַמעריקע און פון אַמעריקאַנער בענקעניש נאָך נאַראַיעווער שיינקייט. ס׳איז די צום מיינסטן אויטאָביאָגראַפישע דערציילונג פון נאַדירן — געשליידערט אין עפּי־זאָדן, בילדער, מיניאַטורן — ווו עס מישט זיך צונויף דער היינט מיטן אַמאָל. אַמעריקע מיט נאַראַיעוו, פאַנטאַזיע מיט ווירקלעכקייט, הומאָר און גאַלגן־הומאָר, סאַטירע און לירישע השתפכות הנפש.

פאַרטראַכט איז עס נישט ווי מוזיק, גיכער ווי אַ געשריי פון בענקעניש און ווייטיק, וואָרים „מיר זענען אַ גרויס געשריי אין דער וועלט, וואָס שטייט שטענדיק אין פייער. ווער זוכט שיינקלאַנג אין געשריי?״ זוכט נישט נאַדיר, אפשר, דעם שיינקלאַנג, אָבער דער שיינקלאַנג לויפט אים נאָך, געפינט אים — אין יעדן קאַפּיטל, אויף יעדן זייטל, — אין יעדער שורה כמעט. ס׳איז דער שיינקלאַנג פון זיין יידיש וואָרט, זיין לשון. דער שיינקלאַנג פון זיין אָרעם פאָלק, וואָס ער באַצייכנט אַכזריותדיק און האַרציק:

„אַ קליינשטעטלדיק פאָלק, אַ זאַפּטיקס, מיט אַ שפּראַך, וואָס איז נאָך נישט איינגעקוועטשט געוואָרן אין האַרטע פורעמס, ווי אַן ענגער שוך אויף אַ לייסט. אַ שפּראַך אַ פרייע, נישט פון אוניווערסיטעטן געפאָלמעסט, נישט אין פעסטע געזעצן איינמאַרינירט, אַ נאַקעטע, אַ באָרוועסע, אַ באַקוועמע, אַ טאָפּל־זייטיקע, נישט־אָפּגעריבענע שפּראַך — שעמען מיר זיך מיט איר פשוטקייט, פוצן מיר זיך מיט פרעמדלענדישע ווערטלעך, טרייסלען מיר פון זיך שטענדיק דעם שטויב פון קליינעם שטעטל, שטעלן מיר שטענדיק אַרויס אונדזער גרויסשטעטלדיקייט — ווי די גרעסטע מעלה, די העכסטע דערגרייכונג״.

„אָבער דאָס איז דאָך אַ ליגן! אין אַ שטעטל וואַקסט מען אַריין, שלעפּט מען עס מיט זיך וווהין מ׳גייט"... אַ שטעטל איז גאָרנישט קיין קעגנזאַץ צו אַ גרויסער שטאָט, וואָרים „אַ גרויסע שטאָט איז דאָך ענטוועדער אַ סך קליינע שטעטלעך, אָדער בלויז אַ וואָרט". אויף אַזאַ אופן האָט אונדז נאַדיר געגעבן זיין געזאַנג וועגן שטעטל — זיין באַזינגען דאָס שטעטל — און גלייכצייטיק: איינע פון די טיפסטע און שאַרפסטע באַצייכענונגען פונעם כאַראַקטער פון יידיש און דעם אָפּשטאַם פון מאַמע־לשון. דערויף האָט זיך נאָר געקאָנט פאַרגינען אַזאַ שפּראַך־שאַפער און איבערשאַפער, ווי משה נאַדיר. וואָרים ער איז נישט געווען, ווי יענער קינסטלער, וואָס ווערט דורך אים באַשריבן, „ער איז געווען נישט קיין לעבנס־קינסטלער, נאָר אַ לעבנס־שפּיאָן, האָט געפאָרשט ביי דעם אָרעמען לעבן". נאַדיר האָט נישט געפאָרשט. ער האָט מיטגעלעבט — אויסגעלעבט — דאָס לעבן פון דער שפּראַך. איר בלוט האָט וויברירט אין זיינע קינסטלער־אָדערן. דערפאַר האָט ער געקאָנט שאַפן אַזעלכע געשטאַלטן פון נאַראַיעוו, ווי יאָשע שניידער, וועלכער „האָט געהאַלטן די ברילן אויפן שטערן, ווי ער וואָלט באַדאַרפט זען מיטן ש כ ל, נישט מיט די אויגן"; אויסמאָלן אַזעלכע נאַטור בילדער פון שטעטל: „די לבנה שטייט אַ גרינלעכע איבערן שולדאַך, הויערט איבער אונדזערע הייליקייטן און באַלייכט מיט איר צער דאָס אָרעמע שטעטל"... „די טוכלע קלויז איז געוואָרן פון אַ פרישן ווינט אויסגעקערט... די וויינענדיקע ווענט האָבן אויפ־געהערט וויינען. און די טרערן־צייכנס זענען געבליבן ווי אויף די באַקן פון אַ מענטש, וואָס פרייט זיך מיט זיין געזונט ווערן"... אָדער גאָר „דורכן פאַרקאַלכטן און מיט ליים פאַרקלעפּטן פענצטערל שבתט זיך אַריין די אויסגערוטע זון".

אַזאַ פּלאַסטיק פון נאַטור־שילדערונגען איז אין „אונטער דער זון" פאַראַן בלויז אין די נאַראַיעוו־קאַפּיטלעך. דאָס רעדט אַליין פאַר זיך וועגן שטאַרקן חותם, וואָס נאַראַיעוו האָט איבערגעלאָזט אויפן געביט, עמאָציע און זיכרון פונעם דיכטער. היינט — אַזעלכע געשטאַלטן, ווי די קליינע סורטשע, די ערשטע און גרעסטע ליבע

פון אַכט־יאָריקן איציק רייז; דער פעטער איציק, דער משכיל, וועל־כער לערנט אים היגיענע און ווי אַזוי צו גיין אין לעבן, ווי אַזוי צו ליבן... דער שוין פריער דערמאָנטער יאָשע שניידער, דאָס „דייטשל", וואָס אַנטלויפט פון ווייב און באַשווינדלט אַ וועלט. מילא, וועגן טאַטע־מאַמע און פאַרשטאָרבענעם זיידן איז דאָך אָפּגערעדט.

און דאָס ביסל כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן: „לייגן תפילין" צו אַכט יאָר (מיט אַ פּויליש ווערטערביכל...), דער פּורים־שפּיל, דעם טאַטנס אַוועקפאָרן קיין אַמעריקע, דאָס חדר. אַ שלל פון לירישע, נאָסטאַלגישע בילדער, אין וועלכע ס'פּלאָטערט דורך נאַדירס בענק־שאַפט נאָך דער גרויסער אילוזיע, וואָס וואַקסט אויס אין זיין אי־נערלעכער וועלט צו אַ ליכטיקערווירקלעכקייט — נאַראַיעוו.

אין די אַמעריקאַנער קאַפּיטלעך דאַקעגן שפּיזט אַרויס די גאַנצע סאַטירישע שאַרף פון משה נאַדיר, ס'באַווייזן די ציין און נעגל פונעם מענטש, וועמענס „הענט האָבן פאַרגאָסן דאָס דאָזיקע בלוט". דאָ דערשיינט דער קינסטלער מערינאַדי, וועלכער „האָט נישט באַדאַרפט שפּילן — ער איז שטענדיק געווען נאַטירלעך־פאַלש"; די שרייבע־רין פּיצי און זינגער טשאַמקי; דער סקולפּטאָר וואַלקין מיט זיין ווייב (אויך אַ שרייבערין); דער רעפּאָרטער „ביג זעליג", פערגאַמענט און אַ סך אַנדערע, וואָס פאַלן אַרונטער אונטער נאַדירס שמייסנדיקער בייטש פון סאַטירע.

אין דער ערשטער, פאַרמלחמהדיקער אויסגאַבע פון „אונטער דער זון" איז פאַראַן אַ ווידמונג: „מיין ערשט בוך, פון ,אונטער דער זון' איז געשוווירן דעם אָנדענק פון מיין ראָסט־רויטער קאַץ..." א.אַ.וו. אַזוי צו הייליקן אַ בוך האָט געקאָנט בלויז משה נאַדיר. און אַ שאָד, וואָס אין דער פרישער אויסגאַבע זענען די כאַראַקטעריסטיש־נאַדירישע שורות אַרויסגעפאַלן.

אינעם בוך, אין די שוואַכערע „מלך־מעשיות", זענען אויך פאַראַן אַ סך טיפּיש־נאַדירישע סענטענצן און שאַרפקייטן, ווי „דער עצם ענין פון קיניגן איבער אַנדערע, איז אייגנטלעך אַ טיפּשדיקער.

וואָרים, וואָס קאָן זיין מער קרוין ווי דער קאָפּ פון מענטש אַליין, מיט אַלע דימענטן פון געדאַנק אינעווייניק און מיט אַלע ליכטן און ציי־רונגען פון באַשאַף פון אויסנווייניק?״ (״קיניגלעכע וויצן״), אָדער אַזעלכע שעדעווערס, ווי ״דער משפט״.

נאַדיר אַליין זאָגט: ״אויב אַ מעשה, איז גוט אַ לאַכנדיקע און נישט קיין וויינענדיקע״ און בדרך־כלל האַלט ער זיך טאַקע דערביי. ער שאַפט ״אַ מעשה פון משה נאַדירס מעשה־ביכל אַרויס און קיין אוממעגלעכס איז ביי מיר נישט פאַראַן״; דאָך: „יעדע פאַנטאַזיע האָט אַרום זיך אַ פעסטע ראַם, ווי יעדער לויפנדיקער שטראָם האָט אַרום זיך צוויי פעסטע ברעגן. אַניט וואָלט דאָך קיין סוף נישט געווען צו די פאַנטאַסטישע געשיכטן — אמת און ליגן — וועלכע באַהערשן די וועלט אַלץ מער און מער״.

דער דריטער טייל פון בוך — ״דער קליינער איזי און אַנדערע קלייניקייטן״ — באַשטייט פון משה נאַדירס לעצטע שאַפונגען. איז עס אַ ליטעראַריש קעסטל מיט צירונג — אַ העלפאַנטביין־קעסטל, באַצירט מיט קינסטלערישער אָרנאַמענטיק. געפינען מיר אין דעם קעסטל אַזאַ פערל: ״קיין קרוין־פערל אין מיין שפּראַך־קרוין נישטאָ דאָס צו באַשרייבן... טיף אין בלוט ביי מיר זינגט עס: מיט בלאָע שוואַלבן, נעבן נאַראַיעווער קלויז, מיט אַ לעבן, וואָס ליגט פאַרויס, מיט אַ ווינער שטראָז... מיט עפּעס אַזוינס, וואָס טויזנט רעגנבויגנס ווען דאָס נישט אָנשרייבן אויפן פאַרמעט פון מדבר, וואָס איז מיין היינט, אויפן פאַרוויאַנעטן רויזנבלעטל, וואָס איז מיין נעכטן״ („פרילינג 19 און 40״).

אַזוי האָט נאַדיר געשריבן וועגן פרילינג — אינעם פריען האַרבסט פון זיין לעבן, ביי דער שקיעה פון זיין שאַפן. דאָס איז היפּוכדיק אַנדערש פון דעם פּאָרטרעט, וואָס האָט זיך אין מיין געדעכעניש אויסגעמאָלן — דעם פּאָרטרעט פונעם זומערדיקן, זוניק־פאַרכמאַרעטן לץ, משה נאַדיר. דאָס שווערע, פּיינפולע, גייסטיק־פאַרפלאָנטערטע לעבן פונעם דיכטער האָט עס אויסגעקאַרבט די טיפע קנייטשן פון ווייטיק און רעזיגנאַציע אין דעם פּאָרטרעט, וואָס

איז אַנדערש ווי דער דורך מיר פּאַרפּיקסירטער און וועלכן איך זע נאָך איצט, אַ לעבעדיקן ממש, פֿאַר די אויגן פֿון מיין נשמה — אויב זיך צו באַנוצן מיט אַ מליצה פֿון אַ גרויסן פּוילישן ראָמאַנטי־קער. ביי נאַדירן מעג מען עס. וואָרים בעצם איז זיין עקסעלענץ, דער לץ, געווען אַ גרויסער ראָמאַנטיקער.

דער ווולקאַן פּרץ מאַרקיש

1

ביידע באַגעגענישן, וואָס איך האָב געהאַט מיט פּרץ מאַרקישן האָבן זיך מיר איינגעקריצט אין זיכרון און האָבן יאָרנ־לאַנג געלעבט אין מיין געמיט, ווייל חוץ דער וואַרעמקייט, חברישע און קינסטלערישע, וואָס האָבן געשטראַלט פון אים, פון זיין האַלטונג און רייד, האָט ער אין זיין ווולקאַנישער אויפריכטיקייט געלאָזט פאַלן ווערטער וועגן חברים־שרייבער אין מאָסקווע, וואָס האָבן אין מיר אַרויסגערופן מאָדנע מחשבות און זענען, אין אַ געוויסן זין, געווען וועגווייזעריש אין מיין ווייטערדיקן לעבן אין ראַטנפאַר־באַנד און אין פּוילן...

פונקט ווי אין זיינע ווערק איז ער אויך אין לעבן געווען דורכ־געדרונגען מיט גליאיקער פּאָסיע און דערצו האָט ער שטענדיק געהאַט אין זיך די גרייטקייט צו העלפן. עס איז געווען אין אים עפּעס פון אַ גרויסן חסיד. אויב אין שרייבן האָט מען אים געקענט פאַרוואַרפן אַ סטיכישע צעגאָסנקייט, האָט מען אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט אים דערפילט דעם גרויסן קינסטלער פון השתפכות הנפש.

„ווען איך וואָלט געווען אַ פּרומער ייד — האָט ער אַמאָל אַ זאָג געטאָן מיט זיין כאַראַקטעריסטישן אומרו — וואָלט אַ ,שמונה־עשרה׳ געדויערט ביי מיר שעהן... צו דאַוונען דאַרף מען האָבן טאַלאַנט...״

איך האָב געוווּסט וועמען ער מיינט. ער איז אָבער נישט געווען זיכער און האָט צוגעגעבן:

„איר פאַרשטייט... שוין אָפּגערעדט פון שטיין פאַרן עמוד ווי אַ בעל־תפילה, אַ שליח־ציבור, נאָר פשוט דאַוונען דאַרף מען אויך קענען. טאַלאַנטירטע דאַוונער זענען שטענדיק געווען בלויז ,יחידי־סגולה׳״.

וועגן זיך האָט ער אַמאָל געזאָגט:

„כ׳שווים נאָך אַלץ מיט מיין שיף אויף אַ צעשטורעמטן ים... שאַדט נישט, די שיף איז אַ שטאַרקע און דער ברעג איז שוין נישט ווייט...״

אין מיר איז אָבער תמיד געבליבן דאָס געפיל, אַז אַפילו ווען ער וועט שוין צושווימען צום ברעג, וועט ער גלייך פון דער שיף אַרויספּזעצן זיך אויף אַ ווילד פערד און יאָגן ווייטער, ווייטער אין דער אומענדלעכקייט און אויפן וועג שפּייען מיט פייערדיקע לאַוועס.

אַ לאַנגע צייט אין פוילן האָב איך זיך אַרומגעטראָגן מיט מחשבות און פּלענער צו שרייבן אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דאָזיקן מערקווירדיקן דיכטער. אָבער אין יענער צייט האָב איך אויך מורא געהאַט צו ווערן אַנגעשטעקט מיט מאַרקישעס השתפכות הנפש. כ׳האָב אויסגענוצט די געלעגנהייט ווען איך האָב געשריבן וועגן דער סאָוויעטישער דראַמאַטורגיע און געווידמעט אַ ספּעציעלן קאַפּיטל מאַרקישעס דראַמאַטורגישער קונסט און דערביי נישט רעזיגנירט פונעם געדאַנק צו שרייבן וועגן אים אַ גרעסערע אַרבעט. צי וועל איך עס נאָך באַווייזן?...

*

יאָרנלאַנג האָט דאָס יידישע טעאַטער אין ראַטנפאַרבאַנד נישט באַגינסטיקט דעם געבורט פון אַ ווערטפולער, דויערנדיקער דראַמאַטורגיע, די פאָרמאַליסטישע עקספּערימענטן, וואָס האָבן באַהערשט די יידישע מלוכה־טעאַטערס אין ראַטנפאַרבאַנד, זענען געווען אַ שטיין אויפן וועג פון דער דראַמאַטורגיע.

אַ קער צום בעסערן אין יידיש־סאָוויעטישן טעאַטער איז פאָר־געקומען סוף צוואַנציקער יאָרן, ווען — אונטערן איינפלוס פון רוסישן טעאַטער־לעבן — האָט דאָס יידישע טעאַטער אָנגעהויבן זיך צו באַפרייען פון פאָרמאַליסטישע בלדאַנדזשעניש, אָנגעהויבן צו זוכן אַ וועג צום סאָציאַליסטישן רעאַליזם. דאָס האָט דערפירט צו אַן אויפשוווּנג פון דער יידישער דראַמאַטורגיע אין ראַטנפאַרבאַנד, צו דעם געבורט פון נייע דראַמאַטורגישע ווערק און צו דעם אויפקום פון אַ פּלעיאַדע נייע שרייבער פאַרן טעאַטער. דער דראַמאַטורג פאַראינטערעסירט זיך מיט דער יידישער ווירקלעכקייט אין ראַטנ־פאַרבאַנד און פּרוווט זי קינסטלעריש אויספורעמען פאַר דער בינע: ער ווענדט זיך צו דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט פון רעוואָלוציע און בירגער־קריג; ער דערזעט מיט אַ ניי אויג די געשיכטלעכע טעמאַטיק. עס ווערן געשאַפן קינסטלערישע, רעאַליסטישע בינע־געשטאַלטן.

מיט דעם דערשיינען פון ה. אָרליאַנדס „הרעבליעס" (אַ דראַמאַ־טיזאַציע פון זיין דערציילונג) איז אַרויף אויף די בינע־ברעטער פון יידיש־סאָוויעטישן טעאַטער דער געזונטער ייד, וואָס זיין האַנט איז געווינט געוועזן צו האַלטן די לאָפּאַטע און האַמער, נישט דעם שירם און דאָס שטעקעלע. מיט אַ נייער טעמע קומט דער דיכטער ליפע רעזניק, וועלכער ווייזט קערנדיקע בילדער פון דער רעוואָלו־ציע און בירגער־קריג („דער אויפשטאַנד", „אין יענע טעג", אַנדערע פיעסן זענען שוין דעם שרייבער ווייניקער געלונגען, אַחוץ דער גלענצנדיקער דראַמאַטיזאַציע פון י. ל. פּרצס „שוועסטער"). דעם קאַמף פון פּוילישן אַרבעטער־קלאַס פאַר זיין באַפרייונג גיט ב. אָר־שאַנסקי אין זיין פּיעסע „בלוט" (ער איז אויך דער מחבר פון די פּיעסן „אַננאַ" און „ביי די ערשטע זון־שטראַלן").

נאָך די ערשטע שוואַכערע פּיעסן („אין בערג", „שילער און ברויט") אַנטפּלעקט זיך דער קרעפטיקער דראַמאַטורגישער טאַלאַנט פון מ. דאַניעל, וועלכער באַרייכערט די דראַמאַטורגיע מיט פּיעסן פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט („זיאַמקע קאָפּאַטש" און „יוליס"

— וועגן דער סאָוויעטן־מאַכט אין ווילנע אין יאָר 1919) און אינטע־רעסאַנטע היסטאָרישע פּיעסן („גוטענבערג" — וועגן דעם דערפינ־דער פון דרוק און „שלמה מיימאָן" — וועגן דעם פּויליש־יידישן פי־לאָזאָף פון סוף 18טן יאָרהונדערט); דער דיכטער ש. האַלקין — נאָך דער באַאַרבעטונג פון גאָלדפאַדענס „שולמית" און דער איבער־דיכטונג פון שעקספּירס „קעניג ליר" — שאַפט אַן אָריגינעלע דראַ־מאַטישע פּאָעמע „בר כוכבא", אַ פּיעסע וועגן אַ לעגענדאַרן יידישן פאָלקס־פאַרוויילער „דער שפּילפויגל" און אַ דיכטעריש־דראַמאַטור־גישן פּרווו אָפּצושפּיגלען דעם הערויזם פון געטאָ־אויפשטאַנד („געטאָגראַד" („אויף טויט און אויף לעבן"); די געשטאַלט פון לע־גענדאַרן גזלן, וואָס איז געוועזן אַ פאָלקס־העלד, אַ קעמפער קעגן עוולות און אונטערדריקונג, פירט אַרויס אויף דער בינע דער דיכטער מ. קולבאַק אין זיין „בויטרע"; די טעמע פון פּאָפּולערן פאָלקס־ווילצלער הייבט אַרויס דער דראַמאַטורג מ. גערשענזאָן אין זיין פאָלקס־שפּיל „הערשעלע אָסטראָפּאָליער".

עס הייבט אויך אָן צו שאַפן פאַרן טעאַטער דער מייסטער פון דער יידישער פּראָזע דוד בערגעלסאָן. עס קומען קודם די דראַמאַ־טיזאַציעס פון זיינע צוויי דערציילונגען — קינסטלעריש־רייפער און סצעניש־אינטערעסאַנטער שטאָף — „די ברויט־מיל" („דער טויבער" — וועגן די סאָציאַלע קאַמפן אין דער יידישער סביבה פאַר דער רעוואָלוציע) און „מידת הדין" (דאָס רייכע קאַפּיטל בירגער־קריג אין באַגין פון דער ראַטנמאַכט). אין די מלחמה־יאָרן דערשיינט בערגעל־סאָן מיט אָריגינעלע דראַמאַטורגישע שאַפונגען: „פּרינץ ראובני" (אַ דראַמאַטישע פּאָעמע וועגן דער געשטאַלט פון אַ „פאָלקס־דערליי־זער" אין זעכצנטן יאָרהונדערט) און „מיר וועלן לעבן" (וועגן דעם קאַמף קעגן היטלעריסטישן אָקופּאַנט).

ביז דער מלחמה שאַפט זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס אהרן קוש־ניראָוו (וועלכן מיר וועלן ווידמען אַ באַזונדער קאַפּיטל). נאָך דער מלחמה באַווייזן זיך — צווישן אַנדערע — דער דיכטער ס. טאַלאַלייעווסקי מיט זיין פּיעסע „אויפן גאַנצן לעבן" (וועגן דעם אָנטייל פון דער

יידישער יוגנט אין דער פּאַטערלענדישער מלחמה); דער פּראָזאַי־קער י. ראַבין — „אַ גוט יאָר אויף אייך" (דאָס צוריקקומען נאָך דער מלחמה פון דער עוואַקואַציע אין די חרובע היימען); דער בּיראָבּי־דזשאַנער ד. מילער מיט זיין פּיעסע „ער איז פון בּיראָבּידזשאַן" און אַ סך אַנדערע דיכטער און פּראָזאַיקער, וואָס האָבּן געפּרוּווט זייער פּעדער אין דער דראַמאַטורגיע.

דער באַדייטנדיקסטער פון אַלע — סיי אין הינזיכט פון דראַמאַ־טורגישער קוואַליטעט, סיי לויט דער צאָל פון די געשאַפענע ווערק — איז אָן ספק דער דיכטער פּרץ מאַרקיש.

2

פּרץ מאַרקיש איז איינער פון די גרעסטע יידישע דיכטער פון אונדזער צייט — איז אויך איינער פון די פילזייטיקסטע יידישע פּען־מענטשן: אַ דיכטער, וואָס פאַרמאָגט אַ ברייטן אָטעם פאַר גרויסע עפּישע לייוונטן און גלייכצייטיק אַ צאַרטער ליריקער; אַ פּובליציסט און עסייאיסט; דער מחבר פון קורצע, געפּרעסטע בּילדער, פאַרציי־כענונגען און פון אַ טויזנט־זייטיקן ראָמאַן („דור אויס, דור איין"); אַ טעאַטראַל (דער מחבר פון אַרטיקלען, רעצענזיעס, עסייען איבּער טעאַטער און פון דער מאָנאָגראַפיע וועגן ש. מיכאָעלסן) און אַ דראַ־מאַטורג (אין די רייפע שריפטשטעלערישע יאָרן).

פּרץ מאַרקיש איז געבּוירן געוואָרן אין אַן אָרעמער היים אין דעם וואָלינער שטעטל פּאָלאָנע אין יאָר 1895. פון 13טן לעבנס־יאָר הייבּן זיך אָן זיינע וואַנדערונגען — קיין בּערדיטשעוו, אָדעס, יעקאַ־טערינאָסלאָוו און קיעוו. ער מאַכט אויך אַדורך די ערשטע וועלט־מלחמה אויפן פראָנט. פון 1921 פאַרבּרענגט ער אייניקע יאָר אין פּוילן און שפּעטער — דורך בּערלין, לאָנדאָן, פּאַריז קערט ער זיך צוריק קיין ראַטנפאַרבּאַנד.

מיט טעאַטער האָט זיך מאַרקיש אינטערעסירט אַ סך יאָרן. נאָך אין יאָר 1924 טראָגט ער זיך אַרום אין וואַרשע מיט אַ פּלאַן צו

שאַפֿן אַ טעאַטער פֿון דיכטער. פֿאַר זיך האָט ער אָבער אין דעם טעאַטער נישט געזען דאָס אָרט פֿון אַ דראַמאַטורג, נאָר — פֿון אַן אַקטיאָר. ערשט אין ראַטנפֿאַרבאַנד נעמט ער זיך צו קאָנקרעטער טעאַטער־אַרבעט, איבערזעצנדיק מ. לעווידאָווס פּיעסע „באַבעף״.

אין 1929 ווערט אין ניו־יאָרק אויפֿגעפֿירט נ. בוכוואַלדס דראַ־מאַטיזאַציע פֿון מאַרקישס פּאָעמע „נישט געדאגהט״. אפֿשר האָט דאָס באַוויגן דעם דיכטער אַליין צו פּרוּוון זיינע כוחות אין דער דראַמאַטורגיע, סצעניש צו שילדערן די צייט, וואָס האָט —

מיט טאַצן און מיט מילשטיינער,
מיט שווערדן און מיט אַקער,
— קלייטעלעך געקרישלט,
— יאָרהונדערטער געוואַקלט!

גיבן סצענישע בילדער, וואָס שילדערן דעם אונטערגאַנג פֿון אַלטן יידישן שטייגער אין ראַטנפֿאַרבאַנד, דעם געבורט פֿון נייעם שטייגער פֿון נייעם לעבן.

אַ ריס צו טאָן, אַ בראָך צו טאָן
די פֿינצטערע באַדעקנס,
און אָנצינדן דאָרט יאָרצייטן
נאָך טאַרבעס און נאָך שטעקנס...

ס׳לעצטע מאָל אַ טראָט טאָן דאָרט,
צעברעכן און צעשמעטערן
דעם בונד דעם לאַנג־פֿאַרשניטענעם
פֿון גאָט מיט זיינע בעטלערס...

אָבער דאָס איז נישט געווען מאַרקישעס דראַמאַטיזאַציע פֿון זיין פּאָעמע. ריכטיקער איז עס — אַן איבערקנעטונג פֿון דעם זעלבן שטאָף, וואָס אין דער פּאָעמע, אין אַ סצעניש בילד פֿון דעם פֿאַר־מירנדיקן זיך נייעם יידישן לעבן. עס איז דער סוף פֿון די מנחם־

מענדלשע שטעטלעך. די מענטשן פאַרלאָזן די שטעטלעך, גייען אַוועק באַהערשן סטעפּעס, בויען דאָרט אַ פּראָדוקטיוו יידיש לעבן. גאַנצע שטעטלעך גייען — סיי מענדל דער וואַסערטרעגער און ישראליק דער שניידער, סיי ר׳ אריה צעלניק און דער בעל־גוף ר׳ קיווע.

דער גראַנגל מיט שוועריקייטן — צו וועלכע עס קומט נאָך צו דער קאַטאַקליזם פון טריקעניש אין סטעפּ; די קרבנות, וואָס דאָס האָט געקאָסט; דער קאַמף מיט די אינערלעכע שונאים, ווי קיווע; דער ווידערגעבורט פון מענדעלען; די ליכטיקע געשטאַלטן פון פּאַרטיי־אינסטרוקטאָר חבר ראַנדעל; דער קאָמסאָמאָלקע סאָרצע; אַגראָנאָם טומין — קורץ: דאָס פילפאַרביקע בילד פון געבורט פון אַ פּראָדוקטיוו יידיש לעבן ביי לאַנדווירטשאַפט געלינגט מאַרקישן צו באַווייזן דורך טיפע דראַמאַטישע קאָנפליקטן און דורכן פּלאַסטישן שילדערן פון מענטשלעכע כאַראַקטערן. און דאָס איז געווען מאַרקי־שעס גרויסער נצחון אַלס דראַמאַטורג, כאָטש די פּיעסע ליידט אַ ביסל פון אַרכיטעקטאָנישע בלויזן און אַפילו — פון שפּראַך־נאַכלעסיקייט (די שוואַכקייט צו רוסיציזמען).

3

„נישט געדאַגהט" האָט אַן אַטעם געטאָן מיט פרישקייט — סיי טעמאַטיש (אַזוי אַקטועל אין יענע יאָרן אין ראַטנפאַרבאַנד), סיי מיטן סצענישן שטאָף. די פּיעסע איז גלייך איבערגעזעצט און אויפגעפירט געוואָרן אויך אויף דער רוסישער בינע (א״נ „ערד"). אפשר האָט דאָס אינספּירירט דעם דיכטער צו שרייבן דירעקט פאַר דער רוסישער בינע זיינע צוויי ווייטערדיקע פּיעסן.

„דער פינפטער האָריזאָנט" — אַ פּיעסע וועגן לעבן און קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס אין מערב־אייראָפּע; „ווער — ווער — וועמען" — וועגן די פּראָבלעמען פון אינדוסטריאַליזאַציע אין ראַטנפאַרבאַנד און קאַמף פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט קעגן דער ערשטער סאָציאַ־ליסטישער מלוכה.

ביידע פּיעסן זענען געשפּילט געוואָרן אין אָנגעזעענע רוסישע טעאַטערס אין מאָסקווע, ביידע זענען אָבער נישט געווען קיין פול־ווערטיקע קינסטלערישע דערגרייכונגען פון מחבר (דערשינען אויך אין יידיש). עס איז געווען אַ סצענישע רעאַליזאַציע פון סכעמעס, וועלכע דער דיכטער האָט זיך געשאַפן. ביידע פּיעסן האָבן טאַקע פאַרמאָגט דעם מאַרקישן אימפּעט און פּאַטעטישן הויך, די געשטאַלטן אָבער, וועלכע דער מחבר האָט גערופן צום בינע־לעבן, זענען נישט אַרויס־געוואַקסן פון אמתן לעבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מאַרקישן איז שווער אַרויסצובאַקומען זיך פון זיין סביבה, פון קרייז פון די געשטאַלטן, צווישן וועלכע ער איז אויסגעוואַקסן. וועלכע ער האָט געקענט ביז די פאַרבאָרגנסטע קעמערלעך פון זייערע נשמות. און דאָס איז דאָך אַן אַלטער כלל: פּראָבלעמען נישט פאַרקערפּערטע אין האַנדלונגען פון לעבעדיקע געשטאַלטן, זענען טויט אויף דער בינע.

אָבער מאַרקיש רוט נישט, דאָס איז נישט לויט זיין טבע. אַ רייזע קיין ביראָבידזשאַן באַרייכערט אים מיט נייעם שעפערישן שטאָף. וועלכן ער נוצט אויס אין פאַרשידענע זשאַנרען. עס ווערט דאַן גע־שאַפן זיין פּאָעמע „עס גייט, טייגע, צו דיר איצט יונג ווערן אַ פאַלק", דערציילונגען, פאַרצייכענונגען פון ביראָבידזשאַן און די פּיעסע „משפּחה אָוואַדיס" (1938). אָבער נישט ביראָבידזשאַן איז דער עיקר אין דער פּיעסע — דאָס איז בלויז דער פאָן. דער עיקר איז ווידער — דער געבורט פון נייעם יידישן מענטש. עס רופן זיך אין דער פּיעסע איבער מאָטיוון פון זיין דערציילונג „די נייע יידישע משפּחה" און פון דער „באַלאַדע וועגן ברידער", אין וועלכער איין ברודער שטעלט זיך פּרייוויליק אויפן אָרט פון אַ געפאַלענעם ברודער ביי דער גרענעץ פון ראַטנפאַרבאַנד.

אין דער „משפּחה אָוואַדיס" באַווייזט אונדז מאַרקיש די דריי דורות פון אַ האָרעפּאַשנער יידישער משפּחה. דער אַלטער אברהם, זייוול און זיינע זין מאָטקע און שלומקע. דאָס איז שוין נישט אַ בילד פון דער יידישער משפּחה, וועלכע מיר זענען געוווינט צו זען אין די ווערק פון השכלה, פון קריטישן רעאַליזם — דאָס בילד פון צעפאַלן

ווערן פון דער משפחה. מאַרקיש ווייזט אונדז די ס אָ װ י ע ט י ש ע יידישע משפחה, דאָס צעמענטירן זיך פון דער משפחה אין פּראָצעס פון בויען דאָס נייע לעבן, אין קאַמף פאַרן נייעם לעבן. און אַרום די אָוואַדיסעס — אַ פאַרביקע גאַלעריע פון געשטאַלטן, וואָס באַהערשן די טייגע אין ווייטן מזרח: אָנהייבנדיק פון אַגראָנאָם ריבעלסקי, וועלכער חלומט וועגן נייע פלאַנצונגען, ביז דעם אַלטן קלעזמער, וועלכער שפּילט אויס דאָס ליד פון זיין פאַרגאַנגען טרויעריק לעבן; דער גרענעצלער בויקא און די פליערין אירינע — אַלע פאַרבונדן אין איין שטרעבונג מיט דער ליבע צום גרויסן פאָטערלאַנד. אויף דער בינע קומט נישט פאָר קיין קאַמף מיטן שונא — דעם קאַמף פילט מען אָבער כסדר אין דער האַנדלונג, נישט ווייניקער, ווי דעם קאַמף מיט דער נאַטור, מיט דער סטיכיע, וועלכע מיר זעען יאָ אין אַ געווי־סער מאָס אויף דער בינע.

אַ יאָר שפּעטער שאַפט מאַרקיש איינע פון זיינע שטאַרקסטע פּיעסן — די בעסטע פּיעסע זיינע — „דער מאַלצייט".

טעמאַטיש רופט זיך די פּיעסע איבער מיט צוויי וויכטיקע ווערק פון מחבר: מיט דער פּאָעמע „די קופּע" און דעם ראָמאַן „דור אויס, דור איין", באַזונדערס מיטן ראָמאַן.

אוקראַינע, דאָס יאָר 1920. בירגער־קריג, פּאָגראָמען. אָבער להיפוך צום דיכטערס יוגנט־פּאָעמע, וואָס איז אַן אויפטרייסלענ־דיקער ווייגעשריי וועגן הריגות און שענדונגען, איז אין דער פּיעסע דאָ דער אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד קעגן אַטאַמאַן סאַפּונ־סקיס באַנדעס, — אַ ווידערשטאַנד פון סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנער פון וואַסיליעווס גרופּע און צווישן די פּאַרטיזאַנער — די זין פון דעם שוסטער קאַנאַריק און עזרא, דער זון פון דער צענטראַלער געשטאַלט — מענדל.

אין די אַכט בילדער פון דער פּיעסע גיט מאַרקיש בלוט־גלי־ווערנדיקע סצענעס פון גרוילטאַטן פון די באַנדעס און איבער־צייגנדיקע באַווייזן פון פּאַלקס־העראָיזם. דער עיקר אָבער — לעבעדיקע מענטשן, ליידנדיקע און קעמפנדיקע, מענטשן פון בלוט

און פּלייש. מאַרקיש שרעקט זיך נישט פאַר גרויל־סצענעס, וואָס מאַכן מאָמענטנווייז דעם איינדרוק פון מעלאָדראַמאַטישער אָנגע־צויגנקייט. ער באַהויכט זיי מיט אַ הייסן דיכטערישן אָטעם, וואָס מאַכט זיי באַגלויביק און ווירקנדיק.

די פּובליציסטישע שלאָגפערטיקייט צו ענטפערן אויף אַקטועלע געשעענישן גיט מאַרקישן די אָנרעגונג צו שאַפן די פּיעסע „כל נדרי" — וועגן דער באַפרייונג פון מערב־אוקראַינע. עס געלינגט אים איר דעם מחבר אמתדיק איבערצוגעבן די שטימונגען און איבערלע־בונגען פון יידישע פאָלקס־מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין פּוילן אונטער דעם סאַנאַטאָרישן רעזשים; דעם גרויל פון דער היטלעריס־טישער סכנה, וואָס איז געהאַנגען איבער זייערע קעפּ, און די גרויסע פרייד פון באַפרייונג, וועלכע עס האָט מיט זיך געבראַנגט די רויטע אַרמיי. די טעמע איז אויך סצעניש אויסגענוצט געוואָרן דורכן קיע־ווער דראַמאַטורג הובערמאַן („אַ גאַסט פון יענער וועלט"), זי האָט אָבער ביי הובערמאַנען נישט באַקומען די דיכטערישע אָנלאָדונג, וואָס אין מאַרקישעס ווערק, און זיך דעריבער נישט דערהויבן צו דער מדרגה פון פאַראַלגעמיינערונג, וועלכע מאַרקישן איז געלונגען צו דערגרייכן דורכן טיפן שילדערן די אינערלעכע וועלט פון זיינע העלדן, וואָס זענען געוואָרן די אויסדריקער פון אַ גאַנצער מאַסע יידישע פאָלקס־מענטשן.

„כל נדרי" איז פאַרטיק געוואָרן ערב דעם היטלעריסטישן אָנפאַל אויפן ראַטנפאַרבאַנד. אַ יאָר שפּעטער — אַ נייע פּיעסע „אויג פאַר אויג".

אין די ערשטע חדשים פון דער מלחמה האָט דער דיכטער פלאַסטיש דערזען דעם טראַגישן גורל פון די יידישע מאַסן אונטערן היטלעריזם, דעם שוידער פון געטאָס און פאַרניכטונגען. ער האָט אויך דאָן דערזען די שפּראָצונגען פון ווידערשטאַנד, וואָס מוזן קומען. די עלעמענטן האָט ער אַרויסבאַקומען אין מאָנומענטאַלע בילדער אין דער פּיעסע „אויג פאַר אויג". ער האָט געשילדערט די יידישע זייט — דעם געטאָ, די מאַרטיראָלאָגיע און דעם געבורט פון

ווידערשטאַנד; די היטלעריסטישע זייט — מיט איר פֿאַרחיהשונג, מיט דעם אומפֿאַרמײַדלעכן אונטערגאַנג, וואָס דערוואַרט זי.

נאָך דער מלחמה שאַפֿט מאַרקיש זיין „אויפשטאַנד אין געטאָ". דער דיכטער האָט זיך נישט געשטיצט אויף דאָקומענטאַלע מאַ־טעריאַלן ביים שילדערן דאָס לעבן אין געטאָ און דעם אויפשטאַנד. די געטאָ־סביבה איז דעריבער אַרויס היסטאָריש (און סאָציאַל) נישט ריכטיק, די ראָל פון יודענראַט איז געוואָרן פֿאַלש באַלויכטן, די קלויסטער־סצענעס מאַכן דעם איינדרוק פון אַ סענסאַציע אין אַלט־ראָמאַנטישן סטיל. די שוואַכקייטן פון היסטאָריש־אידעאָלאָגישן כאַראַקטער האָבן זיך געמוזט אָפּשלאָגן, פֿאַרשטייט זיך, אויף דער קינסטלערישער זייט פון דער פּיעסע, וועלכע איז ווייט פון צו געבן אַ רעאַליסטיש בילד וועגן געראַנגל אין געטאָ און וועגן דעם אויפ־שטאַנד.

דעם קאַמף מיטן היטלעריזם — דאָס מאָל אין די פּאַרטיזאַנישע רייען, אין די וועלדער — איז אויך געווידמעט מאַרקישעס לעצטע פּיעסע: „וואַלד־ברידער". מאָטיוון פון די לעצטע צוויי פּיעסן (אַפילו אייניקע נעמען פון העלדן) גייען אַדורך אין דעם גרויסן עפּישן ווערק פון מאַרקישן, אין דער פּאָעמע „מלחמה".

4

וואָס האָט מאַרקיש אַריינגעבראַכט אין דער סאָוויעטישער דראַמאַטורגיע? וואָס איז געווען דאָס אייגענע, מאַרקישע, מיט וועלכן ער האָט באַרייכערט די יידישע דראַמאַטורגיע?

אין זיינע פּיעסן צייכנט זיך בולט אויס די גאַלעריע פון יידישע פֿאָלקס־מענטשן — סיי אַזעלכע, וואָס האָבן שוין געהאַט אַן אויס־פֿאָרמירטן כאַראַקטער אין דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט, סיי די, וועלכע זענען איבערגעבויט געוואָרן אין געראַנגל פֿאַר אַ נייער גע־זעלשאַפֿטלעכער אָרדענונג. דער עיקר — טאַקע די לעצטע. קיינער פון די יידישע דראַמאַטורגן האָט נישט באַוויזן אַזוי פּלאַסטיש און

מיט אַזאַ קראַפט צו שילדערן דאָס געבוירן ווערן פון נייעם ייד, צו אַנטפּלעקן אים אין זיינע אינערלעכע ראַנגלענישן, אין גובר זיין די איבערבלייבענישן פון אַלטן אין מענטשן, אין גובר זיין דעם אַלטן שטייגער.

שטייגער־בילדער זענען אין מאַרקישעס דראַמאַטורגיע אַ וויכ־טיקער עלעמענט. דער דיכטער האָט געזען דעם אַלטן שטייגער אין זיין מאַלערישקייט און מיט אַ לירישן בייטאָן געשילדערט זיין אומ־פאַרמיידלעכן אונטערגאַנג, אַלס רעזולטאַט פון דער היסטאָרישער אַנטוויקלונג, ער האָט אָבער אויך געזען מיט דער גאַנצער בולטקייט דעם נייעם יידישן שטייגער אין ראַטנפאַרבאַנד אין פּראָצעס פון זיין אויפקום. דערביי איז ער נישט אַריינגעפאַלן אין „שטייגעריזם", מיט וועלכן עס פאַרכליניען זיך נאַטוראַליסטן מכל המינים. ער האָט גע־שילדערט דעם שטייגער אַלס יסוד און אַלס פאָן פאַרן אויפבוי פון דער רעאַליסטישער האַנדלונג. באַווייזנדיק זיינע העלדן אויפן פאָן פון זייער לעבנס־שטייגער, האָט דער דראַמאַטורג זיי פעסטער פאַר־בונדן מיט דערווירקלעכקייט, מיט דער אַרומיקער סאָוויעטישער רעאַליטעט. דערפאַר גיט אונדז מאַרקישעס דראַמאַטורגיע — ווי אַ טייל פון זיין גאַנצן שאַפן אין פּאָעזיע און פּראָזע — אַ פאַרגאַנצט בילד פון דער יידישער ווירקלעכקייט אין ראַטנפאַרבאַנד, אָנהייבנדיק פון די בלוטיקע יאָרן פון בירגער־קריג און פּאָגראָמען, דורכן פּראָ־דוקטיוויזירן דאָס קליינשטעטלדיקע יידישע לעבן אויף זיינע שווער־סטע און וויכטיקסטע עטאַפּן (לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע אויף דרום און באַהערשן דעם ווייט־מזרחדיקן קאַנט) — ביז דעם קאַמף קעגן די היטלעריסטישע פאַרכאַפּער, דעם פּאַטריאָטישן אַנטייל פון יידישע פאָלקס־מענטשן אין דער פאָטערלענדישער מלחמה (באַזונדערס איז פאַרטיזאַנישן הינטערלאַנד, וואָס האָט גאָר שטאַרק געלאָקט דעם דיכטערס פאַנטאַזיע).

פּאַטריאָטיזם, הייסער און גרענעצלאָזער סאָוויעטישער פּאַטריאָ־טיזם פון יידישע מענטשן — דאָס איז דער רויטער פאָדעם, וואָס גייט אַדורך אין דער דראַמאַטורגיע פון פּרץ מאַרקישן. אַלדאָס געזונטע אין

יידישן לעבן ווערט ביי אים געוויזן פון פּאַטריאַטישער דערהויבונג; אַלץ, וואָס איז נישט פּאַטריאַטיש — איז דאָס ווילד־פליייש, איז דער אָפּפאַל, וואָס מוז באַזייטיקט ווערן פון געזונטן פאָלקס־אָרגאַניזם. דער גרויסער כוח פון מאַרקישעס דראַמאַטורגיע באַשטייט אין דעם, וואָס די דאָזיקע גרונט־אידעע איז נישט קיין סכעמע, זי איז דער לעבעדיקער אָטעם פון דער האַנדלונג, וואַקסט נאַטירלעך אַרויס פון די העלדן און זייערע מעשים.

מאַרקישן איז בדרך כלל פרעמד דאָס רעזאָנירן (די געציילטע ערטער אין זיין דראַמאַטורגיע, ווו ער רעזאָנירט, זענען טאַקע די שוואַכסטע), זיינע העלדן האָבן נאָר אַ טבע צו פילאָזאָפירן, אויף אַ פאָלקסטימלעכן, אַ ביסל שלום־עליכמדיקן אופן. ער שאַפט זיינע פּיעסן, פאַרקערפּערנדיק דיכטערישע זעונגען, אויף דער בינע, אָפּטמאָל ווילד, נישט אָפּגעוויגן און נישט אָפּגעמאָסטן, מיט דער גאַנצער צעכראַסטעטקייט פון זיין טעמפּעראַמענט. דערפון ליידט צייטנווייז די קאָנסטרוקציע פון זיינע פּיעסן, אין וועלכע עס קאָן טרעפן נאָך אַן אויפוווקס פון שטאַרק־ווירקנדיקע סצענעס — אַ באַרג־אַראָפּ פון זייטיקע מאָמענטן, דיגרעסיעס, וועלכע העלפן נישט צום אַנטוויקלען די הויפּט־טעמע, שטענדיק זענען אָבער זיינע פּיעסן דורכגעדרונגען מיט אַ הייס־אָטעמדיקער גליאיקער פּאָסיע און מיט אַ באַווירקנדיקן, אַנשטעקנדיקן ציטער פון אַ דיכטער־האַרץ.

און פאַרב! אַ רייכקייט פון פאַרבן שטעלן פאַר מיט זיך זיינע העלדן, זייער אינערלעכע וועלט און זייערע האַנדלונגען. יעדע מאַרקישעס פּיעסע איז שטאָף פאַר פאַרביקע עמאָציאָנירנדיקע (צו־מאָל מיט מעלאָדראַמאַטישער אָנלאָדונג) בינע־ספּעקטאַקלען. אין יעדער פּיעסע זענען דאָ אייניקע קערנדיקע, פולבלוטיקע סצענישע געשטאַלטן, אייניקע מאַרקאַנטע, כאַראַקטעריסטישע עפּיזאָדן. בלויז די נישט צענטראַלע געשטאַלטן קומען ביי אים צייטנווייז אַרויס סילועטאַרטיק, נישט אויסגעענדיקט פאַר אַ בינע־לעבן. זיי פאַר־שווינדן אָבער אין דער גרויסער גאַלעריע פון זיינע פאַרגאַנצטע פולבלוטיקע געשטאַלטן.

אַ וויכטיקער שטריך פון מאַרקישעס דראַמאַטורגיע איז די באַטירלעכע פאָלקסטימלעכקייט פון זיינע העלדן: די פאָלקסטימלעכקייט אין דער שפּראַך, אין שטייגער און איז דער צייכענונג פונעם אינערלעכן פּאָרטרעט פון דעם העלד. מאַרקישעס שפּראַך־נאַכלעסיקייט, זיין איבערלאָדונג מיט סלאַוויזמען איז, דוכט זיך, אויך אַ רעזולטאַט פון דעם ווילן צו שילדערן דעם יידישן פאָלקס־מענטש (באַזונדערס דעם אוקראַאינער, וואָלינער, וואָס בילדן ס׳רוב פון זיינע העלדן) אין זיין אמתן אופן פון רעדן, וועלכער איז טאַקע געווען געדיכט דורכגעוועבט מיט סלאַווישע עלעמענטן. אָבער די שפּראַך פון זיינע העלדן איז אַ בילדערישע, פול מיט דיכטערישע פאַרגלייכן, מיט פאָלקס־ווערטלעך, קאָמפּאָנירטע דורכן מחבר אין הסכם מיט דער פאָלקס־פּסיכיק פון קליינשטעטלדיקן יידן. דערפון אויך זיין נאַטירלעכער פאָלקס־הומאָר אין דער שפּראַך. צייטנווייז — אַ ברוטאַל־אויפגעריסענער, צייטנווייז — אַ ליריש־צאַרטער, ווי די גאַנצע שאַפונג פון דעם גרויסן יידישן דיכטער און אינטערעסאַנטן, אָריגינעלן, אייגנאַרטיקן דראַמאַטורג.

מיין געשוועסטערקינד בער י. ראָזען

1

פאַר שבועות האָבן זיך איבער די וואַרשעווער גאַסן אָנגעהויבן צו ציען קאַראַוואַנעס וועגענער, אָנגעלאָדענע מיטן ביסל רייכטום — אָדער אָרעמקייט — פון וואַרשעווער קליינבירגערלעכע און באַלעבאַטישע יידישען היימען: בעטגעוואַנט, געשיר, אַ ביסל מעבל און אָפּטמאָל — אַ סך קינדערלעך; יידישע באַלעגאָלעס און פּויערים, געקומענע פון דער געגנט — זיי האָבן אַרויסגעפירט ווייבער און קינדער פון די חושכדיקע, שטיינערנע הייזער פונעם יידישן „רעוויר" — אַרויס אויף דער פרישער לופט, צו לופטערן די פאַראומרייניקטע לונגען און אויסצוואַרעמען די עצמות אויף דער דאָרפישער זון. די וועגענער האָבן געצויגן אין פאַרשידענע ריכטונגען: אין דער זייט פון יאַבלאָנגע און מראָזי; פּיאַסעטשנע, קורטשעוו, אָבער דער עיקר — אויף דער "ליניע". די "ליניע" — דאָס האָט געהייסן אַ קייט פון דערפער און שטעטלעך. זי האָט זיך געצויגן, די קייט, פון וואַווער איבער ראַדאָשטש, מיעדזעשין, פאַלעניץ, יוזעפאָוו, שווידער — ביז אָטוואָצק.

זינט איך געדענק זיך — און איך געדענק פון מיינע גאָר פריע קינדער־יאָרן — זע איך פאַר מיינע אויגן די זומערדיקע אָנגעלאָדענע וועגענער; עס קלינגט נאָך אין מיינע אויערן דאָס בילן פון די הינט, וועלכע זענען מקבל פּנים געווען די פאַרבייפאָרנדיקע; די "וויאָ"־געשרייען פון די באַלעגאָלעס, פּויערים און דעם טריומפאַלן "טפּררר!" — ווען מ'איז צוגעפאָרן צו דער כאַטע, וווּ מ'האָט באַדאַרפט פאַרברענגען דעם זומער: מיט פרישער לופט, זון, נייע פריידן

און ווונדערלעכע אַנטפּלעקונגען; אַן חדר און שול, מיט נייעסן, וואָס זענען אויפגעקומען פאַר די יונגיטשקע אויגן און אין די מוחלעך — נייעסן, וואָס מ׳האָט געפינען אין דער נאַטור און אין מענטשן.

מיינע עלטערן זענען זינט יאָרן געפאָרן אויף דער ליניע אין די נענטערע פּונקטן. פריער — אין געדונגענע הייזקעס; קורץ פאַר דער מלחמה — אין אונדזער אייגענער ווילע, אין מיעדזעשין. ס׳איז אפשר געווען דערפאַר, כדי אונדזער טאַטע, וועלכער האָט נישט געהאַט קיין געדולד און זיצפלייש לאַנג צו פאַרבלייבן אויף איין אָרט, זאָל קאָנען זיך אָפטער אַריבערכאַפּן קיין וואַרשע; אָדער אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל דער טאַטע האָט געהאַט אַ ווידערווילן צו אָטוואָצק — דעם פּאָפּולערסטן זומער־אָרט און קוראָרט אויף דער ליניע; דעם ווייטסטן פון וואַרשע און דעם גרעסטן פון אַלע: „עס זענען דאָרט דאָ בלויז קראַנקע און מיר זענען ברוך־השם געזונט״ — האָט ער געטענהט. ערשט אין די לעצטע יאָרן פאַר היטלערן האָט ער גע־ענדערט זיין אַנטי־אָטוואָצק־איינשטעלונג. ער איז געווען אַ פאַר־וואַלטונג־מיטגליד פון דער געזעלשאַפט צו העלפן לונגען־קראַנקע „מרפא״ און פלעגט אָפט פאָרן קיין אָטוואָצק אין געזעלשאַפטלעכע ענינים. האָט ער זיך אַזוי צוגעווינט צו אָטוואָצק, אַז ער פלעגט שוין אַרויספאָרן אויף אָפּרו אין איינעם פון די דאָרטיקע צאָלרייכע, ערשטקלאַסיקע פּענסיאָנאַטן.

אָבער נישט געקוקט אויף אונדזער דערווייטערטקייט פון אָטוואָצק, איז אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה דאָס אָרט מיר געוואָרן זייער נאָענט. מיין מאַמע פלעגט אָפט מיט זאָרג דער־מאָנען דאָס שטעטל, ווען דער פראָנט האָט זיך אַהין דערנענטערט, אָדער פון דאָרט דערווייטערט. אין אָטוואָצק האָט געוווינט מיין מוטערס אַ געשוועסטערקינד — די אלמנה ראָזען מיט אירע דריי יתומים.

געקענט האָב איך זיי נישט און נישט געקענט האָב איך אָטוואָצק. פון דעסטוועגן זענען זיי און די שטאָט מיר לייבלעך נאָענט געוואָרן

— צוליב מיין מאַמעס זאָרג, צוליב די אַפּטע קרעכצן און זיפצן, וואָס די „גוטע גיטעלע״ (אַזוי האָט די אָרעמקייט פון אונדזער געגנט גערופן מיין מאַמען) האָט געשיקט אין דער ווייט, קיין אָטוואָצק.

ביז איינמאָל — שוין אַ שפּאָר ביסל צייט נאָך דער מלחמה; ווען איך בין שוין געהאַט צוריקגעקומען קיין וואַרשע פון די לאַנדווירט־שאַפּטלעכע פעדמעס, אויף וועלכע איך האָב געוואָלט באַהערשן די גאַנצע תורה פון ערד־אַרבעט, כדי צו קאָנען פאַרוואַנדלען די ארץ־ישראלדיקע וויסטעניש אין אַ בליענדיקן גאָרטן (און איך בין נאָך אַלץ געווען זיכער, אַז איך וועל עס באַווייזן — לכל הפחות, צו־העלפן דערצו); ווען איך האָב שוין אָנגעהויבן נישט דרייסט אַריינ־צושמעקן אויף טלאָמאַצקע 13, אין יידישן ליטעראַטן־פאַראיין — איז צו מיר צוגעקומען אַ שיינער יונגערמאַן (ממש ווי אַ פילם־סטאַר שיין), אַ שלעפּ געטאָן מיך פאַר מיין געדיכטער טשופּרינע און אַ זאָג געטאָן:

— דו ווייסט, יינגל, אַז דו ביסט מיינס אַ געשוועסטערקינד?

ער איז טאַקע געווען אַ שיינע פּאָר יאָר עלטער פון מיר, אָבער דאָס „יינגל״ און דאָס גרינגשעצנדיקע שמייכעלע אויפן רעגולערן אויסשניט פון זיין פולער אונטערשטער ליפּ — האָבן נישט גושא חן געווען ביי מיר. איך האָב גלייך אָנגעטאָן אַ בייזע וועלפּישע מאַסקע אויף מיין פּנים (איך פלעג עס טאָן תמיד, ווען איך בין געווען אין כעס, אָדער מיט עפּעס אומצופרידן. מן־הסתם דערפאַר האָט מען מיך אין קרייז פון די נאָענטסטע גערופן „איטשע הונט״) און שאַרף אָפּגעע־ענטפערט:

— איך קען אייך נישט, יונגערמאַן.

און אין דעם „יונגערמאַן״ האָב איך זיך באַמיט אַריינצולייגן דעם גאַנצן ביטול, וואָס איך האָב געוואָלט אַרויסווייזן דעם שיינעם חוצפּהניק. נייערט ער האָט זיך גאָרנישט איבערגענומען מיט מיין כעס און ביטול. ער האָט זיך בלויז צעשמייכלט מיט אַ פריילעך־שפּאַטיש פייערל אין די אויגן:

— דו קענסט טאָקע נישט, אָבער מיר הייסן דאָך נאָך איין זיידן, איטשע־בער.

— דאָס האָט מיך שוין פאַראינטריגירט: — ווי אַזוי?

— גאַנץ פּשוט, דיין מאַמע און מיין מאַמע האָבן געהאַט איין זיידן, דעם רבין יצחק־בער. נאָך אים הייסן מירביידע. נאָר ביי דיר איז דער יצחק אַוועקגעשטעלט פון פאָרנט און ביי מיר פון פאָרנט איז דער בער. פאַרשטייסטו שוין, לעקיש בער?

דאַן האָב איך זיך ערשט געכאַפּט, אַז דאָס איז דער עלטסטער זון פון דער אַלמנה פון אָטוואָצק, וועגן וועלכער מיין מאַמע האָט זיך אַזוי געזאָרגט אין די מלחמה־יאָרן. און צוביסלעך האָט דאָס אייז אויפגע־טייעט צווישן אונדז. מיר האָבן זיך דערנענטערט, פאַרחברט, צומאָל פאַרברידערט.

נישט געקוקט דערויף וויס איך ביזן היינטיקן טאָג נישט גענוי פאַרוואָס די פאַמיליע ראָזען איז אַוועק קיין אָטוואָצק (בעריש איז נאָך געבוירן אין וואַרשע, אין יאָר 1900). אויך נישט פאַרוואָס זיי זענען דאָרט פאַרבליבן. איך מיין — ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז דער פּריצייטיק פאַרשטאָרבענער פאָטער פון בערישן איז געווען אַ לונגן־קראַנקער און צוליב אים האָט זיך די פאַמיליע באַזעצט אין אָטוואָצק. און פאַרבליבן זענען זיי דאָרט מעגלעך דערפאַר, ווייל מ'האָט מורא געהאַט די קראַנקייט זאָל זיך נישט אָפּרופן אויף עמעצן פון די קינדער — אויף בערישן, אָדער אויף איינער פון זיינע בילד־שיינע שוועסטערלעך (אַגב פלעגט מען שמועסן אין ליטעראַטן־פאַראיין, אַז אויך בעריש פלעגט פון צייט צו צייט קריגן בלוטשטורצן פון האַלדז, וואָס האָט אים נישט געשטערט אַ סך צו רייכערן, פון צייט צו צייט צו טרינקען און גאַנצע נעכט אַרומבראַיען). אַ פאַקט בלייבט, אַז זיי זענען געוואָרן אָטוואָצקער אויף פעסט און דאָס האָט געהאַט אַן אומגעהויערע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פונעם יונגן ראָזען. אין אָטוואָצק האָט ער זיך דערנענטערט צו די שריי־בערס, וואָס האָבן דאָרט שטענדיק געוווינט: דער פּראָזאַיקער שלמה גילבערט, דער דיכטער און דראַמאַטורג יעקב פּרעגער; צו שריי־

בערס און קינסטלערס, וואָס פלעגן דאָרט אַרויסקומען אויף זומע־ווינונג אָדער קוראַציע. אין אָטוואָצק איז ער געוואָרן דער סעקרעטאָר פון ש. אַנסקי, די לעצטע צוויי יאָר פון אַנסקיס לעבן און שפּעטער — סעקרעטאָר פונעם אַנסקי־קאָמיטעט, וואָס איז געשאַפן געוואָרן, כדי זיך צו פאַרנעמען מיט אַנסקיס ליטעראַרישער ירושה. דאָרט האָט ער זיך אויך באַקענט מיט אייניקע פון די באַדייטנדיקסטע בונדישע פירערס, און מן־הסתם אונטער זייער השפּעה געשאַפן דעם „יוגנט־בונד צוקונפט״, געוואָרן דער פאָרשטייער פון די יונגע אָט־וואָצקער בונדיסטן אינעם צענטראַל־קאָמיטעט פון „צוקונפט״.

אפשר איז דאָס טאַקע געווען די עיקר־סיבה פון זיין גרינגשעצן מיך בעת אונדזער ערשטן צוזאַמענטרעף, ווייל ער האָט מיר גלייך געזאָגט:

— מיר הייסן איין נאָמען און זענען צוויי וועלטן. דו ביסט אַ גאַנצער סעקרעטאָר פון דער צ.ס.־יוגנט און איך בין בלויז אַ מיט־גליד פון צ. ק. „צוקונפט״. אַ מאָדנע וועלטל, אמת?

נישט לאַנג האָט אָבער געדויערט און דער צוקונפטאָוויעץ האָט זיך גאָר שטאַרק דערנענטערט צו דעם „אָפּגעשטאָנענעם״ ציוניסט. דאַן האָט אָפּטמאָל אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון אים זיין טראַדיציאָנעל־יידישע, חסידישע דערציונג. ער האָט געשאָטן מיט פסוקים און תורה־ווערטלעך (אַ ביסל אין דעם פּרט פאַזירט אויף דעם באַקאַנטן בונדישן טוער הערשל הימעלפאַרב). גאָר שטאַרק איז ער געווען אויסגעקאָכט אין הלכות חסידות — וועגן וואָס איך האָב קיין אָנונג נישט געהאַט. ער האָט מיך באַקענט מיט אונדזער בשותפותדיקן יחוס — דאָס הייסט מיט מיין מאַמעס יחוס: דורות מורה־הוראות און רבנים; דערציילט וועגן אונדזער יחוס־בריוו, וואָס האָט זיך באַדאַרפט געפינען ביי אונדזערס אַ וייטן פעטער, דעם לענטשיצער רבין. מיך, וואָס כ׳בין דערצויגן געוואָרן אין מיין טאַטנס מתנגדישן ווידערווילן צו חסידות (נישט געקוקט אויף זיין פערזענלעכן גרויסן דרך־ארץ פאַרן גערער רבין צוליב אַ מעשה שהיה מיט אים, בעת ער האָט געדינט אין רוסישן גאַרניזאָן אין גער) — האָבן זיינע אַלע דער־

ציילונגען פון דעם מין ווייניק אינטערעסירט. ס׳האָט מיך אָבער שטאַרק צוגעבונדן צו בער י. ראָזענען אַ צאָל בשותפותדיקע נטיות. קודם כל — צו ליטעראַטור און טעאַטער.

2

בער י. ראָזען האָט גאָר יונג — צו 16—17 יאָר — אָנגעהויבן שרייבן לידער. ער האָט אַפילו אַ טייל פון זיינע לידער געדרוקט אין די בונדישע אויסגאַבעס, דער עיקר — אין די יוגנט־אויסגאַבעס („יוגנט־וועקער" א״אַנד) ער האָט פאַרמאָגט אַ שטאַרק מוזיקאַלישן פערז, אָבער קיין דיכטער איז ער נישט געווען. אָבער זיין גרויסער חוש פאַר הומאָר און שאַרפע בייסיקייט האָבן אים פאַרוואַנדלט אין אַ שלאַגפערטיקן שרייבער פון סאַטירישע לידער אויף אַקטועלע טעמעס. ער פלעגט פלינק און גיך צוזאַמענשטעלן פערזן אויף באַקאַנטע מעלאָדיעס און צומאָל — אימפּראָוויזירן.

דאָס לאַנגיאָריקע פאַרקערן אין די ליטעראַריש־קינסטלערישע קרייזן אין אַטוואַצק האָט אים שרייבעריש אַנטוויקלט, אויסגעאַרבעט זיין געשמאַק און אַ חוש פאַר זעלבקריטיק. די וויכטיקסטע באַדייטונג האָט אָבער געהאַט פאַר אים די לאַנגדויערנדיקע צוזאַמענאַרבעט און דאָס צוזאַמענזיין מיט אַזאַ שרייבער, דענקער, קולטור־מענטש און פּערזענלעכקייט, ווי ש. אַנסקי. איך מיין, אַז דאָס האָט אויך געווירקט ער זאָל אויפגעבן די דיכטערישע אַספּיראַציעס און אַ טראַכט טאָן וועגן טעאַטער.

ווען עס איז אויפגעפירט געוואָרן אַנסקיס „דיבוק" אין דער „ווילנער טרופּע", אין וואַרשעווער „עליזעום"־טעאַטער — גראָד צו די שלושים נאָך אַנסקיס טויט — איז בעריש אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם כישוף פון טעאַטער, פון דער בינע און הינטערקוליסן (דוכט זיך, אַז ער האָט אַפילו אָנגעהויבן צו סטאַטיסטירן אין „דיבוק"). קורץ נאָך דעם, אַז עס איז געשאַפן געוואָרן די ערשטע יידישע דראַמאַטישע שול אין וואַרשע, האָבן מיר זיך ביידע ווידער דאָרט

צוזאַמענגעטראָפן. ער, ווי אַ תלמיד פון דער שול, וואָס פלעגט זיך בלויז צייטנווייז אַראָפּכאַפּן פון אַטוואַצק אויף די לעקציעס, אָדער פּראָבן; איך — נאָכן אויסהאַלטן דעם עקזאַמען — בין ווידער אַוועק צו מיין יוגנט־אַרבעט אין לעמבערג און ערשט צוריק דערנענטערט זיך צו דער גרופּע ווען זי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער דוד הערמאַן־סטודיע. אין צווישן־צייט האָט זיך ראַזען פּראַקטיש דער־ווייטערט פון טעאַטער — ער האָט געמוזט זוכן פּרנסה־אַרבעטן: קאָרעקטור, זשורנאַליסטיק (ער איז געווען דער איינציקער פּרנסה־געבער פון זיינע „דריי ווייבער" — די מאַמע מיט די צוויי שוועס־טערלעך) און אַ ביסל האָט אים ווידער אַ ציי־געטאָן צו ליטעראַטור, צו פּראָזע. ביי אַ געלעגנהייט פלעגט ער נאָך אַמאָל אויפטרעטן מיט רעציטאַציעס, מאָנאָלאָגן, אָדער אַ סצענקע אויף עפּעס אַן אָוונט (באַזונדערס האָט ער זיך דאַן ליב געהאַט צו באַווייזן אין די שול־עטיודן, וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט); אויף דעם גרויסן פּורים־מאַסקנבאַל פונעם ליטעראַטן־פאַראיין אינעם טעאַטער „נאָוואָשטשי" (1924) ווו נאָמבערג האָט אָרגאַניזירט אַ רעוויו פון יידישע ליטע־ראַטור־געשטאַלטן, האָט ראַזען פּאַראַדירט נאָך מיר (איך בין געווען דער „שוואַרצער יונגערמאַנטשיק" פון דינעזאָנען) ווי איינער פון די בנים פון ווייסנבערגס „טאַטע מיט די בנים" (יעקב קורלענדער דער טאַטע, ער מיט דוד בירנבוימען די בנים). אָבער זיין עיקר באַרוף — אין זין פון ס׳זאָל אים רופן, ציען, ער זאָל אַרויספּילן אין דעם אַ ציל אין לעבן — איז געוואָרן פּראָזע. דאַן האָט ער עס גע־שריבן זיינע קערנדיקע, ברוטאַלע און בלוטפולע דערציילונגען, וואָס זענען אין יאָר 1926 דערשינען (אינעם פאַרלאַג ה. בזשאָזע, אין וואַרשע) אין דעם באַנד „רויע ערד".

דאָס איז געווען די צייט, ווען דעם שטאַרקסטן רושם אויף דער יידישער ליטעראַרישער יוגנט אין פּוילן האָט געמאַכט א. מ. פוקס מיט זיין בוך „אונטערן בערגל". אין אונדזערע אויגן איז פוקס געוואָרן דער ווינער (ריכטיקער — גאַליציאַנער) ווייסנבערג. ווייסנבערגן האָבן מיר אַלע געקענט און געשעצט פאַר זיין קונסט, אָבער ס׳האָט

אונדז אַ ביסל אָפּגעשטויסן פון אים זיין גראָבע, צומאָל גראָבהויטיקע אַנגרייפערישקייט קעגן די "ליטוואַקעס"; פוקסן האָט קיינער פון אונדז פערזענלעך נישט געקענט, ס'האָט אונדז אָבער פון דער ווייטנס אימפּאָנירט זיין ווינער אייראָפּעישקייט, וואָס האָט נישט באַוויזן צו פאַרשטעלן די געזונטע, קערנדיקע מזרח־גאַליצישע רויערדישקייט. אונטער דער השפּעה פון פוקסן (בפירוש השפּעה נישט נאָכמאַכונג) האָט בער י. ראָזען געשריבן זיין "רויע ערד".

דער באַנד דערציילונגען פון ראָזענען האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. ער האָט אָנגעזאָגט אַ נייעם פּראָזע־שטערן אויף טלאָמאַצקע 13. אָבער — פּרנסה פאַר „דריי ווייבער", וועלכע ער האָט ממש פאַרגעטערט, פאַר וועלכע ער איז גרייט געווען זיך מקריב צו זיין. און בער י. ראָזען פאַרוואַרפט ווידער זיין בעלעטריסטישע פּעדער, גיט זיך איינגאַנצן איבער דער זשורנאַליסטיק.

ער ווערט אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער טאָגצייטונג „אונדזער עקספּרעס", אַ רעפּאָרטער פון דער בונדישער „פאָלקסצייטונג". סעקרעטאַר פון פּראָפעסיאָנעלן ראָטביים זשורנאַליסטן־סינדיקאָט; ער זאָגט זיך נישט אָפּ פון קיין שום נאַכט־אַרבעטן, איז פאַרנומען ביי טאָג און ביי נאַכט, האָט נישט קיין צייט פאַר קיין אינטימען פּריוואַט־לעבן — אַבי וואָס בכבודיקער אויסצוהאַלטן זיינע "ווייבער", זיינע „קינדער". אַזוי — ביז סעפּטעמבער 1939 — דעם היטלער־איבערפאַל אויף פּוילן. בער י. ראָזען ווערט אָפּגעריסן פון זיין באַליבטער משפּחה — האָט אַפילו נישט קיין מעגלעכקייט צו געזעגענען זיך מיט זיי פאַר דער עוואַקואַציע. עס הייבט זיך אָן די סדרה פון זיינע וואַנדערונגען: ווילנע, דורך ראַטנפאַרבאַנד קיין יאַפּאַן — פון דאָרט געהאַפּט זיך צו דערשלאָגן קיין אַמעריקע. ער ווערט אָבער פאַרשיקט — מיט אַ סך אַנדערע שטעקנגעבליבענע יידן אינעם געטאָ קיין שאַנכאַי, ווו ער קומט אָפּ ביזן יאָר 1947, ווען ער וואַנדערט אויס פון דאָרט קיין אויסטראַליע.

אויך אינעם שאַנכאַיער געטאָ לעבט ער נישט סתם אויפן חסד פון אַקופּאַנט, אָדער פון כלל. ער איז ווי תמיד טעטיק — געזעל־

שאַפטלעך, שרייבעריש. פון יענע צייטן שטאַמען טאַקע זיינע בע־לעטריזירטע זכרונות „קומט מאָרגן" (ליידער געפינען זיי זיך ביז היינט אין כתב־יד). דאָרט שאַפט ער אויך די גרעסערע טייל פון זיינע „פּאָרטרעטן", וואָס זענען ערשט נאָך זיין טויט דערשינען אין בוך־פאָרם (אין פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", בוענאָס־איירעס). אי־נעם בוך גייען אַריין פּאָרטרעטן פון: ש. אַנסקי, ה. ד. נאָמבערג, א. מ. ווייסענבערג, הלל צייטלין, ב. מיכאַלעוויטש, הענריק ערליך, שלמה מענדעלסאָן, דוד הערמאַן, לאַזאַר קאַהן, יצחק גרינבוים, עמיל זאַמערשטיין. די דערמאָנטע פּערזענלעכקייטן ווערן פון ראָזע־נען באַשריבן מיט אַ סך וואַרעמקייט און ליבשאַפט — אומאָפּהענגיק פון זייער פּאַרטיי־אָנגעהעריקייט — אויפן סמך פון מחברס פּערזענ־לעכע צוזאַמענטרעפן און אָבסערוואַציעס; זיי ווערן געצייכנט מיט אַ גרויסער מענטשן־קענטשאַפט פונעם שרייבער און צומאָל — סענטימענטאַלער אַנגאַזשירונג.

פריער נאָך (אין 1950) איז אין דעם זעלבן פאַרלאַג דערשינען בער י. ראָזענס בוך „טלאָמאַצקע 13" — זכרונות פון יידישן ליטע־ראַטן־פאַראיין אין וואַרשע, ווו דער מחבר איז געווען אַזוי טעטיק און אַריינגעוואַקסן אין אַלע ווינקעלעך פונעם לעבן אין פאַראיין; דערשיינונגען און געשטאַלטן — געזעענע מיטן שאַרפן אויג פון אַ קינסטלער און זשורנאַליסט; געצייכנטע מיט דער גאַנצער פּאַסיע און אינערלעכער באַטייליקונג פון אַ טיף־יידישן, פאָלקסטימלעכן קולטור־מענטש, אַן אויסגעוואַקסענעם פון פּוילישן יידנטום און צו־נויפגעוואַקסענעם מיט אים.

ש. ניגער האָט וועגן בער י. ראָזענס בוך „טלאָמאַצקע 13" גע־שריבן צוו. אַנד.: „דער עיקר אָבער איז עס אַ באַשרייבונג פון דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט לעבן און קאַמף פון יידישע זשורנאַליסטן, דיכטערס און קינסטלערס אין פּוילן — אַ באַשרייבונג פול מיט בענק־שאַפטלעכן ענטוזיאַזם, אָבער אויך מיט פאַקטן און דאַטן. אַן אויס־פירלעכע און ווירדיקע מצבה־אויפשריפט אויפן קבר פון טלאָמאַצקע 13".

אין שאַנכאַי האָט אויך ראָזען אָנגעשריבן אַ גרעסערע פּאָלקלאָ־ריסטישע אַרבעט: „אַ זאַמלונג, אידיאָמאַטישע אויסדרוקן" (געווען געדרוקט אין 6טן באַנד ניו־יאָרקער „יידישע שפּראַך" פון „ייוואָ", אין יאָר 1946); אַרטיקלען, עסייען, זכרונות, פּאָלעמיק; געהאַלטן רעפעראַטן און לעקציעס; געקומען אין קאָנפליקט צוליב דעם מיטן יאַפּאַנישן הערשער איבערן געטאָ, עפּעס אַ משוגענעם סאַדיסט, וואָס האָט אויף צו להכעיס געטראָגן דעם נאָמען פון איינעם פון די גרעסטע קינסטלערס, וואָס די וועלט האָט ווען עס איז אַרויסגעגעבן — גאָיאַ; ער האָט געליטן פון סאַדיסט געברענטע צרות און דאָס האָט זיך נאָך דער באַפרייונג אויסגעגאָסן אין אַ האַרץ־אָנפאַל — דעם 23סטן נאָוועמבער 1946. נאָך וואָכן שווערן געראַנגל מיטן טויט איז ער סוף כל סוף געראַטעוועט געוואָרן, אָבער שוין פאַר־בליבן פיזיש אַ שברי כלי.

ער באַזעצט זיך אין מעלבורן (1947), ווערט דאָרט טעטיק — שרייבט אין דער אָרטיקער פּרעסע און אין דער אויסלענדישער, ווערט אַ לערער פון דער יידישער ליטעראַטור אין דער דאָרטיקער יידישער שול, אַ באַליבטער לעקטאָר; קלייבט זיך צו פאָרן קיין מאָנטרעאָל צום וועלט־צוזאַמענפאָר פון „בונד" (סוף 1954), אָבער גראָד צו די אַכט יאָר פון זיין ערשטן האַרץ־אָנפאַל — דעם 23סטן נאָוועמבער — באַקומט ער דעם צווייטן האַרץ־אָנפאַל, פון וועלכן מען באַווייזט אים שוין נישט אָפּצוראַטעווען. ער שטאַרבט אויפן וועג אין שפּיטאָל אַריין — אין עלטער פון 54 יאָר.

אַזוי האָט זיך פלוצלונג פאַרענדיקט דאָס שווערע וואָגל־לעבן פון אַ פאַרבנרייכער געשטאַלט, וואָס דאָס יידישע פאָלקס־לעבן אין פוילן האָט אַרויסגעגעבן; פון דעם אויסגעוואַקסענעם אין אַטוואַצק יידישן שרייבער, זשורנאַליסט, קינסטלער און געזעלשאַפטלעכן טוער; דעם מענטשן מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ, שאַרפן מוח, איי־נערלעכער און אויסערלעכער שיינקייט — בער יצחק ראָזען.

אפרים קאַגאַנאָווסקי — דער קינסטלער

1

ביי אַ פערציק יאָר האָב איך אים נאָענט געקענט, באַגעגנט זיך מיט אים ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן און אין פאַרשי־דענע באַדינגונגען. און געהערט וועגן אים — גוטס און שלעכטס — האָב איך זינט איך געדענק זיך, נאָך אין מיינע גאָר פריע יאָרן, אָבער קיינמאָל איז ער מיר נישט אַזוי נאָענט געווען, ווי ער איז עס געוועזן, ווי ער איז עס געוואָרן נאָכן איבערלייענען זיין „טונקעלע דירה" — דאָס בוך פון זיינע קינדער־יאָרן און וועגן די אָנרייפנדיקע יאָרן פונעם יידישן וואַרשע.

זינט איך געדענק זיך איז אפרים קאַגאַנאָווסקי געווען פאַר מיר אַ טייל פון דאָזיקן וואַרשע. פון מיין קינדער־שטוב געדענק איך די דערציילונגען ווי אַזוי ער האָט אַרומגעבראַוועט מיט מיין ברודער זיגמונט, ווען אונדזערע פאַמיליעס האָבן געוווינט אין שכנות ערגעץ אויף דער גענשע גאַס — ווען איך בין נאָך אויף דער וועלט נישט געווען... ווי דורך אַ נעפּל זע איך אים — דעם יונגן ציגיינער, אױ־סערלעך און אינערלעך — אַרומפּלאָנטערן אינעם קרייז פון י. ל. פרצס באַגלייטער בעת פרצס שפּאַצירן אינעם זאַקסישן גאָרטן, דער איינציקער מיר פערזענלעך באַקאַנטער דאָן פון צווישן פרצס באַ־גלייטער. ביז איך האָב אים ווידער דערזען — שוין אייניקע יאָר נאָך דער מלחמה — אויף טלאָמאַצקע 13, נאָך זיין צוריקקומען פון זיינע מלחמה־וואַנדערונגען אין רוסלאַנד. ער האָט זיך קעציש געשלייכט אין די געפּאַסטע גלאַנציקע שטיוועלעך, אין דער בעקעשע, וואָס האָט אויסגעזען איבערגעמאַכט פון אַ רוסישן שינעל, צוגעפּאַטשט מיט

אַ דין ריטל איבער די כאַליעוועס; מיט זיינע גליענדיקע שוואַרצע אויגן האָט ער אונטערגעשמייכלט מיט אַ באַזונדערן כישוף צו יעדער באַגעגנטער פרוי, אַן אַלטע באַקאַנטע, אָדער אַן אומבאַקאַנטע, מיט וועלכער ער וואָלט זיך גערן באַקענט.

בעת מיינע אָנהייבן מיט דער פּעדער און ערשטע פּרווון אַריינצוקומען אין טעאַטער, איז אין דעם ריזן־בנין פון וואַרשעווער „באַוואַשטשי"־טעאַטער פאָרגעקומען אַ גרויסער פּורים־באַל, איינגעאָרדנט דורכן ליטעראַטן־פאַראיין. ה. ד. נאָמבערג האָט פּאַטראָנירט דעם קינסטלערישן טייל פונעם באַל — אַ געשטאַלטן־רעוויע פון דער יידישער ליטעראַטור. אפרים קאַגאַנאָווסקי האָט פאַראַדירט מיט מיר ווי אַ „געשטאַלט". ער האָט געחלשט צו ווערן אַן אַקטיאָר, צו שפּילן, „פאַרצוקומען". אייניקע יאָר שפּעטער האָט ער עס אפילו געפּרוווט, אונטערגענומען זיך צו פירן אַ קאָנפעראַנס אין אַ רעוויע־פּראָגראַם אין „סקאַלאַ"־טעאַטער. ער האָט איבערגעריסן אינמיטן פּראָגראַם און רעזיגנירט דערפון.

„כ'האָב גאָרנישט געוווסט, אַז ס'איז אַזוי שווער" — האָט ער זיך שפּעטער פאַרענטפערט מיט זיין האַלב־פאַרשעמטן און האַלב־פאַרשייטן שמייכל. ער, דער נישט־פאַרגלייכלעכער קאָזער, די פאַרקערפּערונג פון געמיטלעכן שמועס, דער שפּרודלדיקער מיט הומאָר און וויציקע אימפּראָוויזאַציעס — ער האָט „פאַרלוירן ס'לשון", אַפילו נישט געקאָנט אַרויסברענגען דאָס צוגעגרייטע און אויסגעלערנטע, ביים אַרויפגיין אויף דער בינע. דערביי האָט ער דאָך פאַרמאָגט אַן אַ שיעור עלעמענטן פון שוישפּילערישן פאַרלירן זיך אין אַנדערע געשטאַלטן. אָבער — די אימתא דציבורא...

„דאָס ווערן אַן אַרטיסט איז ביי מיר געווען געבונדן מיט אַלעם, וואָס האָט געהאַט פרייד און טרויער. פאַר מיר איז נישט געווען קלאָר, צי וועל איך מאָלן אַ בילד, צי שרייבן אַ בוך, צי טאַנצן, צי עמעצן נאָכמאַכן" — שרייבט ער אין „די טונקעלע דירה". האָט ער געפּרוווט אַלץ צו ביסלעך: געמאָלן, געשריבן, געטאַנצט און נאָכגעמאַכט. געוויסע זאַכן האָט ער געטאָן בעסער, אַנדערע —

ערגער, אָבער אין אַלעם איז ער געווען דער קינסטלער, אַ קינסטלער אין דער נשמה.

אין דער אמתן האָט ער צום ווינציקסטן פון אַלע קונסטן ליב געהאַט דאָס שרייבן — די קונסט, אין וועלכער ער איז געווען דער שטאַרקסטער, דער מקורדיקסטער. שרייבן איז ביי אים געווען אַן אָפּקומעניש. שרייבן מיט אַ פעדער, אָדער בלייפעדער. אַ ביסל בעסער איז אים געוואָרן, ווען ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן אויף דער מאַשין. מיט אַ פעדער, אָדער בלייפעדער, דאַרף מען צייכענען, האָט ער געהאַלטן. אַ פעדער איז טאַקע געווען די עיקר־טעכניק פון זיין צייכן־קונסט.

ווען מיר האָבן זיך נאָך יאָרן באַגעגנט אין 1956 אין פּאַריז, האָט ער מיר טאַקע געשאָנקען זיינע אַ גאַר געראָטענע פעדערצייכענונג: אַ וואַרשעווער חסידים־שטיבל.

נאָך דעם מין האָט ער עפּעס שטאַרק אָנגעהויבן בענקען אויף דער עלטער, כאָטש ער איז דאָס גאַנצע לעבן געווען ווייט דערפון. ווייל „דאָרט וואָלט זיך אפשר פאַרהיט ביז היינט אַ ביסל וואַרשע־ווער יידיש געמיט" — האָט ער מיך געוואָלט איבערצייגן.

אָבער נישט בלויז מיט דער פעדער האָט ער געצייכנט און נישט בלויז אין די לעצטע יאָרן זיינע אין פּאַריז, ווו ער האָט אַפילו גע־האָט אַן אויסשטעלונג פון זיינע צייכענונגען. פאַר דער מלחמה, ווען ער איז נאָך געווען דאָס מיזיניקל פונעם פרץ־קרייז און אַ ליב־לינג פון פרצן פערזענלעך, כאָטש נאָר אַ ייִנגל ממש, האָט ער זיך געלערנט אין דער וואַרשעווער קונסט־שול; נאָך דער מלחמה האָט ער געהאַט אַ טבע צו פאַרגעסן וועגן זיינע שרייבערישע התחייבותן און אָנגעהויבן זיך אַרומשלעפּן מיט אַ גרויסן בריסטאָל־בלאָק, בליי־פעדערס און קויל צום צייכענען — צומאָל אַפילו מיט אַ קעסטל פאַרבן — און צייכענען, מאָלן, צייטנווייז — מיט באַדייטנדיקע דערפאָלגן.

איך פערזענלעך האָב געהאַט פון אים איינעם פון די געלונגנסטע פּאָרטרעטן אין מיין לעבן. און דאָס לגמרי צופעליק: ער איז געזעסן

פון דער זייט ווען איך האָב אין ליטעראַטן־פאַראיין פאַזירט גלייכצייטיק דעם באַגאַבטן פּאָרטרעטיסט פעליקס פרידמאַן און דעם דאַן יונגן באַגאַבטן קינסטלער י. פּרעסמאַן, וועלכע האָבן מיך געצייכנט פוןביידע פּראָפילן. ביי דער געלעגנהייט האָט מיר קאַגאַנאָווסקי דאַן געמאַכט אַ בליץ־פּאָרטרעט מיט קויל — אַן פּאַס. זיין פּאָרטרעט איז דאַן געווען דער געלונגנסטער.

מיטאַמאָל איז אים ווידער נמאס געוואָרן דאָס מאָלן, אָדער ער האָט זיך (צוליב פרנסה) ווידער געמוזט נעמען צום שרייבן. דאָס איז געווען אין די יאָרן ווען ער איז שוין געווען אַ טאַטע פון זיין אייניקן זון, פּרץ (ווי דען אַנדערש האָט געקאָנט הייסן קאַגאַנאָווסקיס זון — אַ זון פון דעם צום מיינסטן וואַרשעווער פון אַלע יידישע שרייבערס?) און געמוזט כאָטש עפּעס צושטייער געבן צו דער פּרנסה. איז ער געווען געצוווּנגען צו יעדן פרייטיק־נומער פון „היינט" צושטעלן אַ פעליעטאָן, אַ דערציילונג, אָדער הומאָרעסקע. דער לעצטער טערמין איז געווען מיטוואָך. דאָס איז פאַר אים געווען דער ערגסטער טאָג אין דער וואָך. „אַזאַ האַרעוואַניע דאָס שרייבן; ס'ציט ממש אַרויס דעם מאַרך פון די ביינער. כ'האָב עס פיינט בתכלית השנאה" — האָט ער זיך באַקלאָגט.

איינמאָל אַפילו גורם געווען אַ גרויסן סקאַנדאַל אין ליטעראַטן־פאַראיין צוליב זיין גראַפאָמאַניע מיט זיינס אַן אומשולדיקן (אָדער כלומרשט אומשולדיקן) זאָג. ס'איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען אַ באַקאַנטער שרייבער און רעדאַקטאָר, וועלכער איז באַקאַנט געווען מיט זיין שרייבערישער פּרוכטיקייט, ווען קאַגאַנאָווסקי האָט זיך באַקלאָגט אויף זיין ביטערער דאָליע פון געצוווּנגענעם שרייבן. „אָט דעם יידן איז ווויל. ער האָט ליב דאָס שרייבן. ער וואָלט גאַנצע טעג געשריבן. אַ גליקלעכער גראַפאָמאַן". און ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַרוואָס יענער שרייבער האָט זיך אַזוי באַליידיקט...

2

קאַגאַנאָווסקי איז צוריקגעקומען קיין פּוילן שוין אַ שפּאַר ביסל נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז ער אַ סך צייט געווען אין אָדעס — גאָר נאָענט צו די אָרטיקע גדולים פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור. דאָס האָט אים טאַקע געגעבן אַ סך שטאָף צו זיין הומאָרפול, ראַפּי־נירט און אינטערעסאַנט בוך „יידישע שרייבער אין דער היים״ — מיט די אַלע נישט־דיסקרעטקייטן און צומאָל פּערזענלעכע חשבונות, וועלכע ער מאַכט אין אייניקע קאַפּיטלעך, באַזונדערס — אינעם קאַפּיטל וועגן ז. סעגאַלאָוויטש ; נאָך דער רעוואָלוציע איז ער — דער באַשרייבער פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט, פון סטאַווקי־געסל, — געוואָרן גאָר חשוב ביי די סאָוויעטישע יידישע שרייבערס. ער איז אָבער באַצייטנס אַוועק פון ראַטנפאַרבאַנד. געמוזט אַוועק — ווייל ס׳האָט אים געפעלט וואַרשע, זיין וואַרשע, זיין סטאַווקי־געסל.

נאָך אפשר אין אַ גרעסערער מאָס, ווי שלום אַש, האָט קאַגאַ־נאָווסקי אַרויסגעכישופט שיינקייטן פון די פּעריפעריע־געסלעך, פון דער אָרעמקייט און פון אונטערוועלט. אַ ים מיט שיינקייט האָט ער אַרויסבאַקומען פון דאָרט — אין דער גאָר קליינער צאָל ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן. אייגנטלעך קאָן דאָך זיין גאַנץ צווישנמלחמהדיק שאַפן רעדוצירט ווערן צו די בענד נאָוועלן „טירן־פענצטער״ און „פיגורן״ ; צו די פראַגמענטן פון אַ ווערק וועגן סטאַווקי־געסל און דערציילונגען מיט הומאָרעסקעס, וואָס זענען אין דער מערהייט געדרוקט געווען אין פרייטיק־נומערן פון אַ טאָג־צייטונג. אָבער יעדע זאַך כמעט, וואָס איז אַרויס פון אונטער זיין פעדער, ריכטיקער — פון דער שרייבמאַשין, איז געווען אַ קונסטווערק. זיינע קליינע מיניאַטורן זענען גאָר אָפט געווען גרויסע קונסטווערק — אַזוי פיל פאַרב איז אין זיי געווען, אַזוי פיל געמיט, מענטשן־קענטעניש, הו־מאָר, חכמה, אויסגעאיידלטער עראָטיזם און ראַפינירטער געשמאַק.

„פאַר מיר האָט דאָס גאַנצע שטיק וועלטל אויסגעזען ווי עפּעס

אַ קאָלירט שפּילעכל פון לעבעדיקע מענטשן" — דערציילט ער אין „די טונקעלע דירה".

די קאָלירטע שפּילעוודיקייט און די לעבעדיקייט פון מענטשן, וואָס זענען פון אים אויפגערופן געוואָרן אין זיינע דערציילונגען — דאָס איז געווען דער גרעסטער כוח פון קאַגאַנאָווסקיס שרייבערישער קונסט, פון קאַגאַנאָווסקי שבכתב.

אַ קאַפּיטל פאַר זיך איז געווען קאַגאַנאָווסקי שבעל פּה. קאַגאַ־נאָווסקי — ביי די טישלעך פון טלאָמאַצקע 13, אָדער סתם ערגעץ אין קרייז פון חברים. דאָ האָט ער ממש געשפּרודלט מיט הומאָר, שאַרפזין, מיט אורקוואַליקער באַרעדעוודיקייט און עקספּראָמפּט־פעי־קייט, מיט לעבן. זיין ראַפינירטע שפּילעוודיקייט איז טאַקע נישט געווען פריי פון עפּעס אַן אָרגאַנישער סקעפּטישקייט, ציניזם און צומאָל — פון אַ ניהיליסטישן פעלן פון אַחריות פאַרן געזאָגטן וואָרט.

גלייכצייטיק איז עס געווען דורכגעזאַפּט מיט גראַציע און חן. מן־הסתם דערפאַר האָט מען קאַגאַנאָווסקין אַ סך מאָל מוחל געווען רייד און טאַקע מעשים, וועלכע מ׳וואָלט קיין אַנדערן בשום אופן נישט מוחל געווען.

אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד האָב איך פּערזענלעך געהאַט מיט אים אין 1925. ווען איך האָב געהאַט פאַרענדיקט די איבערזע־צונג פון זשעראָמסקיס „ערב פרילינג" און דער פאַרלעגער ה. בזשאָזאַ האָט באַקומען אַ סך באַשטעלונגען אויפן בוך, איז געוואָרן אַ שטיקל לויפעניש איבערצוזעצן גרונט־ווערק פון דער פּוילישער ליטעראַ־טור. בזשאָזאַ האָט דאַן פאַרגעשלאָגן קאַגאַנאָווסקין און מיר איבער־צוזעצן צוזאַמען אַ ווערק פון דער פּוילישער ליטעראַטור, וואָס האָט מיט אַ קורצער צייט פריער געהאַט באַקומען דעם נאָבעל־פּרייז: וול. ריימאָנטס „פּויערים" (אַ צייט שפּעטער איז עס איבערגעזעצט געוואָרן פון שלמה ראָזענבערג). קאַגאַנאָווסקי, וועלכער איז דאַן געווען אויף גרויסע צרות, האָט זיך אָנגעכאַפּט אינעם פאַרשלאַג — בזשאָזע האָט צוגעזאָגט אַ שיינעם אַדערויף. ווען איך האָב אים אָבער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר וועלן מוזן צוזאַמען זיצן איבערן ווערק, ווייל

איך אַליין נעם זיך נישט אונטער צו מאַכן די אַרבעט — האָט ער זיך צוריקגעצויגן. „כ'האָב געמיינט אַן עצה געבן" — האָט ער גע־שמייכלט פאַרלעגן, באַלד געוואָלט עס פאַרשמירן מיט אַן אַנעקדאָט וועגן איינעם פון די באַקאַנטע שרייבערס.

נישט אויסצושעפּן איז געווען דער קוואַל פון אַנעקדאָטן און מעשיות זיינע וועגן די עלטערע חברים פון דער פּרץ־סביבה: נאָמ־בערג, אַש, ווייסנבערג, גילבערט, י. י. טרונק, קאַווע, אָדער דער קינסטלער קראַטקאָ; אַן אָפּטער קרבן פון זיינע וויצן און אַנציעכצער איז געווען איינער פון די גרעסטע פּראַטעקטאָרן און פינאַנסירער זיינע — הערץ פישמאַן, דער פּריוועס־איידעם, וועלכער האָט גראַ־וויטירט צום פּרץ־קרייז, האָט זיך אָנגעטאָן „ליטעראַריש", אַפילו דאַן ווען ס'איז שוין לאַנג אַרויס פון דער מאָדע, און אַרומגעדרייט זיך אין די קרייזן פון דער קינסטלער־באָהעמע (יצחק באַשעוויס האָט אים פאַראייביקט ווי איינעם פון זיינע הויפּט־העלדן אין דעם מעכטיקן וואַרשע־ראָמאַן „די פאַמיליע מושקאַט"); קאַגאַנאָווסקי האָט אויך ליב געהאַט פון צייט צו צייט אונטערצוחוזקן פון זיך אַליין. אָבער אַנדערע זאָלן חוזקן פון אים — דאָס האָב איך נישט געהערט. מ'האָט אים געקאָנט באַרעדן, זידלען, שעלטן, פייגט־קריגן — און דאָס איז געשען גאַנץ אָפט — נייערט נישט חוזקן. אַ צו בולטע און אייגנאַרטיקע קינסטלער־געשטאַלט איז ער געווען. אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן ליב געהאַט אונטערצוחוזקן פון נאָמבערגס שוואַכקייטן, אָדער פון וויסנבערגן — פון קאַגאַנאָווסקין האָבן זיי נישט געחוזקט. אפשר האָט דער באַזונדערער חן פון זיין לייכטזין און לייכטפּלי אים אָפּגעהיט פון חוזק.

די גרעסטע איבערראַשונג איז פאַר מיר געווען מיט וואָס פאַר אַ וואַרעמקייט ער איז בעת דער היטלער־מגיפה אויפגענומען געוואָרן פון די סאָוויעטיש־יידישע שרייבערס. פון די אַלטע חברים זיינע, ווי דער נסתר, דוד בערגעלסאָן, האָפשטיין, קוויטקאָ, אָדער מאַרקיש; אין אַלמאַ־אַטאַ, אויף עוואַקואַציע — אַפילו פון דעם געפייערטן גרויסן רוסישן דיכטער (דערביי גאָר אַ האַרציקער ייד) סאַמואיל

מאַרשאַק. נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז געווען אַן אַנטלאָפּע־נער פון דער רעוואָלוציע אין די יאָרן פון בירגער־קריג; וואָס ער איז עפּנטלעך געמסרט געוואָרן אין ביאַליסטאָק דורך דעם טרויעריק באַרימטן ש. ל.

קיינער פון די אַנוועזנדיקע אויף יענעם היסטאָרישן אָוונט אין דער ביאַליסטאָקער אָפּטיילונג פון סאָוויעטישן שרייבער־פאַרבאַנד — דעם 14טן נאָוועמבער 1939, בעת אַ צוזאַמענטרעף פון די שרייבער־פּליטים מיט איציק פעפערן, סיטאַ, גאַנטאַר א״אַנד — וועט זיכער נישט פאַרגעסן די געלבלעכע ווייסקייט פון קאַגאַנאָווסקיס פּנים בעת ש. ל. האָט פאַרלאַנגט דעם „אייזערנעם בעזעם פאַר די משרתים פון דער בורזשואַזיע״ און אויסגערעכנט צווישן זיי קאַגאַנאָווסקיס נאָמען; איך וועל אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן די מיט טרערן־דורכגעזאַפּטע דאַנק־ווערטער פון קאַגאַנאָווסקין צו מיר נאָך מיין פאַרטיידיקונגס־רעדע אויף יענעם אָוונט און דעם קעגנאַנגריף אויף ש. ל.

אפשר איז יענער אָוונט טאַקע געווען די סיבה פון קאַגאַנאָווסקיס צוטרוי צו מיר — נישט געקוקט אויף מיין דעמאָלטיקער פּאָליטישער פּאָזיציע — די גאַנצע צייט אין ראַטנפאַרבאַנד, דערנאָך אין פּוילן. אפשר דערפאַר האָב איך געהאַט די זכיה צו הערן פון זיין מויל אַ קלאַסישע באַצייכענונג פון דער לאַגע, אין וועלכער ס׳האָבן זיך געפונען די יידישע שרייבערס אין ראַטנפאַרבאַנד. ווען איך האָב זיך אין 1942 באַקלאָגט פאַר קאַגאַנאָווסקין אין אַלמאַ־אַטאַ (די הויפּט־שטאָט פון קאַזאַכסטאַן, ווו ער האָט זיך דאַן געפונען אויף עוואַקואַציע), אַז פּרץ מאַרקיש האָט צוגעזאָגט צו העלפן דעם אַנסאַמבל, וואָס האָט דאַן געווירקט אין מיטל־אַזיע אונטער דער אָנפירונג פון אידאַ קאַמינסקאַ, צו אונטערשטיצן אים ביי די „הויכע פענצטער״ און ווען ער איז געוואָרן וועגן דעם אַרעסט פון דזשיגאַן־שומאַכער — האָט ער זיך צוריקגעצויגן, איז געקומען קאַגאַנאָווסקיס פאַרענטפערונג:

— האָט נישט קיין טענות צו קיינעם פון זיי. זיי זענען ווי די

געצערטלטע ראַסאָווע הינטלעך, וואָס ווערן געהאָדעוועט ביי פּריצים: מ׳קעכלט זיי, מ׳קאַרמעט זיי מיט שאָקאָלאַד, מ׳טוט זיי אָן אַ סערדאַקל, זיי זאָלן חלילה קיין קאַטאַר נישט קריגן, אָבער פון צייט צו צייט גיט מען זיי אַ קאַפּע, אַ שטויס מיטן שטיוול, זיי זאָלן נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען הינטלעך.

אַ בוך וואָלט מען געקאָנט צוזאַמענשטעלן פון קאַגאַנאָווסקיס וויצן וועגן די דעמאָלטיקע סאָוויעטישע גדולים, חוזק־מעשהלעך וועגן סאָוויעטישן שטייגער, און דער עיקר — וועגן סאָוויעטישן צוגאַנג צו קונסט. אפשר נישט קיין קלענער בוך, ווי זיין „שטאָט אויף דער וואָלגע”, וואָס איז ביי אים באַשטעלט געוואָרן ווי אַ לויב־געזאַנג פאַרן ראַטנפאַרבאַנד. און זאָל עס נישט קלינגען ווי אַ פּאַראַדאָקס: זיינע לויבגעזאַנגען זענען געווען ציניש־אויפריכטיק, גראַד ווי זיין חוזק. ווייל ער פערזענלעך האָט זיך נישט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן אין ראַטנפאַרבאַנד — אין פּרט פון דער באַציונג צו אים ווי אַ שרייבער.

מען האָט אים צוגעטיילט אַלע רעכט און פּריווילעגיעס פון די ראַסאָווע הינטלעך.

ער האָט זיך אויך נישט געקאָנט באַקלאָגן אויף דער באַציונג פון די סאָוויעטיש־יידישע שרייבערס צו אים. זיי אַלע כמעט זענען צווישן זיך געווען צעקריגט און צעריסן. ווער עס האָט, אַ שטייגער, געוואָלט זיין אַ פריינד פון בערגעלסאָנען, האָט נישט געקאָנט זיין באַפריינדעט מיט מאַרקישן — אַחוץ דעם נסתר, דער דאָזיקער אויסנאַם־דערשיינונג אין ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט געהאַט די פּריווילעגיע נישט צו זיין קיינעם קיין שונא. לכל הפּחות — נישט מוזן עס אַרויסווייזן.

קאַגאַנאָווסקי האָט אין אַ געוויסער מאָס אויך געגאָסן פון דער דאָזיקער נסתר־פּריווילעגיע. ער האָט געקאָנט זיין אַ פריינד פון אַלע. אָדער ריכטיקער — אַלע כמעט האָבן אים אַרויסגעוויזן זייער פריינדשאַפט.

דאָס זעלבע — אין נייעם פּוילן. אפילו נאָך זיין אַוועקפאָרן

פון פוילן איז ער נישט טריף געווען דאָרט, די קאָמוניסטן אין פּאַריז האָבן אים מקרב געווען און קורץ פאַר זיין טויט איז ער אַפילו פאַר־בעטן געוואָרן קיין פוילן אין שייכות מיטן אַרויסגעבן זיין „שטאָט אויף דער וואָלגע".

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז דער אַמאָליקער קאַגאַנאָווסקי האָט זיך „אידעיש איבערגעבויט". ער איז געבליבן, ווי אַמאָל — דער אַבסאָלוטער פּאָליטיש־גרעזעלשאַפטלעכער „אויסיידער", דער ניהיי־ליסט, דער חוזק־מאַכער. און ס'האָט פאַר מיר באמת געקלונגען קאָמיש, ווען אַ פּאַריזער חבר האָט מיר געזאָגט וועגן קאַגאַנאָווסקין — האַלב־ערנסט, האַלב אין וויץ — אַז דאָס איז דער הויפּט־יעווסעק פון די פּאַריזער יידישע שרייבערס; אָדער ווען איך האָב אים סוף 1957 באַגעגנט אין ישראל — דאָס ערשטע און ליידער אויך לעצטע מאָל, וואָס ער האָט באַזוכט דאָס לאַנד, ווו ער האָט זיין איינציקן זון און אייניקלעך — און ער האָט זיך באַקלאָגט פאַר מיר, אַז דאָ איז ער כמעט באַיקאָטירט געוואָרן ווי אַ יעווסעק.

קאַגאַנאָווסקי און פּאַרטיי, פּאָליטיק, אידעע — דאָס זענען געווען אָרגאַנישע סתירות. זיין וועלט־באַנעם איז געווען: שיינקייט, קונסט. דער קינסטלער פאַר עקסעלאַנס, דער וואַרשעווער יידישער קינסט־לער.

3

מיט דער שאַרפסטער בולטקייט האָט זיך דאָס אַלץ אויבן געזאָג־טע ווידער אַנטפּלעקט פאַר מיר, נאָכן איבערלייענען זיין „טונקעלע דירה". אין דער געשיכטע פון זיין פאַמיליע, פון זיין קינדהייט, פון זיין סביבה — געפינען מיר אַ פּערפעקטע קינסטלערישע פאַרקער־פּערונג פונעם קליינבירגערלעכן יידישן וואַרשע, פון די פּעריפעריע־גאַסן פון דער דאָזיקער וויטאַלסטער שטאָט אינעם גלות ישראל — אפשר טאַקע דאָס פּערפעקטסטע געמעל פון דער טייל יידישן וואַר־שע, ווו ס'איז אויך פאַראַן דער אויפקום פון דער אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און איר קאַמף מיט דער אונטער־

וועלט, די „שטאַרקע", וועלכע האָבן ביזן אויפקום פון דער אַרבעטער־באַוועגונג געקיניגט אין יענע גאַסן פונעם יידישן וואַרשע. אפשר איז עס באַווירקט דערפון, וואָס דער מחבר איז געווען בלוטיק באַטייליקט אין די געשעענישן — זיין עלטערער ברודער, אַ בר־מצווה־בחורל און אַ „שווער קינד", איז אין די פריע קינדער־יאָרן אַריינגעשלעפט געוואָרן אין דער אונטערוועלט, פון דאָרט אַריבער צו די אַנאַרכיסטן, באַטייליקט זיך אינעם געראַנגל צווישן די אַרבעטער און דער אונטערוועלט אויף דער זייט פון אַרבעטער, פאַרווונדעט און אַרעסטירט געוואָרן. די זייטלעך פון דעם געראַנגל געהערן צו די טראַגישסטע פראַגמענטן פונעם בוך און די טויט־סצענע פונעם „קעניג פון די שטאַרקע", איטשע משומד, איז אַ מעכטיק־אויפטרייסלענדיק קינסטלעריש געמעל.

אין צוויי טיילן איז איינגעטיילט דאָס בוך: אַריינפיר וועגן דער קראַנקייט פון 11־יאָריקן אפרים, ווען די מאַמע באַוויינט שוין צוליב דער „קבורה" (ווי זי האָט גערופן זייער טונקעלע דירה, אין וועלכער ס׳זענען געשטאָרבן איין יקע קינדער אירע), פירט אונדז דער מחבר אַוועק צו אַ זומערוווינונג, וווּ די פאַמיליע לופטערט זיך אייניקע חדשים (מיט דעם נאָך דאָן לעבעדיקן און פון אַלעם באַליבטן יינגסטן „קינד"); די צווייטע טייל — צוריק אין וואַרשע, טויט פונעם „קינד" און דער סאָציאַלער אויפברויז פאַר דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע. נישט קיין „סאָציאָלאָגישע" שילדערונג פון די געשעענישן און סביבה (כאָטש ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז קאַגאַנאָווסקי האָט זיך געוואָלט באַמיען עס צו טון), נייערט אַ קינסטלערישע, אַ דורכגעזאַפטע מיט געמיט, שטימונג, פאַרב, ווי אויך מיטן אַראָמאַט פון אַן איידעלן עראָטיזם, פון סעקסועלע רעגונגען און תאוות — וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר קאַגאַנאָווסקין, פערזענלעך און דעם קינסטלער. ממש קליניש באַווייזט ער אונדז ווי ס׳ווערט ביי דעם ייִנגל דערוועקט און פאַנאַנדערגעפלאַקערט דאָס סעקסועלע — באַזונדערס אין דער ערשטער טייל, אויפן דאָרף: דאָס שיקסל אַניעלקאַ, וואָס האָט באַדינט דאָס

„קינד״; ליאַליאַ, די טאָכטער פון די „געשמדטע״, וואָס האָט גע־רייצט דאָס ייִנגעלע, וועלכער האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען וואָס עס ברויזט אין אים; די פּוילישע פּאַני, די שוועסטער פונעם שטאַרבנ־דיקן שווינדזוכטיקן רעוואָלוציאָנער קאַראַל, ביי וועלכער ער האָט אָנגעהויבן אָפּצושאַצן די מעלות און אייגנשאַפטן פון ווייבערישן לייב; רב לייבעלע מלמדס טאָכטער, שרה, וואָס „עפּעס אַ רייץ ביז ווייטיק איז געגאַנגען פון איר, עפּעס אַ סוד, פון וועלכן עס האָט נישט געטאָרט וויסן קיינער״... אָט דער דינער הויך פון עראָטיזם איז אייגנטלעך די אַטמאָספער פונעם בוך, די אַטמאָספער פון קאַגאַ־נאָווסקיס שאַפן, פונעם סטאַוועקע־געסל, די אַרומיקע גאַסן, געסלעך, הייזער, הייזלעך און חורבות — פון די טונקעלע דירות, אין וועלכע מענטשן האָבן זיך געגעסטיקט, געפּייניקט, געליבט און געהאַסט, אַנטוויקלט זיך פאַר דער צייט, אָדער פאַרוויאַנעט געוואָרן. ס׳ווערט טאַקע ביזן סוף פון בוך נישט קלאָר פאַרוואָס דער טאַטע פון דער משפּחה האָט זיך אַזוי איינגעעקשנט און נישט געוואָלט בייטן די טונקעלע דירה, די געגנט פון דער אָרעמקייט, אין דער צייט ווען ער האָט לויט זיין סאָציאַלן שטאַנד פון אַ גוט־סיטואירטן קליינביר־גער געקאָנט אַריבער אין די „בעסערע״ גאַסן. דערויף איז אָבער שווין איצט שווער צו פרעגן אַ קשיא ביים מחבר. און מיך וואָלט גאָרנישט געוואונדערט, ווען ער ענטפערט מיט יאָרן צוריק אויף אַזאַ געשטעלטער פראַגע: „כדי איך זאָל קאָנען באַשרייבן און באַמאָלן דאָס סטאַוועקי־געסל. באַשרייבט ער עס טאַקע אונטער צוויי מעכ־טיקע פליגלען: פון ליבע און טויט. ליבע איז זיין אַטמאָספער, טויט — די סטראַטאָספערע.

„אין אונדזער שטוב זענען אַרומגעגאַנגען אַ סך בלייכע שאָטנס פון פאַרשוווּנדענע מענטשן, וואָס האָבן געלעבט לאַנג פאַר מיין געבוירן ווערן, וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט זען. דאָך האָב איך זיי געקענט צוליב עפּעס אַ געשיכטע וועגן זיי, אַ וויץ, אַ ווערטל, אַ געשעעניש״.

„אַ דאַנק דער פאַרביקייט פון מיין פאָטערס שפּראַך און זיין

פעיקייט אָפּצומשלען, איבערצוגעבן כאַראַקטער־שטריכן פון מענטשן און זייערע גענג, איז מיר ביז היינט פאַרבליבן דאָס נישט־אָפּוועגד־באַרע געפיל, אַז איך האָב זיי געקענט" — דערציילט אונדז קאַגאַ־נאָווסקי אין די ערשטע קאַפּיטלעך פון זיין „טונקעלע דירה".

לכאורה באַשרייבט קאַגאַנאָווסקי „בלייכע שאָטנס פון פאַר־שווונדענע מענטשן"; עפּיזאָדן, שטימונגען און טאָג־טעגלעכע שטייגער־בילדלעך — מיט זיין אייגנאַרטיקן הומאָר און געזען מיט זיין שאַרף אויג, דאָס אויג פון אַ קינסטלער. אָבער ווען מ'לייענט זיך אַריין אינעם בוך, געפינט מען אַ וועלט מיט לעבעדיקע גע־שטאַלטן און געשעענישן, וואָס קאָנען אָפּטמאָל אַליין פאַר זיך דינען ווי אַ טעמע פאַר אַ ראָמאַן (אַ שטייגער — די מעשה מיט זיין פעטער אָשר, דעם „דיאַדקאַ" פון די נאָוואַבראַנצעס און רב יואל. אין אַ פּאָר צענדליק שורות גיט דאָ דער שרייבער אַ פאַרביק בילד פון יידישן לעבן אין רוסישן מיליטער, מיט אַנטלויפן און גנבענען גרענעצן). אָבער ס'איז נישט געווען די כוונה פונעם מחבר צו געבן אַזאַ ראָמאַן. אגב, איז אויך די פאָרם פון ראָמאַן נישט זיין סטיכיע, נייערט די נאָוועלע, דאָס שטימונג־בילד, די מיניאַטור, עווענטועל — די הומאָ־רעסקע. און אין דעם לעצטן בוך זיינעם איז די כוונה געווען אויפ־צולעבן פאַר אונדז זיין קינדהייט אין דער טונקעלער דירה, אין די טונקעלע געסלעך — מיט אַלע פריידן און ליידן פון יענעם לעבן; אַ בילד פון יידישן פאָלקס־וואַרשע. און דאָס האָט ער אין זיין לעצט בוך, ווי אין דער מערהייט ווערק זיינע, געשאַפן, געמאָלן, געצייכנט, אויסגעקנאָטן און אויסגעשפּינען אין אַ פאַרביק קינסטלעריש בילד.

האָב איך דורך דעם בוך ווידער דערזען אפרים קאַגאַנאָווסקין און דאָס פאַרטיליקטע יידישע וואַרשע — ווי לעבעדיק פאַר זיך. כ'האָב עס דערזען אויף מיין אייגענעם וועג, ווי אַ טייל אפשר פון מיין אייגן לעבן.

מאָריס שוואַרץ

1

אין איין זאַץ קאָן מען דרייסט זאָגן: מאָריס שוואַרץ איז נעוועזן פון די געציילטע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געלייגט זייער חותם אויף דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער אין גאַר דער וועלט. אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ער געווירקט אויפן יידישן טעאַטער, אויף זיינע שאַפערס און זיין עולם, ווי אַן אַקטיאָר, רעזשיסער און בעיקר — טעאַטער־אָרגאַניזאַטאָר.

עס איז נישט לייכט צו באַצייכענען, אויף וועלכן פון די דריי געביטן האָט ער געהאַט גרעסערע דערגרייכונגען. ווי אַן אַקטיאָר האָט ער געשאַפן קרעאַציעס וואָס האָבן אים דערהויבן צו אַ חשוב אָרט צווישן די „סטאַרס" פון דער יידישער בינע; ווי אַ רעזשיסער — אומצאָליקע ספּעקטאַקלען, צווישן זיי: אַ סך פון וואָג, באַזונדערס די מאַסן־ספּעקטאַקלען און דראַמאַטיזאַציעס פון פאַרנעמיקע פּראָזע־ווערק; ווי אַ טעאַטער־אָרגאַניזאַטאָר — דאָס גרינדן און פירן אין משך פון יאָרצענדליקער דאָס ניו־יאָרקער יידישע קונסט־טעאַטער. אפשר איז טאַקע דאָס דער וויכטיקסטער אַטעסטאַט פון מאָריס שוואַרצן אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער — מיט אַלע שטרויכלונגען און קריזיסן, וואָס דאָס ניו־יאָרקער קונסט־טעאַטער האָט דורכגעמאַכט.

שטרויכלונגען זענען אַ נאָרמאַלע דערשיינונג אינעם גאַנג פון יעדן קינסטלער. נישט געשטרויכלט קאָן ווערן בלויז דער, וואָס דערוועגט זיך קיין מאָל נישט צו גיין פאָרויס, זוכן דאָס אומבאַקאַנטע, פּרוּוון דאָס נישט־באַשטימטע; דער, וואָס איז גאָרנישט מחדש און

שאַפט גאָרנישט. מאָריס שוואַרץ האָט כל־ימיו געהערט צו די, וואָס ווילן שטענדיק עפּעס מחדש זיין. דערפאַר האָט ער געמוזט נישט איין מאָל געשטרויכלט ווערן. באַזונדערס — אין די באַדינגונגען פון קאָמערציעלן טעאַטער. און זיין קונסט־טעאַטער האָט שטענדיק געמוזט זיין אַ קאָמערציעל טעאַטער, ווייל קיין געזעלשאַפטלעכע באַזע איז פאַר אים נישט געשאַפן געוואָרן. און אויב אין אַזעלכע באַדינגונגען האָט ער דאָך צענדליקער יאָרן אויפגעהאַלטן דאָס קונסט־טעאַטער, זיך פאַרמאָסטן אויף וואַגיקע קינסטלערישע אויפ־טוען און — טאַקע אַזוי פיל אויפגעטאָן, איז עס געווען צו פאַרדאַנקען איינציק און אַליין זיין אומגעהייערער דרייסטקייט, פענאָמענאַלער אַרבעטס־פעיקייט און שאַפונגדראַנג. אָט די כאַראַקטער־שטריכן פון קינסטלער און טעאַטער־אָרגאַניזאַטאָר מאָריס שוואַרץ זענען טיף איינגעקריצט געוואָרן אין זיינע שעפערישע אויפטוען און אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

נעמט, למשל, די פּאָפּולערע אויפפירונג זיינע, וועלכע ער האָט קרוב צו דרייסיק יאָר רעפּראָדוצירט אין פאַרשידענע לענדער, מיט פאַרשידענע אַנסאַמבלען, מיט פאַרשידענע ענדערונגען — „יאָשע קאַלב".

י. י. זינגער האָט אין זיין ראָמאַן אָנגעצייכנט אַ שאַרף — און צו מאָל דעמאַסקירנדיק — בילד פון אַ רבישן הויף אין גאַליציע, אין דער צווייטער העלפט פון פריערדיקן יאָרהונדערט. ער האָט זיך דערוייטערט פון דער דעמאָלט (און נאָך היינט) מאָדישער ליניע צו ראָמאַנטיזירן אַלע רביים און זייערע חסידים. ער האָט מיט אַ סך עקספּרעסיע (אָפטמאָל מיט נאַטוראַליסטישע פּרטים און אַ נייגונג צו עראָטיזם), געשילדערט די שאָטנזייטן פון מגושמדיקע חסידישע מושלים און תקיפים (דער ניעשאַווער רבי און זיינע מקורבים). ער איז דערביי נישט אַריינגעפאַלן אין בלויז נעגאַציע, באַווייזנדיק אויך אַ מוסטער פון אַן אויסגעאיידלטן חסידישן הויף (דער ראַכמאַניוועקער און זיין משפחה). מאָריס שוואַרץ, דער דראַמאַטיזאַטאָר, האָט פון דעם ראָמאַן — וואָס איז פול מיט שאַרפע דראַמאַטישע קאָנפליקטן,

שווערע נשמה־ראַנגלענישן, פּלאַסטישע שטייגער־בילדער און מאַר־קאַנטע געשטאַלטן — אויסגעפורעמט אַ פילם־ענלעכן ספּעקטאַקל מיט אַ סך פאַרב, באַוועגונג און דראַמאַטישער שפּאַנונג. געמאַכט האָט ער עס דורך אויסשניידן קליינע פראַגמענטן פון ראָמאַן, די מאַרקאַנטסטע געשטאַלטן, אייניקע שטייגער־בילדער און פּיקאַנטע עפּיזאָדן. איז פאַרשטענדלעך, אַז אין אַכצן קורצע בילדער — אייניקע פון זיי ממש בליצבילדער — קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן פאַרטיפן קאָנפליקטן און אַנטוויקלען כאַראַקטערן. ער האָט דעריבער אויס־געבויט אַ דראַמאַטישע רעוויע, אין וועלכער עס דאָמינירט דאָס רעוויִעאַרטיקע איבער דעם דראַמאַטישן.

ווי אַ רעזשיסער האָט מאָריס שוואַרץ דעם אינסצעניזירטן שטאָף פאַרקאַנסערווירט אין די פאָרמען פון צווישנמלחמהדיקן רעאַ־ליסטישן סטיל פון זיין קונסט־טעאַטער, מיט אַ געוויסער נטיה צו סימבאָליק. פאַר די פאָרמען איז כאַראַקטעריסטיש: פּריאָריטעט פון טעמפּאָ, בילד, שטאַרקן קלאַנג, אַ סך באַוועגונג. מוסטערן פון שטייגער, ביי סכעמאַטישער צייכענונג פון געשטאַלטן און אָפּגע־לאָזנקייט אין ניואַנסן, שטימונגען.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ כאַראַקטעריסטישער אינצידענט מיט מאָריס שוואַרצן: אין לאָדזש, נאָך דעם, ווי איך האָב אייניקע מאָל אָפּגעשפּילט די ראָלע „יאָשע קאָלב״ (איך האָב זי איבערגענומען, ווען מיין ברודער יאָנאָס איז אַרויסגעטראָטן פון שוואַרצס אַנסאַמבל), האָט מיך שוואַרץ אָפּגעוואַרט ביים אַראָפּגיין פון דער בינע — נאָך יאָשעס מאָנאָלאָג אין שול. ער האָט זיך גוואַלדיק געקאָכט, האַלטנדיק אַ סטאָפּ־זייגער אין האַנט:

— גזלן, די סצענע האָט היינט געדויערט מיט אַ האַלבער מינוט לענגער...

איך האָב געענטפערט, אַז איך שפּיל נישט מיטן זייגער, נייערט מיטן האַרץ. האָט ער זיך נאָך מער צעקאָכט:

— מען דאַרף נישט אייער האַרץ. טעמפּאָ דאַרף מען. מיר מוזן

דערלאַנגגען איבערן קאָפּ. אויב איר וועט פּאַרציען מיט אַ מינוט, וועט מען אונדז כאַפּן ביי דער האַנט...

דאָס איז טאַקע געווען זיין שיטה. דערלאַנגגען איבערן קאָפּ. אַ בילד נאָך אַ בילד, אַ סצענע נאָך אַ סצענע. און די בילדער זענען אַרויס שיין, אַ דאַנק גרופּירונג און באַלויכטונג; די טראַדיציאָנעלע אויסשטאַטונג, כאָטש זי האָט נישט פאַרמאָגט קיין קינסטלערישן שוווּנג, האָט צוגעגעבן קאָלאָריט; די מוזיק און טענץ האָבן דערפילט די רעוויו־פונקציעס, געבנדיק אַנטשפּאַנונג און גלייכצייטיק בינדונג פון די באַזונדערע בילדער; דער אַנסאַמבל איז ביי אים געווען שטענדיק ערשטקלאַסיק צוגעקליבן און אויב עס האָט זיך נישט געלאָזט, זענען די שוואַכע ערטער אַזוי אַרומגעשטעלט געוואָרן, אַז מען „זאָל נישט קאָנען כאַפּן ביי דער האַנט".

2

ווען איך האָב מאָריס שוואַרצן דאָס ערשטע מאָל נאָך 24 יאָר געטראָפן אין ישראל (אין יאָר 1960), בין איך איבערראַשט געוואָרן, ווי ווייניק דער מענטש האָט זיך געביטן. פאַר דער מלחמה אין ווין, אין יאָר 1936, האָט ער אין אַן אינטימען שמועס זיך מודה געווען פאַר מיר, אַז ער איז אַלט 52 יאָר. איז ער, הייסט עס, קיין ישראל געקומען ביי די 76. דאָס האָט זיך לגמרי אויף אים נישט אָנגעזען. ער איז ווייטער געווען פול מיט פּלענער, מיט באַוועגונג, מיט אַרבעטלוסט.

נאָך דער פּרעמיערע פון „יאָשע קאַלב" אין תל־אביב (ער איז אַ גאַנצן מעת־לעת נישט אַרויס פון טעאַטער: איינגעשטעלט דעקאָראַציעס און ליכט; געשפּילט דעם „ביעשאַווער צדיק" און געטאַנצט אין המון; געהאָלפן שלעפּן דאָס מעבל און לאָזן דעם פאָרהאַנג) — האָט ער פאַרבעטן אַ גרופּע אַקטיאָרן אין אַ קאַפע און דאָרט ערשט אויף ס'ניי אָנגעהויבן רעזשיסירן: אויסגעזעצט ביי

טישלער, געהייסן בסדר פאָטאָגראַפירן, איינגעשטעלט וואָס מען זאָל טאָן בעתן פאָטאָגראַפירן...

יידישע טעאַטער־אַרבעט אין ישראל איז נישט קיין לייכטע מלאכה (בכלל איז טעאַטער אין ישראל אַ שווער שטיקל ברויט...) און אַרומפאָרן מיט „יאָשע קאַלב" איז געווען אַ שווערע האַרעוואַניע. אָבער גלייך נאָך דער פּרעמיערע האָט ער פאַרלאַנגט אַז די אַקטיאָרן זאָלן אָנהייבן רעפּעטירן שלום אַשס „קידוש השם". ער האָט פאַר אַלעמען פאַרבאָרגן, אַז ער האָט שוין אַ גאַנץ־אַוואַנסירטן האַרץ־פעלער און ווען ער האָט ערב פּסח ווידער באַקומען אַ האַרץ־אַטאַק, האָט ער געטענהט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל די אַקטיאָרן האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו מאַכן אַ רעפּעטיציע ערב דער סדר־נאַכט...

— ווען איך גיי אויף אַ פּראָבע, וואָלט איך נישט קראַנק געוואָרן...

צען האַרץ־אָנפאַלן האָט ער אין משך פון אייניקע וואָכן געקראָגן אין שפּיטאָל און נישט אונטערגעגעבן זיך, ביז לסוף האָט אים דער עלפטער באַזיגט — אים, דעם מענטש וואָס האָט געלעבט הונדערטער לעבנס און געשטאָרבן מיט הונדערטער טויטן.

פאַרן טויט האָט ער אָבער נאָך מיט זיין פרוי, אַנאַ, אויסרעזשיסירט זיין לוויה, איר אָפּפאָר קיין אַמעריקע און וואָס זי זאָל טאָן ווי אַן אלמנה.

בעצם זענען די הונדערטער סצענישע לעבנס פון מאָריס שוואַרצן בלויז געווען אַ חלק פון זיין אייגענעם לעבן אין טעאַטער, וואָס איז געווען אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט אָנגעלאָדן — איבערגעלאָדן — מיט גרענגלען, אויפטועון, פאַרמעסטן און מיט ממשותדיקער טאָג־טעגלעכער אַרבעט, וואָס איז געגוג געווען אָנצופילן — איבערצופילן — אַ שיינע צאָל נאָרמאַלע מענטשלעכע לעבנס; די הונדערטער סצענישע טויטן פון מאָריס שוואַרצן זענען פאַרחתמעט געוואָרן פון דעם אומאָפּרופלעכן טויט, מיט וועלכן זיין פענאָמענאַל־וויטאַלער אָרגאַניזם האָט זיך אין משך פון אַ חודש צייט געראַנגלט. די הערויִשקעמפערישע פאַרענדיקונג פון זיין לעבן איז געווען אַ מין קרוינונג

פון יאָרצענדליקער קאַמף פונעם דורך־און־דורך טעאַטער־מענטש און קינסטלער, מאָריס שוואַרץ.

מיט זיין אַוועקגיין איז אַפּגעשלאָסן געוואָרן אַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון יידיש טעאַטער — אַ גרויס און רייך קאַפּיטל. אפשר דאָס פאַרביקסטע און רייכסטע אין דער אַזוי יונגער געשיכטע פון יידישן פאָלקס־טעאַטער. איבער אַ העלפט פון דער דאָזיקער גע־שיכטע האָט געדויערט מאָריס שוואַרצס פאַרבינדונג מיט איר.

מאָריס שוואַרץ איז טאַקע געווען באַרעכטיקט צו זאָגן: „דאָס ניו־יאָרקער יידישע קונסט־טעאַטער — דאָס בין איך!" דאָס דאָזיקע קונסט־טעאַטער איז דאָך געווען דאָס דערהויבנסטע און שעפע־רישסטע אין יידישן טעאַטער־לעבן אין אַמעריקע; פון די רומפולסטע קאַפּיטלעך אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער בכלל. אָן אים, אָן זיינע איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, וואָלט אפשר בכלל נישט געשאַפן געוואָרן קיין ווערטיקס. תמיד איז געווען מיט אים די האָפענונג, דער גלויבן, אַז אַט וועט ווידער אויפשיינען דאָס קונסט־טעאַטער — טאַקע מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער. אַ ניו־יאָרקער, אַן אַמעריקאַנער, צי גאָר אַן אַלוועלטלעך יידיש קונסט־טעאַטער, מיט אַ באַזע אין ישראל. דאָס איז געווען דער חלום פון מאָריס שוואַרץ, אַט דעם רעאַליסטישן בעל־חלומות, וועלכער האָט פאַר־מאָגט די פעיקייט צו שאַפן אַ יש פון דער אוממעגלעכקייט. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז מאָריס שוואַרץ איז געווען דער גרעסטער — אין פאַרנעם און געוואַגטקייט — אָרגאַניזאַטאָר פון יידישן טעאַטער אין גאָר דער וועלט.

דער אָרגאַניזאַטאָר איז אָבער אויך געווען אַ רעזשיסער, וואָס האָט געשאַפן אַרום 150 טעאַטער־ספעקטאַקלען — אין פאַרשידענע אויפלאַגעס, צייטן און לענדער. אַ רעזשיסער מיט אַ פאַנטאַסטיש־אַנטוויקלטן חוש פאַר טעאַטראַלישקייט. אַ דאַנק אים זענען צום סצענישן אויסדרוק געקומען יידישע קלאַסיקערס און היינטצייטיקע דראַמאַטורגן; קלאַסיקערס פון דער וועלט־דראַמאַטורגיע און דראַמאַ־טורגן פון פאַרשידענע לענדער האָבן ביי אים געפונען זייער יידישן

תיקון. ער האָט געבונדן טעאַטער מיט ליטעראַטור — דאָס וועט פאַרבלייבן צווישן זיינע גרעסטע פאַרדינסטן, אויב ער האָט עס גע־קאָנט באַווייזן אין דער בדרך כלל דעליטעראַריזירטער אַטמאָספער פון יידישן טעאַטער.

אויך דער אַקטיאָר מאָריס שוואַרץ האָט זיך אין משך פון פופציק יאָר נישט געלאָזט אָוועקרוקן אין שאָטן. און אַקטיאָר איז מאָריס שוואַרץ געווען מיט אַלע זיינע רמ״ח אברים. באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט אידעאַלע סצענישע מיטלען — דרויסנדיקע און אינע־ווייניקסטע, — האָט מאָריס שוואַרץ כסדר פאַרפולקאָמט זיינע סצע־נישע מעגלעכקייטן און דערפירט זיי צו טעכנישער מייסטערשאַפט, וואָס ער האָט איינגעהיט ביז זיין טיפן עלטער.

— עלטער? ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין ווירקן איז נישט גע־ווען צו גלייבן, אַז דער מענטש טראָגט אויף זיך אַ משא פון זעקס און זיבעציק יאָר. זיין אויסזען, דינאַמישקייט, וויטאַליטעט, קרעפטיקייט און באַוועגלעכקייט, האָבן פאַרלייקנט זיינע יאָרן.

3

ווי יעדע אמתע קינסטלער־נאַטור, איז ער פול געווען מיט סתירות. אין משך פון האַלבן יאָר וואָס איך האָב צוזאַמענגעאַרבעט מיט אים — אין פוילן און אין ווין — האָב איך זיך באַמיט אים דורכצודרינגען און אויסצושטודירן. און איך ווייס אַלץ נישט, צי דאָס איז מיר אין אַ גענוגנדיקער מאָס געראָטן.

אין ווין האָבן מיר די ערשטע צייט געשפילט אין גרויסן „ביר־גער־טעאַטער״, אין דריטן באַצירק. דער דערפאָלג איז געווען אומ־געהויער. אָבער דאָס איז שוין געווען אין דער צייט פונעם אויפשטייג פון היטלעריזם און מען האָט געסטראַשעט מיט באָמבעס. די רעגי־רונג האָט אָפּגעזאָגט אַ דערלויבעניש פאַר אונדזערע גאַסטשפּילן — שוואַרץ האָט דאָך אויסגעפועלט די דערלויבעניש מיט דער הילף פון אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדאָר. דער גאַנצער פּלאַץ אַרום טעאַטער

איז געווען אַרומגערינגלט מיט פּאָליציי און יעדן פּאַרדעכטיקטן האָט מען רעווידירט, צי ער האָט נישט ביי זיך קיין באָמבע. דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אינטערעס צו אונדזערע פאַרשטעלונגען, אָן אינטערעס וואָס האָט אָנגעהאַלטן ווען מיר זענען אַריבער אין צווייטן באַצירק, אין דער „ראָלאַנד־בינע".

ער האָט געאַרבעט מיט אַ מאָדנער פּאַסיע. ביי אַלץ, וואָס איז אים אויסגעקומען. אין ווין האָט ער געקאָנט האָבן — אַפילו ליגנדיק אויף דער פּליאַזשע — ביי דער זייט זיין לערער פון העברעיש (ער האָט געפּלאַנט צו פאָרן קיין ארץ־ישראל אויפצופירן „יאָשע קאַלב" אין העברעיש. אָבער צו שטאַנד געקומען איז עס ערשט אייניקע יאָר שפּעטער — אין „אהל") און שעהן לאַנג זיך לערנען. שפּעטער אַרומגיין איבער דער שטאָט איינקויפן. אין אָוונט — אַ פאַרשטעלונג, ביי וועלכער ער האָט געאַרבעט פאַר צען. נאָך דעם אָוועקגיין אין קאַפע — אַ מסיבה, אָדער אַ באַנקעט — פעסט אָפעסן, האַלטן אַ לענגערע רעדע (ער האָט עס ליב געהאַט). זיצנדיק אַנטשלאָפן ווערן אויף אייניקע מינוט, זיך צוריק אויפכאַפּן אָן אָפּגעפרישטער, גרייט ווידער צו אַרבעטן, אָדער צו פאַרברענגען.

ער איז געווען דרייסט, ריזיקאַליש, כאָטש גלייכצייטיק אַ פּחדן. פאַר דער נסיעה קיין ווין זענען מיר פון לאָדזש אַריבערגעפאָרן קיין לעמבערג. ס'איז געווען גראָד אין דער צייט פון די בלוטיקע אַרבעטער־געשעענישן (פרילינג 1936), ווען אין לעמבערג האָט זיך גע־גאָסן בלוט אין די גאַסן און די שטאָט האָט אויסגעזען ווי אַ שלאַכט־פעלד. אַלע האָבן געראָטן צו רעזיגנירן פון לעמבערג — ס'איז סכנת־נפשות. ער האָט אויסגעלופּעט זיינע גרויסע אויגן: „אָפּרופן אַ פאַרשטעלונג? און אַז מען דאַרף שפּילן אונטער קוילן, וועט מען נישט שפּילן? טעאַטער מוז גיין — ביי אַלע אומשטענדן".

און ער האָט געזיגט. נישט געקוקט אויף דעם געפערלעכן מצב אין לעמבערג זענען די פאַרשטעלונגען אַדורך מיטן גרעסטן דערפאָלג.

אָבער מורא געהאַט האָט ער פאַר אַ פערד.

מאָריס שוואַרץ האָט אַ סך געשריבן: דראַמאַטיזאַציעס, אַרטיק־

לען, זכרונות. דערביי געהאַט אַ גוואַלדיקן דרך־ארץ פאַר מענטשן מיט אַ „פעדער אין האַנט״.

בעת אונדזערע גאַסטשפּילן אין לאָדזש איז פאָרגעקומען אברהם מאָרעווסקיס יובל, זיין 50סטער געבוירן־טאָג איז געפייערט געוואָרן מיט אַן אימפּאָזאַנטער אַקאַדעמיע אין אַ פאַרמיטאָג, ווען דאָס טעאַ־טער האָט נישט געשפּילט. מאָרעווסקי איז געווען אין שוואַרצס אַנסאַמבל, האָט שוואַרץ נישט געקאָנט אָפּזאָגן צו באַגריסן אים. איז ער געקומען צו דער אַקאַדעמיע, אָפּגעשטאַמלט אַ פּאָר ווערטער, אַז אברהם מאָרעווסקי איז זייער אַ פּינקטלעכער אַקטיאָר, פאַרשפּעטיקט נישט אויף רעפּעטיציעס און — דאָס אַלץ. ווען מען האָט אים פאַר־געוואָרפן, אַז דאָס איז אַן אומטאַקט, האָט ער פּראָטעסטירט: אַ גרע־סערער אומטאַקט איז מצד מאָרעווסקין צו פייערן אַ יובילײ, בעת ער, מאָריס שוואַרץ, קומט אויף גאַסטשפּילן. — „איז בעסער געווען איר זאָלט אים אין גאַנצן נישט באַגריסן״. ער האָט אַ קוק געטאָן מיט אַ צעטומלטן־פאַרחידושטן בליק: — וואָס הייסט? ער האָט דאָך אַ פעדער אין האַנט...

איך האָב אים אַמאָל געפרעגט, צי ס׳איז אמת געווען דער עפּיזאָד, וואָס מען האָט דערציילט וועגן פּאָול מוני. מוני (דעמאָלט נאָך מוני ווייזנפרוינד) האָט אַלס יונגער אַקטיאָר געשפּילט אייניקע יאָר ביי שוואַרצן אין קונסט־טעאַטער. זיין אויפשטייג האָט זיך אייגנטלעך אָנגעהויבן ביי שוואַרצן. אין איין אויפפירונג (דוכט זיך — אין פּרצס „די גאָלדענע קייט״) האָט שוואַרץ געוואָלט אַז מוני זאָל סטאַטיסטירן. האָט ער אים געהייסן זיין אויף די רעפּעטיציעס און כסדר צוגעזאָגט, אַז ער וועט האָבן אַן איינדרוקספולן עפּיזאָד. ביי די לעצטע פּראָבן — מוני זעט נאָך אַלץ נישט וואָס ער האָט צו טאָן, — פרעגט ער וועגן דעם מאָריס שוואַרצן. יענער ענטפערט:

— איר וועט ציען דאָ די אויפמערקזאַמקייט פון עולם...

מוני האָט מער נישט געפרעגט. אויף דער פּרעמיערע האָט שוואַרץ, ביי זיינער ערנסטער סצענע, דערהערט ווי דער עולם קייכט פון געלעכטער. ער קוקט זיך אַרום: מוני שטייט אויפן לעצטן

פּלאָן און בייסט אַ ליכט. אויף שוואַרצס פראַגע וואָס ער טוט דאָרט, האָט מוני קאָלט געענטפערט:

— איך צי די אויפמערקזאַמקייט פון עולם.

מאָריס שוואַרץ האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט הערנדיק פון מיר די מעשה. ער האָט זי נישט אָפּגעלייקנט און נישט באַשטעטיקט. ער האָט בלויז געזאָגט:

— דער ממזר האָט געהאַט ביי מיר גוטע ראָלעס...

דאָס איז געווען ביי אים דער עיקר.

4

מען מוז מודה זיין, אַז דאָס וואָס ער האָט פאַרלאַנגט פון אַנדערע, פלעגט ער — נישט ווי דער דרך פון „פאַרלאַנגערס" — פריער אַליין מקיים זיין. די פאַראָרדענונג, אַז אַ ל ע מוזן גיין אין די מאַסן־סצענעס, באַטייליקן זיך אין די טענץ, האָט ער אַליין דער ערשטער מקיים געווען. און מיט וואָס פאַר אַ ברען, מיט וואָס פאַר אַ חסידי־שער התלהבות! אין די דרייסיקער יאָרן פלעגט ער אונדז אַלע (וואָס האָבן אויך געמוזט — מיט פאַרשטעלטע פּנימער גיין אין די מאַסן־סצענעס און טענץ) מיטרייסן מיטן אימפּעט פון זיין טאַנץ. נאָר אַ דאַנק זיין אָנטייל האָט דער מענער־טאַנץ אין „יאָשע קאַלב" געקאָנט אַזוי מיטרייסן דעם עולם. ס'איז געווען איין שטיק חסידיש פייער און התלהבותדיקער פלאַם. דאָס זעלבע האָב איך באַמערקט 24 יאָר שפּעטער, ווען ער האָט צום לעצטן מאָל געשפּילט „יאָשע קאַלב" אין תל־אביב. כאָטש ער פלעגט שוין בלייבן אָן אָטעם נאָכן טאַנץ, כאָטש דאָס קראַנקע האַרץ האָט אים געגעבן אַ סיגנאַל: גענוג!

אַ גוטע ראָלע האָט ער, ווי געזאָגט, געהאַלטן פאַרן תמצית פון אַקטיאָרס לעבן. ער פלעגט אָבער אָפּטמאָל פאַרמישן גוטע מיט גרויסע ראָלעס. אַ גוטע ראָלע איז אַזאַ, וואָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַרן אַקטיאָר, אַ ראָלע אין וועלכער ער קאָן זיך גוט איינלעבן און אויסלעבן, אויסלעבן אַ כאַראַקטער, אַ געשטאַלט. אַ גרויסע ראָלע איז

עס ווייט נישט אַלע מאָל — זי קאָן אַ מאָל בלויז מאַכן אַ דרויסנדיקן עפעקט אויפֿן עולם מיט איר גרייס (און דאָס — נישט אויף געניטע טעאַטער־מענטשן). דעם טעות האָט אָבער אָפט געמאַכט מאָריס שוואַרץ — געלאָזט זיך פֿאַנגען פֿון גרויסע, עפֿעקטפֿולע, אָבער אָפטמאָל נישט־צוגעפּאַסטע, ראָלעס.

בעצם איז ער געווען אַ טיפּישער יידישער כאַראַקטער־אַקטיאָר, אַ שטייגער־אַקטיאָר — ביי זיין גלענצנדיקער „פּראַק־פּעיקער" אויסערלעכקייט. איז ער טאַקע געווען גרויס — מיט מאָמענטן פֿון געניאַליטעט — אין שלום־עליכם־רעפּערטואַר, אין פּרץ הירשביין־געשטאַלטן, אין יונה ראָזענפֿעלדס „קאָנקורענטן" און ענלעכע ראָלן. מיט אַזעלכע ראָלן איז געגנוג געווען ער זאָל געווינען אַן אויבנאַן אין יידישן טעאַטער, אַרויסרוקן זיך צווישן זיינע באַדייטנדיקסטע טאַלאַנטן.

די פֿירנדיקע פּאָזיציע האָט ער זיך פֿאַרשטאַרקט מיט זיינע רעזשיסערישע אויפֿטוען, כאָטש ער האָט נישט געהערט צו דער קאַטעגאָריע אינספּירירנדיקע רעזשיסערן. ער איז געווען אַ מייסטער פֿון אויסבויען אַ ספּעקטאַקל, פֿון צוזאַמענשליסן אַלע טעאַטער־קאָמפּאָנענטן, מיט אַ באַזונדערער נטיה צו געבן דאָס מאַקסימאַלסטע — אין פּרט פֿון שיינקייט און עפֿעקט — פֿאַרן אויג און אויער. אין נשמה האָט ער נישט שטאַרק געגלייבט.

איבער אַלץ איז ער אָבער געווען דער טעאַטער־אָרגאַניזאַטאָר. דאָ ווילט זיך איבערחזרן — מיט דער פֿולסטער איבערצייגונג און קאַטעגאָרישקייט — דער גרעסטער טעאַטער־אָרגאַניזאַטאָר פֿון אַלע תּקופֿות אין יידישן טעאַטער. אין דעם פּרט — אַ גאון, אַן אומפּאַר־גלייכלעכער אין דער גאַנצער יידישער וועלט.

ס'איז אַפֿילו אַ זעלטנקייט — דער צוזאַמענשטעל פֿון די דריי עלעמענטן — אַקטיאָרישע מדרגה, רעזשיסערישער טאַלאַנט און אָר־גאַניזאַציאָנעלע גאונות. נישט בלויז אין יידישן טעאַטער, נאָר אין דער טעאַטער־וועלט בכלל. שטענדיק פֿעלט איינער, אָדער צוויי פֿון די עלעמענטן. זעלטן איז אַ גרויסער, אָדער גוטער אַקטיאָר אויך

און אָרגאַניזאַטאָר. גרויסע, שעפערישע רעזשיסערן זענען גאָרנישט געווען אַזעלכע געהויבענע אַקטיאָרן (אַן אויסנאַם אפשר סטאַניסלאַווסקי. מאַקס ריינהאַרדט שוין נישט). מאָריס שוואַרץ איז געווען אַ סינטעז פון די דריי עלעמענטן. נישט וויכטיק, אַז איין עלעמענט האָט געקאָנט פאַרמאָגן אַן איבערוואָג. וויכטיק, אַז אַלע דריי עלעמענטן זענען געווען אַקטיוו, אינטענסיוו־ווירקנדיק, כסדר שאַפנדיק.

אין משך פון איבער פופציק יאָר האָט עס געקאָנט פאַרזיכערן מאָריס שוואַרצן אומשטערבלעכקייט אין דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. ווער שמועסט נאָך — אין פאַרבינדונג מיט די צענדליקער יאָרן ניו־יאָרקער יידיש קונסט־טעאַטער, וואָס האָט מיט רעכט געטראָגן אויך אַן אַנדער — לכתחילה נישט אָפיציעלן — נאָמען: מאָריס שוואַרצס קונסט־טעאַטער.

צוויי זענען זיי געווען
(יוסף ראָטענבערג און שמעון ראָזענבערג)

1

צוויי זענען געווען צוויי חברים, וואָס זענען פאַר מיר געווען אין גאַנצקייט, אַ חברישע שותפֿתות פֿון גאַנג און אויפֿטו אין משך פֿון אַ סך יאָרן: יוסף ראָטענבערג און שמעון ראָזענבערג.

פֿאַרבונדן זענען זיי געווען מיט פּאַרטייאישער חברישקייט נאָך פֿאַר דער מלחמה אין לאָדזש: שמעון ראָזענבערג, דער עלטערער, איז דאָרט געווען אַן אָנגעזעענער טוער פֿון די פּראָפֿאַריינען ביי די לינקע פּועלי־ציון, ראַטמאַן פֿון שטאָט־ראָט, רעדאַקטאָר פֿון דער פּאַרטיי־צייטונג, וואָס איז דערשינען אין לאָדזש; יוסף ראָטענבערג, וועלכער איז אַרויסגעוואַקסן פֿון די באָראָכאָוו־שולן, איז געווען אַ פֿירנדיקער חבר פֿון „יונגבאָר", פֿון דער לינקער פּועלי־ציון־יוגנט און אַזוי אַרום זענען זיך זייערע וועגן צונויפֿגעקומען.

אין די מלחמה־יאָרן אויף דער עוואַקואַציע האָב איך אויך געפֿילט זייער ענגע פֿאַרבינדונג, כאָטש שמעון האָט זיך געפּאָרעט מיט זייגערמאַכעריי אין טאַשקענט און יוסף האָט געפּראַוועט גלות אין אָש, דרום־קירגיזיע.

נאָך דער מלחמה — ווידער אין לאָדזש — שמעון: סעקרעטאָר פֿון צענטראַל־קאָמיטעט פֿון די לינקע פּועלי־ציון און רעדאַקטאָר פֿון דער פּאַרטיי־צייטונג; יוסף — פֿאַרשטייער פֿון די לינקע פּועלי־ציון אין לאָדזשער יידישן קאָמיטעט, דער לייטער פֿון דער קולטור־

אָפּטיילונג אין קאָמיטעט און אָרגאַניזאַטאָר פון באַראַכאָוויסטישע קיבוצים.

מער־ווייניקער צוזאַמען זענען זיי געקומען קיין ישראל, אין שכנות געוווינט אין קרית שלום פון תל־אביב. שמעון האָט אָנגעהויבן זיין וועג אין „נייוועלט״ — די פּועלי־ציון־צייטונג, וואָס האָט יאָרנלאַנג געטראָגן אין ישראל די פאָן פון יידיש און איז באַרבאַריש ליקווידירט געוואָרן צוליב פּאַרטיי־שפּאַלטונג, פּאַרטיי־פּאָליטיק, פּאַר־טייאישער קליינקעפּלדיקייט. יוסף — איז אַוועק אין דער נעבעכ־דיקער, פאַרוואָרפענער י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, וועלכע ער האָט מיט אַלע כוחות געפּרוווט פאַנאַנדערבויען, אויסברייטערן, פאַרגרע־סערן, ביז ער האָט זי טאַקע דערפירט צו דער ראָל פון אַ צענטראַלער, וואַגיקער אינסטיטוציע אין יידישן קולטור־לעבן אין ישראל.

אָבער דער גרעסטער פאַרדינסט פון זיי ביידן — די אינסטיטו־ציע, וואָס האָט צום שטאַרקסטן צונויפגעבונדן זייערע נעמען — איז געווען דער י. ל. פּרץ־פאַרלאַג. ראַטענבערג איז געווען דער לייטער פון פאַרלאַג, ראָזענבערג — דער פאַרוואַלטונג־סעקרעטאַר, ביז ראַטענבערג איז געשטאָרבן. דאַן האָט ער ווידער איבערגענומען די לייטונג פון פאַרלאַג, ביז ער איז אויך אַוועק רוען ביי דער זייט פון יינגערן חבר, וועלכער איז געשטאָרבן אייניקע יאָר פאַר אים.

מ׳האָט באַדאַרפט זיין אַן אויסערגעוויינלעכער וויזיאָנער, אַ מענטש מיט אַ נישט־דורכשניטלעכער פאַנטאַזיע, כדי זיך איינצורעדן, אַז מ׳קאָן אין ישראל, אין די פופציקער יאָרן, שאַפן אַ געזעלשאַפט־לעכן יידישן פאַרלאַג; אַ פאַרלאַג, וואָס זאָל ווערן אַ גייסטיקע בריק צווישן ישראל און דער יידיש־שאַפערישקייט און יידיש־לעבן אין די גלות־לענדער. אַזאַ פאַנטאַזיע האָט פאַרמאָגט יוסף ראַטענבערג און מיטן גאַנצן יוגנטלעכן ברען, וואָס ער האָט פאַרמאָגט ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן, מיט דער גוואַלדיקער ענערגיע און אימפּעט, וועלכע ער האָט פאַרמאָגט, איז ער צוגעטראָטן צום רעאַליזירן זיין וויזיע, שאַפן דעם י. ל. פּרץ־פאַרלאַג אין ישראל.

מ׳האָט באַדאַרפט זיין אַ שטרענג־אָרגאַניזירטער מענטש, אַ

רואיקער, געלאַסענער, סיסטעמאַטישער, צומאָל פלעגמאַטישער, כדי פאַר דער וויזיע און ברען פון ראַטענבערגן צו שאַפן אַ פראַקטישע אָרגאַניזאַציאָנעלע באַזע, די געהעריקע ביוראָ־ראַמען (נישט צו פאַרבייטן מיט ביוראָקראַטישע) פאַר דער רעאַליזאַציע, די אָרגאַ־ניזאַציאָנעלע און פינאַנסיעלע מעגלעכקייטן פאַר דער טעטיקייט פון פרץ־פאַרלאַג. אַזאַ מענטש איז געווען שמעון ראַזענבערג.

טריט ביי טריט, בוך נאָך בוך — אָנהייבנדיק פון 1טן באַנד זרובבלס „בלעטער פון אַ לעבן״ — איז געוואַקסן דער פרץ־פאַרלאַג, אַריבערגעוואַקסן די ביבליאָטעק, ביי וועלכער ער איז געשאַפן געוואָרן, געוואָרן דער באַדייטנדיקסטער יידישער פאַרלאַג אין דער וועלט. נאָך ביי ראַטענבערגס לעבן איז די צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער דערגאַנגען צו אַ האַלבן הונדערט; ביי ראַזענבערגס אָנפי־רונג האָט די צאָל אַרויסגעגעבענע ביכער זיך דערנענטערט צו די 200.

אַוודאי קאָן מען האָבן פאַרשידענע טענות צום פאַרלאַג — דער עיקר, ווייל ער איז אַ געזעלשאַפטלעכער פאַרלאַג און ווי אַזאַ דאַרף ער אויספירן אַ שליחות אין יידישן קולטור־לעבן און פאַרן יידיש־שאַפן אין ישראל; אַוודאי זענען נישט אַלע ביכער, וואָס זענען דערשינען אינעם פאַרלאַג נאָך ביים לעבן פון די גרינדערס, געווען פון גלייכן ווערט און צומאָל — פון אַ וועלכן עס איז ליטע־ראַרישן, אָדער קולטור־ווערט.

ווען איך האָב בשעתו וועגן דעם גערעדט מיט ראַטענבערגן, האָט ער זיך ממש געבעטן: „לאָזט אונדז נאָר זיך אַ ביסל באַפעס־טיקן, סטאַביליזירן. איר וועט זען, מיר וועלן נאָך צאָלן האָנאָראַר יידישע שרייבערס, נישט בלויז נישט נעמען ביי זיי קיין געלט פאַרן אַרויסגעבן ביכער״. ראַזענבערג האָט אייניקע יאָר שפּעטער, אויף זיין אופן, רואיק און פראַקטיש, מיר באַוויזן מיט ציפערן, אַז ס׳איז נישט מעגלעך צו עקזיסטירן אָן די פעלערן, וועלכע איך וואַרף פאָר: די הוצאות פון אַרויסגעבן אַ בוך קאָנען אין בעסטן פאַל קוים געדעקט ווערן מיט די הכנסות פון פאַרקויף ביי אַ גרעסערער אויפלאַגע;

קיין גרויסע אויפלאַגעס קאָן מען נישט מאַכן, ווייל ס׳איז נישטאָ דער מאַסן־אָפּנעמער פון יידישן בוך — די מיט לעבן־פולסירנדיקע יידישע ביבליאָטעקן, דער געטרייער יידיש־לייענער. דאָס אַלץ איז אַוועק מיטן רויך פון היטלערס קרעמאַטאָריע־אויוונס. הייַנט מוז מען אַ יידיש בוך מיט מי און כוח פאַרשפּרייטן. איז דאָך כדאַי אַרויסצו־געבן אָן ערגער בוך אויך, וואָס ברענגט אונדז ריווח, כדי צו קאָנען דערלייגן, ווען ס׳איז נייטיק, צו אַ ווערטיק בוך.

ובכן — די אַלטע צרה: שלעכט איז, ווען ביידע צדדים זענען גערעכט. די טענות זענען טאַקע געווען גערעכטע, אָבער די ענט־פערס פון די מענטשן, וועלכע האָבן אויף זייערע פּלייצעס אויסגע־טראָגן דעם פאַרלאַג — אויך. און די גרויסע קולטור־באַדייטונג פון י. ל. פּרץ־פאַרלאַג בלייבט נישט אָפּגעפרעגט.

די ראָל פון זייַנע גרינדערס און בויערס — יוסף ראַטענבערג און שמעון ראָזענבערג — זייערע פאַרדינסטן, זענען היסטאָריש־וואָגיק פאַרן יידיש־שאַפן בכלל און פאַרן קולטור־לעבן אין ישראל בפרט.

2

אין דעם געדענק־בוך „יוסף ראַטענבערג״ — דערשינען אין 1961 אין פּרץ־פאַרלאַג (צו דער ערשטער יאָרצייט), איז פאַראַן מיין אַרבעט „אַ פּשוטער יידישער פאָלקס־מענטש״, ווו איך שרייב:

פאַראַן ביי אונדז אַ טענדענץ ביים כאַראַקטעריזירן אַ מענטשן — ביי זיין לעבן, אָדער אחרי מות — צו זוכן דאָס אויסערגעוויינ־לעכע, דאָס וואָס זאָל כלומרשט אויסטיילן דעם מענטשן פון זיין סביבה, דערהייבן אים איבער איר, מאַכן אים פאַר אַ יוצא מן הכלל. מיר ווייזט זיך אָבער אויס, אַז דאָס ווערטפולסטע אין מענטשן איז דווקא דאָס, וואָס בינדט אים מיט זיין סביבה, וואָס כאַראַקטעריזירט דורך אים די סביבה זייַנע, וואָס אַקומולירט אין אים די כאַראַקטער־שטריכן פון אייגנטלעכן אַרום. אַזאַ איז פאַר מיר געווען יוסף ראַטענ־בערג, אַזאַ האָב איך אים געזען בעת אונדזערע צוזאַמענטרעפן אין

פאַרשידענע באַדינגונגען; דערין זע איך דאָס ווערטפולסטע אין זיין פערזענלעכקייט.

פאָלקסטימלעכקייט און פּשטות — דאָס זענען געווען צווי כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן אין דער לאָדזשער יידישער אַרבעטער־סביבה, פון וועלכער יוסף ראַטענבערג איז אַרויסגעוואַקסן. און — אַקטיווקייט, קעמפערישקייט, אומגעהויערע געזעלשאַפטלעכע וויטאַ־ליטעט. מיט די אַ אייגנשאַפטן איז געווען באַשאַנקען דער אומפאַר־געסלעכער יאָסל. די אייגנשאַפטן האָט ער אַקומולירט אין זיך אויף אַ ווונדערלעכן אופן.

געקומען פון דער באַראַכאָוו־שול און „באַראַכאָוו־יוגנט", איז ער ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג געווען יוגנטלעך — אין טעמפּעראַ־מענט, איניציאַטיוו, דרייסטקייט, פאַרמעסט. אַרויסגעהויבן אויף אַנ־פירנדיקע פאַזיציעס אין אונדזער געזעלשאַפטלעך לעבן, האָט ער אויף קיין האָר נישט פאַרלוירן זיין יוגנטלעכקייט, פאַרקערט — ער האָט די יוגנט־שעפערישקייט פאַרוואַנדלט אין אַ וועג צו טאַט, צו אויפטו, צו פאַרווירקלעכונג.

אָפט שטויסן מיר זיך אָן אין אונדזער געזעלשאַפטלעך און קול־טור־לעבן: מענטשן, וועלכע ווערן אַרויסגעהויבן אויף פירנדיקע פאַזיציעס, ווערן גייסטיק באַוואַקסן מיט שמאַלץ. פּראַקטיק פּאַרטי־ליקט אין זיי די וויזיע. טאָג־טעגלעכקייט פאַרשטעלט פערספּעקטיוון, וואָס הייבן אָן צו ווערן אין זייערע אויגן — מיראַזשן, אוטאָפּיעס, איבערבלייבענישן פון יוגנט־פאַנטאַזיעס, גוט פאַרן קוויקן זיך מיט דער ראָמאַנטיק פון זכרונות, נייערט נישט פאַר דער גרויער רעאַלי־טעט, וועלכע האָט אַ טבע צו חוזקן פון וויזיעס. ראַטענבערג האָט באַוויזן אויסצוהיטן זיך דערפון, צו פאַרבינדן וויזיע מיט איר רעאַ־ליזאַציע; צו דערזען דאָס פּראַקטישע אין דער וויזיע און די טאָג־טעגלעכע אַרבעט צו באַהויכן מיט וויזיע. ער האָט דערביי איינגעהיט זיין אייגנטימלעכע פּשטות, פאָלקסטימלעכקייט — אָן דעם גערויש פון רעקלאַמע־פויקעריי אַרום זיין פערזאָן, אָן דעם זוכן אָן אורעאָל אַרום קאָפּ. „יונגבאַר" איז פאַרבליבן זיין וועג. דאָס מיינט: צוגע־

בונדנקייט צום פּראָלעטאַרישן אָפּשטאַם, ליבע צום ישראלדיקן חלו־צישן אויפבוי־ווערק און צונויפגעוואַקסנקייט מיט דער יידישער פאָלקס־קולטור.

צום ערשטן מאָל האָב איך אים צופעליק באַגעגנט אויף עוואַ־קואַציע אין אָש, דרום־קירגיזיע. כ׳בין אַהינגעקומען מיטן פרונזער יידישן טעאַטער־אַנסאַמבל און ער איז דאָרט געווען אַ תושב. אָבער נענטער האָב איך אים באַקענט אין די ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן אין לאָדזש, ווו ע ר איז געשטאַנען אין שפּיץ פון דער קולטור־אַרבעט אין יידישן קאָמיטעט — דעם לעבהאַפּטיקן, רירעוודיקן שריד־יישוב אויף די חורבות פון דעם בליענדיקן לאָדזשער יידישן קולטור־לעבן. ראָ־טענבערג איז אָנגעזאָפּט געווען מיט איניציאַטוו. ער האָט אָן אויפהער געהאַט אויפן אויג דעם „דאָ״ — וואָס לעבט נאָך — און דעם „דאָרט״: די שטראָמענדיקע עלייה קיין ארץ־ישראל. ס׳איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן נישט צו פאַרלירן זיך צווישן „דאָ״ און „דאָרט״, נישט צו קריוודען איינס אויפן חשבון פון צווייטן. ראָטענבערג האָט עס אָבער באַוויזן — מיט זיין אייגנטימלעכער פשטות וואָס האָט דאָס „נישט פאַרלירן זיך״ פאַרוואַנדלט ביי אים אין אַ זעלבפאַרשטענדלעכקייט.

בעת מיין טוריסטן־באַזוך אין ישראל (זומער 1956) האָב איך אים באַגעגנט אינעם אַלטן לאָקאַל פון דער פרץ־ביבליאָטעק, אין אַן ענגן צימער אויף אַלנבי. כ׳האָב דאָרט באַגעגנט דעם פאַרוואַלטער פון אַ קליינער ביבליאָטעק, וואָס האָט גאַרנישט פאַרמאָגט אַחוץ אַ קרייז געטרייע לייענערס און איניקע טויזנט שטאַרק־אָפּגענוצטע יידישע ביכער. נייערט — וואָס פאַר אַ הערלעכע וויזיע פון אַנט־וויקלען, אויסברייטערן אַ טעטיקייט, דערפירן צו אַ פולסירנדיק לעבן, כ׳האָט פאַר מיר אויסגעמאָלן דער דאָזיקער פאַרוואַלטער.

כ׳בין זיך מודה: כ׳האָב עס דאַן געזען ווי אַ חלום פון אַ נישט־פאַרבעסערלעכן ענטוזיאַסט און בעל־חלומות. אין מיינע אויגן איז עס געווען: דער הייליקער גלויבן פון אַ מענטשן, ווען די שווערע ווירקלעכקייט האָט נישט אויסגעהיילט פון זיין טרוימערישער נאַיוו־

קייט. און בלויז אַנדערהאַלבן יאָר שפּעטער, ווען כ׳בין געוואָרן אַן עולה, האָב איך שוין געקאָנט באַוואונדערן די ערשטע פּרוכטן פון פאַרווירקלעכטע חלומות. די נייע, אויסגעברייטערטע און פאַרשע־נערטע היים פון דער פּרץ־ביבליאָטעק אויף אַלנבי 31, די ערשטע אויסגאַבע פון פּרץ־פאַרלאַג. ראַטענבערג האָט עס מיר באַוויזן מיט אַ באַשיידענער פּשטות: „ס׳האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. ס׳האָט געמוזט ווערן. און ס׳וועט נאָך ערשט רעכט ווערן!״ ער האָט פאַ־נאַנדערגעוויקלט פאַר מיר גראַנדיעזע פּלענער: פירן אַ נאָרמאַלע פאַלאַג־טעטיקייט; אויסבויען אַ יידיש קולטור־הויז אין צענטער פון תל־אביב, מיט אַ דרוקעריי, ביכער־מאַגאַזין, אַ טעאַטער־זאַל. אַרויסגעבן אַ ליטעראַרישע צייטשריפט. ער האָט עס אַלץ דערציילט פּשוט, אָן פּאַטאָס, אָבער מיט אַן אינערלעכן ברען. אין זיינע ווער־טער איז געווען אַזוי פיל גלויבן און איבערצייגונג, אַז ער האָט מיך אָנגעשטעקט מיט אמונה: די פּלענער זענען טאַקע אַן ענין פון ווערן, פון פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ יש.

3

כ׳וועל נישט פאַרגעסן אַ לענגערן שמועס מיט ראַטענבערגן פאַר זיין נסיעה קיין אַמעריקע. ס׳איז פאַר אים געווען אַ פאַרשטענד־לעכע זאַך, אַז ער פאַרט שאַפן די מיטלען צו רעאַליזירן די ווייטער־דיקע עטאַפּן פון זיין גראַנדיעזן פּלאַן: שאַפן די צענטראַלע, פאַר־צוויגטע און פילפאַרביקע היים פאַרן יידישן קולטור־לעבן און אויס־לעבן זיך אין ישראל. מיינע סקעפּטישע באַמערקונגען פונעם מין „אַמעריקע איז נישט קיין לייכט פעלד אויף דורכצואַקערן״ — זענען נישט דערגאַנגען צו אים. פאַר אים האָבן נישט עקזיסטירט קיין „שווערע פעלדער״, קיין שטיינער אין וועג. ער איז בכוח צו באַ־זייטיקן אַלע שטיינער, האָט ער געגלייבט.

איבעריקנס: אויב ער האָט געגלייבט אין דער ריכטיקייט און נויטווענדיקייט פון זיין וועג — וואָס־זשע פאַר אַ ראָל קאָנען שפּילן

פאַרשידענע מכשולים: איז ער געגאַנגען זיכער און צילבאַוווסט אויף דעם וועג, וועלכן ער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק און נויטווענ־דיק און — ווידער געזיגט אין אַ גרויסער מאָס. צוריקגעקומען פון אַמעריקע מיט נייע מעגלעכקייטן, פרישע מיטלען. איי, דאס איז נאָך נישט געווען אַלץ, נישט אין גאַנצן אַזוי ווי ער האָט זיך עס פאַר־געשטעלט, ווי ער האָט זיך געשטעלט פאַר אַן ענדציל? אין דבר — מ׳דאַרף ווייטער עקשנותדיק גיין מיטן אַנגעצייכנטן וועג, ווייטער שלעפּן די משא פון נייע אויפטועו, נייע פּלענער.

און ער איז געגאַנגען. מיט דער זעלבער קאָנסעקווענץ, רואיקייט און פעסטקייט, ווי ביז איצט. געגאַנגען און געשלעפּט די שווערע לאַסט פון רעאַליזירן זיין וויזיע — אָן אָפּרו, אָן איבערכאַפּן דעם אָטעם — ביז ער איז פיזיש איינגעבראָכן געוואָרן. דער שווערער חומר האָט גובר געווען דעם נישט הכנעהדיקן גייסט.

ערב דער דערעפענונג פונעם נייעם לייען־זאַל פון דער פּרץ־ביבליאָטעק; ערב דעם דערשיינען פון 50סטן בוך פונעם פּרץ־פאַרלאַג, — איז נישט־געוואָרן דער פּלאַנירער און בויער פון וואַקסנ־דיקן בנין, יוסף ראַטענבערג. אין פולסטן בלי פון זיין לעבן — נישט בלויז אין יאָרן, נייערט אין אינערלעכן מהות און שאַפערישן ברען — איז ער אַוועק. איבערגעלאָזט פאַריתומט און פאַראַבלט די משפחה — אין ענגסטן זין פון וואָרט און אין ברייטערן זין: די יידישע קולטור־משפחה אין ישראל.

דער געזעלשאַפטלעכער זין פון אַ מענטשלעך לעבן איז: דער חותם פון מענטשן אויף דער המשכדיקייט פונעם ווערק, אין וועלכן ער האָט זיך באַטייליקט. וואָס לענגער ס׳דויערט דאָס לעבן פון יחיד, אַלץ שטאַרקער קאָן זיין דער חותם, וועלכן ער לאָזט איבער. דאָס אינטענסיווע, ביז איבער די ברעגן אָנגעלאָדענע אַקטיווע לעבן פון יוסף ראַטענבערגן איז — נישט געקוקט אויף זיינע יונגע יאָרן, אויפן אָוועקגעריסן ווערן פאַר דער צייט — פאַרענדיקט געוואָרן אַזוי, ווי נישט יעדער קאָן זוכה זיין: ער האָט איבערגעלאָזט אַ פעסטן חותם אויפן ווערק, וואָס ער האָט פאַנאַנדערגעוויקלט און פאַנאַנדערגעבויט

— אַן אויפטו, וואָס איז געוואָרן זיין לעבנס־ווערק — דעם פרץ־פאַרלאַג.

דאָס פאַראייביקן דעם אָנדענק פון יוסף ראַטענבערגן ליגט אין דעם ווייטערדיקן פאַנאַנדערבוי פון דעם ווערק זיינעם, ס'זאָל אויף אַן אמת דערגרייכן די הויכקייטן פון ראַטענבערגס וויזיע. דערמיט וועט ווערדיק פאַראייביקט ווערן דער אָנדענק פונעם פשוטן יידישן פאָלקס־מענטש, וועלכער האָט פאַרקערפּערט אין זיך מעלות, שעפע־רישקייט און דאָס שטרעבן פאַרויס פון דער פּויליש־יידישער אַרבע־טער־סביבה. אַ מענטש, וועלכער האָט באַוויזן די אַלע אייגנשאַפטן איינצוגלידערן אין דעם ישראלדיקן אויפבוי־ווערק און אין די המשך־פאַרמעסטן פון דער יידיש־קולטור, דער יידישער פאָלקס־קולטור. פון איר איז ער אַרויסגעוואַקסן, אויפגעוואַקסן ווי אַ מענטש פון אויבן־אַן — און אויף קיין איין רגע נישט פאַרלוירן זיין אָנגעהערי־קייט, זיין צוגעבונדנקייט צו דער סביבה, פון וועלכער ער איז געקומען.

עד כאן מיין דערמאָנונג אינעם געדענק־בוך.

יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב צופעליק איבערגעלייענט די דאָזיקע דערמאָנונג, האָב איך זיך געטראַכט: צי האָב איך נאָך וואָס צוצוגעבן דערצו? צי דאַרף איך נאָך עפּעס צוגעבן דערצו?

אָוודאי זענען פאַראַן נאָך עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויפּט אין זיכרון, וועגן שמועסן, צוזאַמענטרעפן, צומאָל טענות, וואָס כ'האָב געהאַט צו אים. אַ שטייגער — ער האָט געקאָנט מיך ממש פאַר־גוואַלדיקן, אַן אַ צוגרייטונג צווינגען אַרויסצוגיין פאַרן פּוירהאַנג אין „אהל שם" אויף אַ שלום־עליכם־פייערונג, וואָס האָט איינגע־אָרדנט די פרץ־ביבליאָטעק, זאָגן אַ פּאָר ווערטער בעת דער פייערונג: „מיר האָבן נישט קיינעם, וואָס זאָל עס קאָנען מאַכן. איר מוזט עס טון". און כאָטש איך בין געווען טיף איבערצייגט, אַז איך מוז נישט — איך האָב נישט געהאַט קיין ספּעציעלע התחייבותן פאַר דער פרץ־ביבליאָטעק — האָב איך עס דאָך געטון, ווייל ער האָט עס פאַרלאַנגט. ביי יעדער פייערונג, אָדער אָוונט, אין דער פרץ־

ביבליאָטעק, ווען ער האָט מיך נאָר דערזען אין זאַל, ביי אַ טיש, האָט ער מיך אויפגערופן צום רעדן, כאָטש איך האָב נישט געוואָלט רעדן. און כ׳האָב עס געמוזט טון — ער האָט מיך אויפגערופן.

פון דער צווייטער זייט איז מיר אָנגעקומען ווי קריעת ים־סוף אַרויסצוקריגן פון אים אַן אַרטיקל פאַרן „פאָלקסבלאַט״. ער האָט צוגעזאָגט און זיך פאַרענטפערט: „נישטאָ קיין צייט״, — ווען ער האָט נישט געהאַלטן קיין וואָרט (און דאָס איז געשען מערסטנטייל). אָבער — וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן די אַלע עפּיזאָדן, מאָמענטן, אינצידענטן, פאַרן אָנצייכענען דעם גייסטיקן פּאָרטרעט פון דעם זעלטענעם יידישן פאָלקס־מענטש, יוסף ראָטענבערג — סיידן נאָך אַ קליינער שטריך, אַ נישט־אָנזעעוודיקער, נאָך אַ נישט־באַדייטנדיקער דעטאַל צו דער שיינער געשטאַלט פון יוסף ראָטענבערג, ווי זי האָט זיך אויסגעמאָלן אין מיין געדעכעניש אין משך פון אַ פופצן יאָר, וואָס איך פלעג זיך צוזאַמענטרעפן מיט אים.

4

אין גאַנצן אַנדערש אין כאַראַקטער איז געווען שמעון ראָזענבערג, וואָס איז אין משך פון יאָרן געווען ווי איינס מיט יוסף ראָטענבערגן, — אַ פּאָרל חברים און מיטאַרבעטערס נישט צום צעטיילן, ממש דער היפוך פון ראָטענבערגן און דאָך — אַזוי האַרמאָניש צוזאַמענגעלעבט. כ׳וואָלט געזאָגט: אַ באַשטעטיקונג, אַז עקסטרעמען ציען זיך צו.

געקענט האָט מען אים — שמעון ראָזענבערגן — ווי דעם פּאַרעקשנטן שווייגער. זעלטן אָבער האָט ווער עס איז פון אונדזערע עסקנים און זשורנאַליסטן אַזוי פיל — און אַזוי אויסדריקלעך — געזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן. סיי ווען ער פלעגט עפענען דאָס מויל צום רעדן, סיי ווען ער האָט גענומען די פעדער, כדי אָנצושרייבן זיין וואָרט. און דער עיקר — ווען ער האָט עס געטון.

דאָס שווייגן איז געווען אַפילו אַ שטריך פון זיין אויסערלעכ־קייט: דער דאַרער סילועט, די שאַרף־געצייכנטע שטריכן פון פּנים, די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן־דעקלעך איבער די גליענדיקע אויגן — דאָס אַלץ האָט עדות געזאָגט וועגן אַ שווייגער. גלייכצייטיק האָט עס גערעדט — גערעדט בקול רם — וועגן דער פעסטקייט פון כאַראַק־טער, דער קאָנטעמפּלאַטיווער פאַרטיפונג און שטענדיקער אַק־טיווקייט.

ווען נישט ביאָגראַפישע מאָמענטן פון זיין יוגנט, וואָלט זיך דער לעבן־וועג און אַנטוויקלונג פון שמעון ראָזענבערגן זיכער גאָר אַנדערש געשטאַלטיקט. פון דער נאַטור איז ער געווען אַ מתמיד, אַ גריבלער, מיט אַסקעטישע נטיות — אַ טיפּ פון אַ פאָרשער, אַ וויסנשאַפטלער. האָט אָבער די מלחמה־זאַווערוכע דעם יונגן שמעונען אָוועקגעריסן פון די ספרים אין בית־מדרש, פון די וועלט־לעכע ביכער, געצוווּנגען דעם יוגנטלעכן גיין אַרבעטן, כדי צו פאַר־דינען אויף אַ שטיקל ברויט.

אַ דענקנדיק בחורל — און אַזאַ איז געווען שמעון פון די יונגע יאָרן אָן — האָט דער וועג פון וואַרשטאַט אויף אַ נאַטירלעכן אופן אים געפירט צו דער אַרבעטער־באַוועגונג, צו אַ רעוואָלוציאָנערן קוק אויפן לעבן, אויף דער געזעלשאַפט. נאָר ווי אַ יידישער יונגער־מאַן דורך און דורך — אין פּרט פון דערציונג און געפיל — האָט ער פאַרבונדן דאָס רעוואָלוציאָנערע מיטן נאַציאָנאַלן, דעם יידישן. שמעון האָט קיין אַנדער וועג נישט געקאָנט תופס זיין. ער האָט שווייגנדיק גענישטערט אין ביכער, געשלונגען ביכער — בעיקר אַזעלכע, ווו ס'האָבן זיך געראַנגלט די פּראָבלעמען פון ייד און רעוואָלוציע. דאָס איז געווען די בריק, וואָס האָט אים געפירט צו פועלי־ציון און נאָך דער שפּאַלטונג — צו די לינקע פועלי־ציון. אין דער באַוועגונג האָט ער געפונען אַ פּאַסיקע סביבה פאַר זיין פיל־זאָגנדיקן שווייגן. און ווען ער האָט שוין געמוזט רעדן, האָט ער באַוויזן אין געמאָסטענע זאַצן זאָגן אַלץ, וואָס איז אים געלעגן אויפן האַרצן, אָנגעזאַמלט דורך יאָרן טראַכטענישן, גריבלען זיך אין

טעאָריע, אויסהערן קעגנער און אין די נעכט פּאָלעמיזירן מיט זיי אין די אייגענע מחשבות.

אין משך פון אַ סך יאָרן האָב איך אין אים געזען אַן אידעאַלן טיפּ פון אַ גרויער עמינענץ. נישט וויכטיק ווו און ביי וועמען. ווו ער זאָל נישט האָבן געווען, האָט ער באַדאַרפט — לויט מיין איינדרוק — פאַרנעמען אַזאַ פּאָזיציע. דער איינדרוק האָט זיך ביי מיר געשאַפן בעת אונדזערע ערשטע צוזאַמענטרעפן — ריכטיקער: צוזאַמענשטויסן — אין זיין געבוירן־שטאָט, אין סטרי. דאָס ערשטע מאָל אין יאָר 1923, ווען איך בין דאָרט אָראָפּגעקומען ווי דער רעדאַקטאָר פון דער „יידישער אַרבעטער־יוגנט" — אַנאָנסירט: „ח׳ טורקאָוו אויס לעמבערג" — דער וואָרטזאָגער פון דער רעכטער פּועלי־ציון־יוגנט; דאָס צווייטע מאָל אין יאָר 1927, ווען דער „וויקט" האָט געגעבן זיינע גאַסטשפּילן אין סטרי.

אויף דעם עפּיזאָד איז זיך כדאַי אָפּצושטעלן: אינעם רעפּער־טואַר פון „וויקט" איז דאַן געווען ראָמען ראָלאַנס „די וועלף". אין יענער צייט איז די פּיעסע אויך געשפּילט געוואָרן אין אַ ווינער דייטשן טעאַטער; זי איז דורך דער לינקער ווינער פּרעסע אָראָפּגע־ריסן געוואָרן — די פאָרשטעלונג, נישט די פּיעסע — ווייל מ׳האָט פאַרגעוואָרפן דער רעזשי, אַז זי האָט ראָלאַנס ווערק פאַרוואַנדלט אין אַ פּאַמפלעט קעגן דער רעוואָלוציע. אונדזערע קליינשטעטל־דיקע סטריער רעוואָלוציאָנערן — וועלכע זענען נאָך אַלץ געווען אונטער די ווינער השפּעות, געלייענט די ווינער לינקע פּרעסע — האָבן באַשלאָסן נישט צו דערלאָזן צום פאַרשוועכן די רעוואָלוציע אין זייער שטעטל. זיי האָבן געמאָלדן דער אַנפירונג פון טעאַטער, אַז זיי וועלן אַראָפּרייסן די פאָרשטעלונג, מאַכן סקאַנדאַלן אין זאַל, קורץ: מיר מוזן די פּיעסע אַראָפּנעמען פון רעפּערטואַר.

אונדזער געשעפטפירער האָט זיך געווענדט צו מיר, איך זאָל ראַטעווען די סיטואַציע. קודם־כל דערפאַר, ווייל איך בין געווען דער איבערזעצער פון דער פּיעסע; צווייטנס — „דו דרייסט זיך דאָך אַרום צווישן די לינקע". בין איך אַוועק אויף אַ צוזאַמענטרעף מיט אַן

„אַקציע־קאָמיטעט", וואָס איז אַד־האָק געשאַפן געוואָרן צו דעם צוועק און איז באַשטאַנען פון אַ גרופּע יידישע קאָמוניסטן און לינקע פּועלי־ציון (וואָס האָט דאַן אויך געהייסן „יידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי"). צו דער גרופּע האָט געהערט שמעון, וועלכער האָט דאַן געוויילט אין סטרי. ער האָט אָבער געשוויגן. די איבעריקע זענען מיך באַפאַלן: ווי קום איך צולייגן אַ האַנט צום שענדן די רעוואָלו־ציע, פאַרשפּרייטן קאָנטררעוואָלוציע מיט דער הילף פון טעאַטער און ענלעכע פאַרווורפן. ס'האָט לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן מיך געלאָזט קומען צום וואָרט. שמעון האָט געשוויגן.

ווען זיי האָבן זיך אַ ביסל באַרויִקט, בין איך אַרויס אין אַ קעגנאַנגריף: ווי שעמען זיי זיך נישט, באַוווסטזיניקע יוגנטלעכע, צו לאָזן זיך אַזוי כאַפּן אויף דער ווענדקע! ווייסן זיי דען נישט, אַז ראָמען ראָלאַן איז אַ פּראָגרעסיווער שרייבער, דער באַזינגער פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. אמת, ער באַווייזט אין זיינע ווערק ליכט און שאָטן פון דער איבערקערעניש און אירע קעמפּפערס. ער איז אַ גרויסער קינסטלער, קאָן ביי אים נישט עקזיסטירן קיין שונדיסטיש שוואַרץ־ווייס. איז ער דען שולדיק, אַז אַ רעאַקציאָנערער דייטשער רעזשיסער האָט אַרויסגעהויבן בלויז די שאָטן־זייטן און דערמיט פאַרקריפּלט דעם מחברס מיין? און איך בין טיף באַליידיקט פאַרן גאַנצן „ווינקט" מיט זיין אָנפירונג, וואָס איז באַקאַנט מיט דער פּראָגרעסיווער איינשטעלונג, אויב מ'קאָן אונדז פאַרוואַרפן רעאַק־ציאָנערע כוונות. כ'האָב גערעדט מיט פייער, אַריינגעוואָרפן סאַרקאַס־טישע באַמערקונגען אויפן חשבון פון קליינשטעטלדיקייט, בית־מדרש רעוואָלוציאָנערישקייט וכדומה.

די גאַנצע גרופּע איז געבליבן זיצן דעזאָריענטירט. אַלע האָבן געקוקט צו שמעונען געוואָרט וואָס ער וועט זאָגן. שמעון האָט מיך דורכגעריבלט דורך זיינע האַלב־פאַרמאַכטע אויגן־דעקלעך און כמעט דורך די ציין אַרויסגעשטופּט געציילטע ווערטער:

— דער חבר איז גערעכט. דאָס איבעריקע וועלן מיר זען אויף דער פאַרשטעלונג.

5

דער איינדרוק, אַז שמעון ראָזענבערג איז אַ גרויע עמינענץ האָט זיך ביי מיר פאַרשטאַרקט אין די דרייסיקער יאָרן, ווען כ׳האָב אים באַגעגנט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן אין לאָדזש — באַלד נאָך דער מלחמה. דעם איינדרוק האָט אין מיר באַפעסטיקט אַ צווייטער שמעון — וועלכער איז טאַקע געווען אַ גרויע עמינענץ, וואָס האָט געהערשט איבערן יידישן לעבן אין פוילן — שמעון זאַכאַריאַש.

ראָזענבערג פלעגט זיך מיט מיר צייטנווייז טרעפן אין לאָדזש — אין אַ קאַפע, אַ רעסטאָראַן. ער האָט אויף אַ דיסקרעטן אופן איבערגעוויזן מיר אַ גרעסערע סומע געלט, וואָס מיין ברודער מאַרק האָט מיר געשיקט. די פועלי־ציון זענען שולדיק געווען דעם פאַרלאַג „דאָס פוילישע יידנטום" געלט פאַרן טראַנספּאָרט פון זרובבלס „באַרג הורבן", וואָס איז געשיקט געוואָרן קיין פוילן. מאַרק האָט אַסיגנירט דאָס געלט פאַר מיר. דער פאַרמיטלער איז געווען ראָזענבערג.

זאַכאַראַיאַש איז ערגעץ־ווו געוויר געוואָרן — שפּיר־הינט און אונטערטראָגערס האָבן דאָך קיין מאָל נישט געפעלט אין „פאָלקס־דעמאָקראַטישע" באַדינגונגען — אַז איך טרעף זיך מיט שמעון ראָזענבערגן, אַז כ׳בין פערזענלעך באַפריינדעט מיט אים. האָט ער מיך געוואָרנט — כ׳מוז מודה זיין, אַז ביי אַלע צרות, וואָס כ׳האָב געהאַט פון זאַכאַריאַשן, האָט ער מיר קיין מאָל קיין שלעכטס נישט געטון (פאַרקערט — נישט ווייניק גוטס), ער האָט מיר בלויז גערדראָט, מיך געוואָרנט — איך זאָל זיך האַלטן פון דער ווייטנס, ווייל דאָס איז דער „שטאַרקער מענטש" ביי די לינקע פועלי־ציון און „אונדזער גרעסטער שונא".

— אַנדערע רעדן אַ סך. ער רעדט נישט און טוט אַ סך — אַזוי האָט אויסגעזען דער אַטעסטאַט, וואָס שמעון ראָזענבערג האָט באַקומען פון אַ קעגנער. און קיינער וועט אַזוי גוט נישט אָפּשאַצן, אַזוי ריכטיק, ווי אַ קלוגער קעגנער.

ערשט אין ישראל האָב איך זיך איבערצייגט, ווי פאַלש ס׳איז געווען דער איינדרוק מיינער וועגן שמעון ראָזענבערגן, ווי שלעכט,

נישט ריכטיק, איך האָב אָפּגעשאַצט זיין שוויַיגן. איך האָב זיך איבערצייגט אין דעם, ווען כ'האָב אים געזען ביי זיין אַרבעט אין פּרץ־פאַרלאַג. זעלטן ווער ווייסט, אַז צענדליקער ביכער, וואָס זענען דערשינען אין פאַרלאַג, זענען רעדאַגירט געוואָרן פון שמעונען. שפּעט אין דער נאַכט, נאַכט נאָך נאַכט, איז ער געזעסן איבער די כתב־ידן — געניִשטערט אין סטוטשקאָווס "אוצר פון דער יידישער שפּראַך", אין ווערטערביכער — געזיפט ווערטער, געשליפן זאַצן. און ער האָט נישט געשטעלט זיין נאָמען אויף די ביכער, ווי דער רעדאַקטאָר, זיך נישט געקרוינט פאַרן רעדאַקטאָר פון פאַרלאַג. ער האָט שוויַיגנדיק געטון זיין מילבן־אַרבעט, געפרייט זיך מיט דער אַרבעט גופא, ווען די אַרבעט איז עולה יפה געווען.

איך האָב געהאַט דאָס פאַרגעניגן אים גוט צו אָבסערווירן אין משך פון אַ שיינע פּאָר יאָר פון זיין נאָענטער מיטאַרבעט אין "פאָלקסבלאַט". אויף זיצונגען פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע און ביי דער רעדאַקציע־אַרבעט גופא. רעדעס האָט ער זעלטן געהאַלטן אויף די זיצונגען — ער פלעגט בלויז קומען מיט קאָנקרעטע פאָרשלאָגן, געניי באַאַרבעטע און מאָטיווירטע. אַלץ — אַנאָנים, נישט אָנגעגעבן זיין נאָמען אין די דורכגעפירטע פאָרשלאָגן. זיין פּראָיעקט איז געווען — די רובריק אין "פאָלקסבלאַט" — די "קליינע און גרויסע נייעס פון לאַנד". אין משך פון דריי יאָר האָט ער יעדע וואָך אויסגעפילט די דאָזיקע רובריק — שוויַיגנדיק, אַנאָנים.

אַן אַרטיקל פון אים אַרויסצובאַקומען איז זעלטן געלונגען, סיידן, אַז עפּעס אַן ענין האָט גאָר ווייטיקלעך אַ דריק־געטון אויפן פאָלעמישן אָדערל אין אים. מערסטנטייל פלעגט ער אָפילו דאָס נישט אונטערשרייבן מיטן אייגענעם נאָמען — אַ פּסיידאָנים, אַ קריפּטאָנים. ווייל דער עיקר איז ביי אים געווען דאָס אָנשרייבן, דאָס אַרויסזאָגן זיך, דאָס אויסטענהן זיך, צומאָל — דאָס אַריינזאָגן. זיין נאָמען האָט ער דערביי געהאַלטן פאַר איבעריק — דער עיקר איז געווען די זאַך, די באַוועגונג, די אידעע.

ער האָט זיך נישט געריקט צום אויבן־אָן און נישט ליב געהאַט

צו רעדן וועגן זיך. אַפּילו וועגן זיין אַרבעט, זיינע אויפטוען, פאַר־דינסטן — וועגן דעם פלעגט ער אפילו שווייגן. דאָס האָט זיך סוף כל סוף נוקם געווען אָן אים — מ׳האָט אים אָפּט פאַרשוויגן.

זיינע אויפטוען האָבן אָבער אַליין גערעדט וועגן זיך. דאָס, וואָס ער האָט אויפגעטון אין משך פון יאָרן האָט אפשר בלויז גע־דענקט אָן ענגער קרייז פון מענטשן, די נאָענטסטע מענטשן. אָבער דער אויפטו פון פרץ־פאַרלאַג — דער חלום און וואָר פון די צוויי נאָענטסטע חברים, יוסף ראָטענבערג און שמעון ראָזענבערג — איז דערגאַנגען און דערגייט נאָך אַלץ צו גאָר דער יידישער וועלט.

אָן אויפטו, אין וועלכן ס׳האָט זיין האָרץ און געזונט אַריינגעלייגט דער פּילזאָגנדיקער — מיט זיינע מעשים און פאַרמעסטן — עקשנות־דיקער שווייגער שמעון ראָזענבערג.

דער לאַמעדוואָווניק פון טלאָמאַצקע 13

אַ שפּאָר ביסל לאַמעדוואָווניקעס האָבן זיך אַרומגעדרייט איבער די זאַלן פונעם וואַרשעווער ליטעראַטן־פאַראיין, אויף טלאָמאַצקע 13, אין צווישנמלחמהדיקן פעריאָד. פאַר מיר איז אָבער דער בולטסטער, דער אמתדיקסטער אין זיין לאַמעד־וואָווישקייט — געווען: משה באַרנשטיין, אָדער ווי זיין ליטעראַרי־שער נאָמען איז געווען מ. ב. שטיין.

אַ שפּאָר ביסל אייניקלעך — רבישע קינדער און אַליין צוקונפ־טיקע רביים — האָבן זיך אַרומגעדרייט אין ליטעראַטן־פאַראיין. דער שטילסטער, באַשיידנסטער, צום מיינסטן אין שאָטן־שטייענדיקער, איז געווען מ. ב. שטיין. מ׳האָט געוווסט, אַז ער געהערט צום קרייז פון א. מ. ווייסענבערג; אַז ער דרוקט פון צייט צו צייט אין „אונדזער האָפענונג״; אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט פּלענער, רעיונות, איינפאַלן, נייערט — מער אַ ליבהאָבער, ווי אַ שרייבער. מ׳האָט אַפילו געשמועסט, אַז ער טראָגט זיך אַרום מיט אַ געדאַנק סצעניש צו פאַראייביקן דעם קאָצקער רבין, זיין אורזיידע (ער איז געווען אַן אייניקל פונעם סאָכאַטשעווער רבין, ר׳ אברהמלע; אַ זון פון ר׳ שמואל, דעם מחבר פון „שם משמואל״) און לסוף טאָקע איז דערשינען זיין „דראַמע פון חסידישן לעבן״ א. ב. „ערד און הימל״.

צי האָט ער אין דער דראַמע סצעניש פאַראייביקט דעם קאָצקער, וואָלט איך געספקט, פשוט דערפאַר, ווייל די דראַמע איז נישט סצע־ניש. דאָס זענען דיאַלאָגיזירטע מחשבות, רעיונות, פּילונגען וועגן חסי־דיזם, בעיקר, וועגן קאָצקער דרך אין חסידיזם. פאַראַן אין דעם ווערק אַ שטאַרקע דראַמאַטישע אָנלאָדונג (ווי זי איז געווען אין אַזאַ

גרויסער מאָס טאַקע אויפן קאָצקער הויף), אָבער די אָנלאָדונג לאָדט זיך אויס אין דיאַלאָג, נישט אין האַנדלונג (נישט געקוקט אויף די באַמיונגען פונעם מחבר אַריינצובריינגען האַנדלונג דורך איינעם אַ שווער, וועלכער קומט צונעמען דעם איידעם; ווייבער, וואָס רופן אַהיים זייערע מענער, די חסידים אאַז״וו).

ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער זאָגט אין דער דראַמע: „יעדער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך, האָט זיין אייגענעם רצון, זיין אייגענע תשוקה, זיין אור״. אפשר דערפאַר ברעכט לסוף אויס דער קאָנפליקט (סצעניש שוואַך אַרויסגעבראַכט) צווישן אים און דעם קאָצקער, וועלכער טענהט צו אַ חסיד: „אַז דאָס האַרץ הייגט איז בכוח צעריסן צו ווערן, פאַרוואָס ווערט עס נישט צעריסן, זעענדיק די שכינה אין גלות און מענטשן דרייען זיך אַרום, ווי די קעלבער?״ דער קאָצקער אָנערקענט נישט קיין קאָמפּראָמיסן, קיין „צוויי אמתן״. ביי אים איז: אָדער הימל, אָדער ערד. „וויל מען צום הימל געהערן, מוז מען אין דער ערד פאַרגעסן״. מוז ער טאַקע אויסרופן אַ פאַרצווייפלטער: „משיח, בלייב ביי די טויערן פון רוים זיצן! נישטאָ וועמען אויס־צולייזן, אַ וועלט גאָרע שנאָרערס״...

דאָס איז געווען דער דרך — און די טראַגעדיע — פון קאָצק. דערפאַר האָט געקאָנט דער אַלטער חסיד, הירש בער, זאָגן (ווען אַ חסיד האָט דערציילט, אַז דער פּשיסכער פאָרט מיט פיר פּאָר פערד נאָ שפּיץ): „אַז ער האָט נישט קיין מענטשן, מוז ער דאָך כאָטש האָבן פערד״. אויך דאָס איז דער דרך פון קאָצק: שילטן (דער רבי האָט געוויזן אַ וועג), זידלען, חוזק, טרייבן פון זיך, אָבער מיט חריפות, מיט שאַרפזין און — טיפער פאַרביטערטקייט צוליב דער שכינה אין גלות.

אָט די דראַמע האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אין יענע יאָרן — צוליב איר געדאַנקלעכער לאָדונג. ר׳ הלל צייטלין האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע אָפּהאַנדלונג וועגן איר (זי קומט טאַקע אַריין אין איצטיקן בוך). מ׳האָט זי געפּרוווט אויפצופירן, אָבער — ס׳איז גאָרנישט אַרויס דערפון און משה באַרנשטיין האָט געמוזט פּרוּוון צו פאַראיי־

ביקן סצעניש (אָדער ריכטיקער — פילמיש) זיין עלטער־זיידן מיט דער אייגענער געשטאַלט זיינער (יש אומרים, אַז ער איז געווען זייער ענלעך — אויסערלעך — צו זיין גרויסן זיידן): ער האָט געשפּילט דעם קאָצקער רבין אין יאַנאָס טורקאָווס פילם „אין פּוילישע וועלדער", לויט י. אָפּאַטאָשוס ראָמאַן. און אויך דאָ האָט אים נישט אָפּגעגליקט: כמעט די גאַנצע ראָל זיינע איז אויסגעשניטן געוואָרן פון פילם דורך דער פּוילישער צענזור (מ'שמועסט, אַז אויף דער אינטערווענץ פון גערער הויף).

מ. ב. שטיין איז ביים סוף דרייסיקער יאָרן געוואָרן אַ מיטאַר־בעטער פון דער טאָגצייטונג „דאָס וואָרט" (פּועלי־ציון־צ.ס.); ביים אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה עולה געווען קיין ארץ־ישראל; אויך דאָ געשריבן אָבער ווייניק געדרוקט; דאָ געשטאָרבן אין יאָר 1961.

האָט אַ חסד של אמת געטון די אַלמנה נאָך אים, רבקה, וועלכע האָט איצט אַרויסגעגעבן אַ באַנד פון זיינע געקליבענע כתבים (אי־בערגעגעבן צום דרוק פון שלמה גראָדזענסקי, מיט זיינס אַ הקדמה) — און טאַקע שיין אַרויסגעגעבן, מיט גרויס פּיעטעט און גוטן טעם (ווי זעלטן ס'דערשיינען ביי אונדז יידישע ביכער). אין צענטער פונעם באַנד — די אויבנדערמאָנטע דראַמע „ערד און הימל" און אַ צאָל דערציילונגען, סקיצן און פראַגמענטן־זכרונות פון מ. ב. שטיין. איז פאַראַן אין דעם באַנד אַן אָפּטיילונג „פּאָרטונקלט גאָלד" („שבת־בילדער"), וואָרפט זי אַ געוויסע שיין אויף דער פּערזענלעכקייט פון מ. ב. שטיין און אויף זיין שאַפן: פון אים אַליין האָט זיך געטראָגן עפּעס אַן אָפּשיין פון פאָרטונקלט גאָלד, פון גאָלד אין פּאַטין; דאָס זעלבע אויך פון זיינע שאַפונגען, פון וועלכע „עס הייבט אָן נאָגן דער טרויער פון פאַרגייענדיקן שבת" („דער שבת גייט אַוועק"). די דאָ־זיקע גאָלד־פּאַטין שלאָגט אָפּ פון זיינע זכרונות פונעם טאַטנס שטוב, פון זיידנס, דעם גרויסן צדיקס; אַפילו פונעם פראַגמענט „מיין מאַמעס טויט". אין צענטער פונעם פראַגמענט געפינט זיך דער פּחד פון קליינעם משהלע פאַרן ים־חזיר, וואָס געפינט זיך אין שטוב

פון דער קראַנקער מאַמען — טראָגט זיך אויך פון חזירל אַזאַ מין פּאַטין. און וואָס קאָן מען זאָגן וועגן דער שילדערונג: „...און געהייסן האָט ער תשעה־באב, ווייל ער, דאָס ווייב און די קינדער זיינע האָבן געהאַט תשעה־באבדיקע, אויסגעוויינטע, רויטע אויגן...״ אָ פּולע שטוב מיט טעכטער האָט געהאַט תשעה־באב און אָן איידעם, יאָסל, וועלכער „האָט זיך נישט באַדאַרפט צו ברעכן דעם קאָפּ און נאָך איין ווייב, וואָס איז אים געשטאָרבן, האָט ער באַלד גענומען די שוועסטער אירע. די ווייבער אין שטאָט האָבן געקוקט אויף יעדער שוועסטער, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט, ווי אויף אַ בר־מינן, וואָס איר גורל איז שוין אָנגעצייכנט״... („פיש אויף שבת״); אָדער די מעשה מיטן שוסטער יקיר, צו וועלכן ס׳האָט זיך באַוויזן אליהו הנביא און געהייסן תהילים זאָגן; אָדער דאָס בילד פון אַ שעמעוודיקן יונגער־מאַן, „וואָס דער פּרייטיק־צונאַכטס ליגט אים אויפן בלאַסן פּנים, איילט זיך אין מקווה אַריין״. אין דעם אַלעם איז אפשר פאַראַן ווייניק ליטעראַטור — גאַר ווייניק ליטעראַרישע פיקציע, אַ סך אָבער, זייער אַ סך, אַלט־יידיש גינגאָלד, ריינגאָלד פון יידישקייט, פאַרטונקלטע דורך צייט און ליידן, מיט דער וואַרעמקייט פון אַ פּאַטין, וואָס איז אָנגעוואַקסן אויפן גאָלד אין די ראַנגלענישן, אומוואַנדלונגען, ליידן און נסיונות פונעם מחבר, אַ צווייג פון אַ מיוחסדיקער חסידישער, רבישער גזע, וואָס איז פאַרוועלקט געוואָרן אין אונדזער נישט מיוחסדיקער צייט.

דער שיינגייסט, דב בער מאַלקין

1

ס׳איז שווער אָפּצוּוועגן געגנוי (און אַפילו בערכדיק), וואָס האָט מער משפיע געווען, שטאַרקער געלענקט אַ מענטשנס לעבן אין דער אָדער יענער ריכטונג, וועלכע מענטשן, אָדער וועלכע געשעענישן האָבן עס געטון. ס׳איז על כל פנים שווער צו משפטן אַ מענטשן וועגן זיין אייגן לעבן. מן־הסתם אָבער מאַכט אַזעלכע פּרוּוון יעדער דענקנדיקער מענטש — ביי איבערברוכן אין זיין לעבן, על פרשת דרכים, אָדער צוליב אויפטרייסלענדיקע געשעענישן.

אַזאַ געשעעניש — פון גאָר אַ שווערער אויסווירקונג אויפן געמיט — איז פאַר מיר געווען דער טויט פון דב בער מאַלקין. ווייל מאַלקין איז פאַר מיר געווען אַ חלק פון מיין שענסטער יוגנט, אַ באַגייסטערער און באַאיינפלוסער צו אויפברויזן און פאַרמעסטן.

געווען איז עס אין פוילן, אין די שטורמישע יאָרן נאָך דער סאָוויעטיש־פוילישער מלחמה (דעם באַטעמטן צולאָג פאַר פוילישע יידן צו דער ערשטער וועלט־מלחמה). דאָן — אין די יאָרן 1920, 1921 און ווייטער — האָבן אַ שטראָם־געטון קיין פוילן מאָסן יידישע טוער, אינטעליגענץ, שרייבער. זיי זענען געלאָפן פון די מיט פייער פון בירגער־קריג אַרומגעכאַפּטע געביטן פון די יונגע סאָוויעטישע רעפּובליקן. אַ סך האָבן טאַקע געוואָלט וואָס שנעלער זיך דערווייטערן פון רעוואָלוציאָנערן רעזשים פילנדיק, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט די ערד דאָרט ברענען אונטער זייערע פיס; אַנדערע זענען ווידער צופעליק פאַרשלעפּט געוואָרן מיטן שטראָם.

אין דעם אַ רוישנדיקן און באַרוישנדיקן שטראָם פון פליטים איז אויך געווען אַ באַדייטנדיקע גרופּע פון דער יונגער ציוניסטיש־כאַציאַליסטישער אינטעליגענץ. אַ דאַנק איר איז די גאָר שוואַכינקע צעירי־ציון־פּאַרטיי אין פּוילן אויסגעוואַקסן אין אַ באַוועגונג. טאַקע מיט אַ קליינער מאַסע הינטער זיך, אָבער מיט אַ גרויסער אָנפירנ־דיקער אינטעליגענץ: ישראל מערעמינסקי (מרום), יונה גרינפעלד, ישראל ריטאָוו, י. צ. קאַלטון, צ. ראַזנשטיין, ג. קאַנטאָראָוויטש א. אַנד. דער יינגסטער אין דער גרופּע איז געווען דב בער מאַלקין. זינט אייניקע יאָר איז ער שוין דאַן געווען אַן אָנגעזעענער צעירי־ציון־טוער אין מינסק, כאָטש ער איז ביי זיין קומען קיין פּוילן בסך־הכל אַלט געווען 19 יאָר (1920).

טאַקע די 19 יאָר זיינע — און דער פאַקט וואָס ער איז געבוירן געוואָרן אין גראָדנע — האָבן געהאַט אין יענע יאָרן אַ באַזונדערע באַדייטונג: ווען ער וואָלט זיך וועלן כשרן ווי אַ פּוילישער בירגער, וואָלט ער געמוזט גיין אין מיליטער. דערצו האָט ער קיין חשק נישט געהאַט. ער איז געווען אַן אַנטי־מיליטאַריסט אין זיין גאַנצן מהות. האָט ער זיך נישט געשטעלט צום מיליטער, און כדי מ'זאָל זיך נישט גלייך אָנשטויסן ווי יונג ער איז — האָט ער זיך פאַרלאָזט אַ בערדל. אַזוי הייבט זיך אָן דער כאַראַקטעריסטישער דעטאַל פון מאַלקינס אויסערלעכקייט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

דאָס פאַקטישע אויסבאַהאַלטן זיך האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אין יאָר 1922, ווען מאַלקין האָט, אַפילו אין שלום־צייט, געמוזט זיך שטעלן פאַר אַ מיליטערישער קאָמיסיע. און גראָד דאַן האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט פון די צעירי־ציון איבערגעגעבן אים די מיסיע צו אָרגאַניזירן אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע פון די צעירים.

אין יענער צייט בין איך געווען דער סעקרעטאַר פון דער חלוצים־פאָרם אין גראַכאָוו און געהאַט אַ סיכסוך מיטן צענטראַל־קאָמיטעט פון „החלוץ". מאַלקין האָט נישט געהאַט דעם מינדסטן חשק צו אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט — דערצו נאָך צווישן יוגנט; אַ צווייטער יונגער פון די צעירי־ציון־פּני, דער דעמאָלטיקער סטו־

דענט פון לאַנדווירטשאַפט אליעזר גראַוויצקי (רגב, פון גבעת ברנר) — אויך נישט. צופעליק האָט זיך מאַלקין דערוווּסט וועגן מיינעם אַ שאַרפן וויכוח מיטן סעקרעטאַר פון מרכז „החלוץ" אליהו דאָבקין. האָט ער באַשלאָסן מיך צו „פאַנגען אין זיינע נעצן". דאָס איז אים — מיט זיין פערזענלעכן שאַרם, אימפּאָזאַנטן אויסזען און פעיקייט צו ווירקן מיטן וואָרט — נישט שווער אָנגעקומען. ער האָט מיך גלייך באַשטימט פאַרן „גענעראַל־סעקרעטאַר פון יוגנט צענטראַל־קאָמי־טעט", איבערגעגעבן די סטעמפּלען, די אָנפירונג פון די געציילטע יוגנט־גרופּעס און באַפוילן: טו!

בקרוב האָבן מיר טאַקע צונויפגערופן אַ צוזאַמענפאָר, פאַראיי־ניקט זיך מיט די יוגנט־גרופּעס פון די פועלי־ציון (רעכטע). זיי האָבן געהאַט שטאַרקערע גרופּעס אין גאַליציע; די צ.ס. — אויף די קרעסן. אַזוי אַרום איז געשאַפן געוואָרן די „יידישע סאָציאַליסטישע יוגנט־אָרגאַניזאַציע" אין פוילן, פון וועלכער ס'איז אין אַ צייט אַרום אַרויסגעוואַקסן די צ.ס.־יוגנט „פרייהייט". סוף 1922 איז אַראָפּגעקומען קיין וואַרשע בערל לאָקער (פון פאַרבאַנדס־ביוראָ) און פאַרלאַנגט צו פאַרשטאַרקן די פאַרבינדונג מיט גאַליציע. מאַלקי־נען איז איבערגעגעבן געוואָרן די זאָרג דערפאַר און פאַר דער רע־דאַקציע פונעם חודש־זשורנאַל, וועלכן ס'האָט אַרויסגעגעבן די פועלי־ציון־יוגנט אין גאַליציע — „די יידישע אַרבעטער־יוגנט". אויך דערצו האָט ער קיין חשק נישט געהאַט און ער האָט מיר איבערגעגעבן די מיסיע. אַזוי בין איך אָנהייב 1923 — צו 17 יאָר — געוואָרן אַ רעדאַקטאָר פון אַ צייטשריפט.

די צוגרייטונג דערצו איז ביי מיר געמאַכט געוואָרן אויך דורך מאַלקינען. ער האָט מיך איינגעשפּאַנט צו שרייבן יידיש (ביז דאַן האָב איך טאַקע געשריבן — אָדער פויליש אָדער העברעיש), אַרויס־צוטרעטן מיט יידישע רעפעראַטן. פאַרקוקט אין אים — און געלערנט זיך פון אים — האָב איך אָנגעהויבן צו רעדן אויף ליטעראַרישע טעמעס, צו שרייבן וועגן ליטעראַטור און טעאַטער; זיין באַגייסטע־רונג פאַר דער בינע, ליבע צו טעאַטער, האָט אַ סך משפיע געווען

אויף מיין באַשלוס אַריינצוטרעטן אין דער טעאַטער־שול; ער האָט מיר איבערגעגעבן די אויפגאַבע, שוין נאָך מיין צוריקקומען פון לעמבערג, איבערצוזעצן אויף יידיש די גרעסערע דייטשע בראָשור פון ה. האקמאק „אַריינפיר אין דער סאָציאַליסטישער געדאַנקען־וועלט" און ער האָט אויך רעדאַגירט מיין איבערזעצונג, וואָס איז דאָן דערשינען אין יוגנט־פאַרלאַג און געווען מיין ערשטע אַרבעט אין די טאָוולען פון אַ בוך, אונטערן פסעוודאָנים יצחק בער. מיין גרעסטער שטאָלץ איז געווען, אַז מ'האָט מיך אין די שטעטלעך אָנגעהויבן צו רופן נאָך מיינע רעפעראַטן „דער קליינער מאַלקין". ווייל מאַלקין איז געווען מיין אידעאַל — גראַד ווי פון אַ סך יוגנט־לעכע פון מיין דור און סביבה. יאָרנלאַנג בין איך געווען אונטער זיין כישוף. ער האָט מיך אַריינגעצויגן אין פאַרטיי־קעסל און אונטער זיין השפעה האָב איך זיך אָנגעהויבן צו דערוווייטערן פון פאַרטיי־אַרבעט. אפשר נישט צופעליק זענען מיר אין דער זעלבער צייט כמעט אַוועק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט זיך טאַקע אַ ביסל שפעטער צוריק אומגעקערט צום ציוניזם. צו מיר האָט ער נישט געהאַט לחלוטין קיין פאַריבל וואָס איך בין אַוועק ווייטער פון אים, בלויז געשמייכלט אונטער די וואָנסן און געוויצלט זיך: „ווי קומט איר בכלל צו פּאָליטיק?" אַזוי פיל שטורעמס זענען שוין פאַרביי איבער דער וועלט און איבער יעדן פון אונדז, אַז מ'קאָן זיך שוין אַפילו פאַרגינען דערציילן אייניקע פיקאַנטע עפּיזאָדן פון מאַלקינס לעבן, אָדער טואונגען.

2

אָנהייב זומער 1923 האָב איך אין מיין דעמאָלטיקער רעזידענץ — אין לעמבערג — באַקומען אַ געהיימע ידיעה, אַז בקרוב וועט זיך צו מיר אַראָפּכאַפּן אינקאָגניטאָ „ד.ב.מ." און ער וועט מיר שוין איבער־געבן וואָס איך האָב צו טון. געציילטע טעג שפעטער — אין די שפעטע אָוונט־שעהן, ווען איך בין פונעם פאַרטיי־לאָקאַל אויף

קאַזשימיעזשאָווסקע צוריקגעקומען צו מיין וווין־הויז אין אַ לעמ־בערגער הינטערגעסל, ערגעץ ביי דער גאַזאָווניע, ווו איך האָב פאַרנומען אַ ווינקל אין דער דירה פון אַן אַלטן בעקער — האָט מיךביים פינצטערן טויער אָפּגעוואַרט אַ מענטש. איך האָב דערהערט אַ באַקאַנטע וויל־קלינגענדיקע שטים: „רופט מיך נישט ביים נאָמען. פירט מיך אַריין צו זיך, וועלן מיר וועגן אַלץ איבעררעדן". דאָס איז געווען מאַלקין.

„געוווינט" האָב איך טאַקע אויף דער קאַנאַפּע ביים בעקער אין דער איינצימערדיקער וווינונג און מאַלקין האָט געמוזט איבער־נעכטיקן אויף דער זעלבער קאַנאַפּע מיט מיר. ער האָט זיך אין ערגעץ נישט געטאָרט מעלדן און קיינער האָט נישט געטאָרט וויסן וועגן זיין קומען — האָט ער שוין געמוזט בלייבן וווינען מיט מיר אַ צייט, איך האָב שוין אָפּגערעדט מיט מיין באַלעבאָסטע, זי זאָל נאָך צושטעלן אַן אויסלייג־בעטל און זאָל אויך אַ צייט באַשפּייזן מיין „גאַסט". און איך האָב באַקומען אַ שליחות: אינעם שטעטל יעזשיעזשאַני, אין דרייעק ביי דער פּויליש־רומעניש־סאָוויעטישער גרענעץ, האָט זיך דאַן געפונען דער גרוו. יידישער וויצע־מיניסטער פון איינער פון די אוקראַינישע נאַציאָנאַליסטישע רעגירונגען, פּ. באַגראַד, וועלכער האָט געהאַט ביי זיך די אָפיציעלע חתימות פון דער אוקראַינישער רעפּובליק, רעגירונג־בלאַנקען און דאָקומענטן. מיין אויפגאַבע איז געווען זייער דיסקרעט זיך צו פאַרבינדן מיט באַגראַדן און באַקומען ביי אים עפּעס אַ פּאַפּירל פאַר מאַלקינען. דאָס אַלץ האָט געמוזט געטון ווערן אונטער דער שטרענגסטער קאָנספּיראַציע, ווייל באַגראַד — כאָטש ער איז געווען דער פאַר־שטייער פון אַ „באַפרייענדעטער אוקראַינישער רעפּובליק" — האָט זיך געפונען אונטערן אויג פון דער פּאָליטישער פּאָליציי און איך האָב נישט געטאָרט ציען אויף זיך איר אויפמערקזאַמקייט כל־זמן מאַלקין האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי מיר. האָט געדויערט אַ צייט ביז איך האָב דורכגעפירט די טראַנזאַקציע מיט באַגראַדן און אָראָפּ־געפאָרן קיין יעזשיעזשאַני מיט מאַלקינס פאָטאָגראַפיע און אַרויס־

באַקומען פאַר אים אַ דאָקומענט, אַז ער איז געבוירן ערגעץ אויף די אוקראַינישע שטחים, וואָס זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער פּוילישער מלוכה.

לויט די דאָקומענטן איז מאַלקין אַלט געווען 37 יאָר — מיט 15 יאָר עלטער, ווי ער איז דאַן פאַקטיש געווען. דערפאַר טאַקע האָט ער זיך געמוזט לאָזן וואַקסן די באָרד, וואָס האָט אים עלטער געמאַכט און דערנאָך אַזוי פיל יאָרן זיך צו האַלטן מיט איר, ביז ער האָט זיך צו איר צוגעבונדן, אַז זי איז געווען נישט צעטיילבאַר פון זיין פּאָרטרעט.

מן־הסתם האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן נישט קיין קליינע ראָל אין דעם אויך געשפּילט זיין נטיה צו טעאַטראַלישקייט, זיין קולט פאַר שיינקייט. די באָרד האָט אים אויסערגעוויינלעך געקליידט און דאַן — אין זיינע יונגע יאָרן, ווען ער איז געווען שלאַנק און דאַר — האָט זי אונטערגעשטראָכן די אויסדריקלעכקייט פון זיינע גרויסע אויגן, צוגעגעבן עפּעס אַ נביאישן שיין זיין פּנים. נישט איינמאָל האָב איך געהערט ווענן אים פון פאַרבייגייער אין די גאַסן פון לעמבערג, וואַרשע: „ווי כריסטוס זעט ער אויס!"...

אין די געציילטע וואָכן, וואָס מאַלקין איז געווען מיין בייוווינער, האָב איך אים דערקענט אַזוי, ווי זעלטן ווער ס'האָט געקאָנט האָבן אַזאַ געלעגנהייט. איך האָב אים געמוזט ליפערן גאַנצע ביבליאָטעקן ביכער, וועלכע ער האָט ממש געשלונגען. זיין פענאָמענאַלער זיכרון האָט זייער שנעל פאַרצייכנט דאָס איבערגעלייענטע און פאַרוואַנדלט עס אין אַ טייל פון זיין אייגנס, פון דעם גרויסן אוצר וויסן. ער האָט געלייענט אין אַ סך שפּראַכן — יידיש, העברעיש, רוסיש, פּויליש, דייטש. אגב: פּויליש האָט ער זיך כמעט אַליין אויסגעלערנט און אויך אָנגעהויבן צו לערנען ענגליש און פראַנצויזיש.

ער איז גאַנצע טעג — ביז שפּעט אין דער נאַכט — געווען פאַרטיפט אין לייענען. צומאָל זיך געמאַכט נאָטיצן אויף קליינע זייטלעך פון אַ נאָטיץ־ביכל. דאַן האָט ער געקאָנט שעהנלאַנג, אָפט־מאָל ביז פאַרטאָג, ווען אונדזער בעקער איז צוריקגעקומען פון זיין

נאַכט־אַרבעט, פירן מיט מיר שמועסן וועגן דעם איבערגעלייענטן; שמועסן סתם אין דער וועלט אַריין, פאַרן בלויזן פאַרגעניגן פון שמועסן. ער איז דאָך געווען אַ זעלטענער קאַזער און ליב געהאַט צו רעדן, צו וויצלען זיך, מאַכן ווערטער־ און געדאַנקען־שפּילן, שׂיחת חולין.

אַט די וואָכן פון אונדזער צוזאַמענזיין האָבן איבערגעלאָזט אַן אומפאַרגעסלעכן רושם אויף מיר און אַ פעסטן חותם אויף מיין יונגער נשמה, וואָס האָט זיך ערשט דאַן אָנגעהויבן צו פאָרמירן. און כאָטש אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָב איך זיך אַ סך, אַ סך מאָל באַגעגנט מיט מאַלקינען — סיי אין פּוילן, סיי אין ישׂראל; כאָטש איך האָב נאָך לעמבערג אויך נאָך אַ לאַנגע צייט צוזאַמענגעאַרבעט מיט אים און נישט צוזאַמענאַרבעטנדיק — אויך גאָר אָפט זיך גע־טראָפן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן — זענען יענע אומלעגאַלע לעמבערגער וואָכן פון מאַלקינען פאַרבליבן פון די שענסטע עפּיזאָדן אין מיין לעבן און דער שטאַרקסטער זאַכלעכער מאַטעריאַל פאַר מיר צו דערקענען די פּערזענלעכקייט: דב בער מאַלקין, דעם מענטש, וואָס האָט געכישופט מיט זיין שאַרם און זיינע פעיקייטן; דער קאָפּ־ריזנער קינסטלער־נאַטור און שיינגייסט; דעם מענטשן, וועלכער האָט געענטפערט אויף דער פראַגע, פאַרוואָס ער האָט זיין רובריק אין דער ווארשעווער „פאָלקסצייטונג" אָנגערופן „דורך סאָציאַליסטישע ברילן", נישט „דורך סאָציאַליסטישע אויגן" — „ווייל ברילן קאָן מען בייטן". און ער האָט טאַקע נישט איינמאָל „געביטן זיינע ברילן" — מיט דעם חן פון אַ צעפּיעשטשעטער פּרימאַדאָנע. ווייל ער איז נישט געווען קיין פּאָליטיקער, אַפילו נישט קיין דענקער, נאָר אַ קינסטלער דורך און דורך. צו אים אַליין קאָן מען אָנווענדן אַ פּאַראַ־פראַזע פון זיינער אַ באַצייכענונג: אין אַ גרעסערער אַרבעט צו ה. ד. נאָמבערגס ערשטער יאָרצייט האָט מאַלקין געשריבן אין דער „ביכער־וועלט": „דער טאַלאַנט פון קינסטלער איז פעסט געווען געפּענטעט דורך די צוימען פון דענקער". ביי מאַלקינען איז דער דענקער געוואָרן פאַרשטויסן פונעם קינסטלער. אפשר דערפאַר

פלעגט ער זיך — סיי אין שריפט, סיי אין גערעדטן וואָרט — אָפּט־מאָל באַנוצן מיט ציטאַטן, אַ סך ציטאַטן, אַזוי געשיקט מיט זיי אָפּע־רירט, אַז זיי זענען געוואָרן אַ קינסטלעריש ווערק פאַר זיך.

3

איך רעד זיך איין, אַז איך האָב גוט דערקענט מאַלקינען דעם מענטש מיט אַלע זיינע קאַפּריזן, דעם שרייבער, דעם רעדנער, דעם קריטיקער, דעם לעקטאָר, דעם פּאָליטישן טוער. דאָס לעצטע איז ער אַפילו געווען ווייניקער פון אַלץ.

קודם כל דערפאַר, ווייל מאַלקין האָט געקאָנט זיין אַלץ אין דער וועלט, נאָר נישט קיין טוער. פּאַרטיי־טוערײַ, פּאָליטיק־מאַכערײַ איז פון גרונט אויס שוין פאַרבונדן מיט אַ שטרענגער דיסציפּלין, צומאָל — מיט אַ פאַרשאַרפטער געזעלשאַפטלעכער אחריות, מיט אַ שטאַר־קערער קאָנטראָל איבער די אייגענע מעשים און רעגונגען. מאַלקין איז אָבער געווען דער היפּוך פון דיסציפּלין. ער האָט נישט אָנערקענט קיין שום פאַרפליכטנדיקע נאָרמעס פאַר זיינע האַנדלונגען און רייד. סיידן — די נאָרמעס פון עמאָציאָנעלן רעאַגירן — אויב עס קאָנען עקזיסטירן אַזעלכע; די דיסציפּלין פון עמאָציאָנעלן רעאַגירן. אָט דעם מין דיסציפּלין פלעגט ער זיך קאָנסעקווענט אונטערגעבן. דערפון אפשר — זיין פּאָליטישע אומקאָנסעקווענטקייט, זיינע אידעישע וואַנ־דערונגען און בלאָנדזשענישן.

אין די דרייסיקער יאָרן, ווען ער איז פון „בונד" צוריק אריבער צו די פּועלי־ציון (צ.ס.), האָב איך אים אַמאָל פאַרטשעפּעט וועגן דעם. ער האָט מיר געענטפערט מיט זיין כאַראַקטעריסטישן הומאָר און ליכטיקן שמייכל. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיין מאַמע (די פרומע רבנישע טאָכטער, וועלכע איז אויף דער עלטער אין מינסק געוואָרן אַ גאַנצע טוערין ביי די „בעזבאָזשניקעס") האָט צו אים טענות אין אַ בריוו וועגן זיינע אידעישע בלאָנדזשענישן. האָט ער איר געענטפערט: „ביי אייך, אין ר.פ., איז פאַראַן אַ קאַטעגאָריע

מענטשן, וואָס ווילן נישט זיין געבונדן מיט קיין פּאַרטיי־דיסציפּלין, ווערן זיי נאָכלויפער. ביי אונדז איז דער מין נאָכלויפער נישט פאַראַן, מוז איך ווערן אַן איבערלויפער, ווייל איך פאַרטראָג נישט קיין פּאַרטיי־דיסציפּלין".

זיין גאַנצע פּסיכישע קאָנסטיטוציע איז טאַקע געווען אַפּאַרטיי־איש, כ'וואָלט אַפילו געזאָגט: אַנטיפּאַרטייאיש. און ער האָט נישט געקאָנט זיין קיין טוער, ווייל ער האָט בכלל פיינט געהאַט דעם ענין „טוען". ער האָט ליב געהאַט צו רעדן, שמועסן, לערנען, שאַפן — אָבער נישט טון. אין כאַאָס פון איבערקערענישן איז ער אַריינגע־שלעפּט געוואָרן אין פּאָליטישן קעסל, ווו ער האָט זיך אָפּטמאָל צע־בריקעוועט, צולהכעיסעוועט — אָפּהענגיק פון זיין שטימונג, געמיט, אַפילו קאַפּריז. ווייל ער איז געווען אַ קינסטלער־נאַטור, אַ קינסטלער און בלויז אַ קינסטלער.

קודם־כל — אַ קינסטלער פון וואָרט, פונעם לעבעדיקן וואָרט. איך גלייב, אַז אין אונדזערע צייטן איז נישטאָ נאָך איינער אין דער גאַנצער יידישער וועלט, וואָס זאָל זיין אַזאַ מייסטער פון גערעדטן וואָרט אין אונדזערעביידע שפּראַכן — יידיש און העברעיש. דאָס איז דאָך געווען אַ גאָט־געבענטשטער רעדנער און לעקטאָר, אַ מייסטער פון רייד־קונסט, אַ שיינרעדנער אין בעסטן זין פון וואָרט.

און טאַקע אַ שיינגייסט, אַ געצנדינער פון שיינקייט, אַן עסטעט דורך און דורך, צומאָל — אַן עסטעטיזירנדיקער קריטיקער. צוליב שיינקייט וועגן האָט ער געקאָנט מוותר זיין אויף אַ סך אַנדערע ווערטן און ער האָט זיך גאַרנישט פאַרבאַהאַלטן דערמיט. שיינקייט איז פאַר אים געווען אַן עיקרדיקע ווערט אינעם מענטשלעכן לעבן און במילא — אין זיין לעבן. אפשר דערפאַר האָבן די געציילטע יאָרן פון זיין לעבן אין פאַריז אַזוי אים צוגעבונדן צו דער דאָזיקער מעטראָפּאָליע פון קונסט, צו איר קונסט־אַטמאָספער און צו דער פראַנצויזישער קולטור. ער איז געווען אַ מאָנפּאַרנאַס־מענטש אין געמיט. אפשר אַפילו אויסגעביטן דעם פּאַרנאַס — אויף מאָנפּאַרנאַס.

מאַלקין, אַן אָפּצווייג פון אַ רבניש־רבישער דינאַסטיע, אַן עילוי

פון דער ישיבה, װעלכער איז אין די יאָרן פון דער ערשטער װעלט־מלחמה — נאָך גאָר אַ יונג בחורל — פאַרװעלטלעכט געװאָרן, אַריין אין דער צעירי־ציון־באַװעגונג אין רוסלאַנד; מיט כוח געמאַכט געװאָרן פאַר אַ פּאַרטיי־פירער (פון װאָס ער פלעגט זיך אינערלעך אָפּטרייסלען), האָט אין זיינע געאָגראַפישע און אידעישע װאַנדערונגען — איינגעזאַפּט אין זיך שיינקייטן, געשלונגען שיינקייטן, געװאָרן אַ פרעדיקער פון שיינקייטן. דאָס איז ער געװען אין זיין טעאַטער־און קונסט־קריטיק (ער — דער פאַרליבטער אין טעאַטער — איז אַליין געװען אַ מין בינע־קינסטלער אין זיינע רעדעס, מיט אַ פּרעכטיק־אויסגעשליפענער דיקציע און טעאַטראַלישן זשעסט); דאָס איז ער געװען אין זיינע לעקציעס װעגן ליטעראַטור — יידישער, העברעישער, װעלט־ליטעראַטור; דאָס איז ער געװען אין זיינע עסייען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען, אין רעצענזיעס געשריבענע און גערעדטע.

אויבן־אָן און איבער אַלץ איז ביי אים געװען דאָס גערעדטע װאָרט. זיינע לעקציעס און אַנדערע עפנטלעכע אַרויסטריטן זענען געװען מייסטערשטיק פון אַרכיטעקטאָנישער קאָנסטרוקציע — מיט ראַפּינירטן דאַזירטן װיסן, עספּרי, הומאָר און סתם שיינע דעקאָראַטיװע פליטערלעך, אין װעלכע ער איז ממש געװען פאַרליבט. איין זאַך האָט ביי אים געבוירן דעם װייטערדיקן — מיט אַן עלעגאַנטער לייכטקייט; איין בילד — דאָס װייטערדיקע. ער האָט מיט בילדער און שיינװערטער אויסגעבויט זיינע געדאַנקען, זיינע מיינונגען װעגן ליטעראַטור און קונסט. ער פלעגט זיך אַליין באַפרוכפּערן מיט זיין געזאָגטן װאָרט און איז אין דעם װאָרט אויסגעװאַקסן צו גייסטיקע — און דער עיקר: עסטעטישע — הויכן. דער גרויסקינסטלער פון גערעדטן װאָרט.

אויסערלעך און אינערלעך — אַ יוצא־דופנדיקע דערשיינונג, אַ יחיד במינו. יוצא־דופנדיק איז אויך ביי אים: אַ מענטש װאָס האָט צוגעלייגט זיין האַנט צו צענדליקער ביכער (װי אַן איבערזעצער סיי אין יידיש, סיי אין העברעיש; װי דער מחבר פון הקדמות און אַריינ־

פירן צו יידישע און העברעישע ביכער) ; דער מחבר פון אַ סך הונדערטער קריטישע אָפּהאַנדלונגען און עסייען, האָט אַפילו דעם קלענסטן חלק פון זיינע אַרבעטן נישט צונויפגעזאַמלט אין די טאָוולען פון אַ בוך. דערצו האָט ער נישט געהאַט קיין זיצפלייש, גראָד ווי ער האָט עס נישט געהאַט צו פּאָסטנס, צו אַמטן. זיינע עסייען און אָפּהאַנדלונגען האָט ער אין דער מערהייט פאַלן געשריבן אויף בלעט־לעך פון אַ נאָטיץ־ביכל, ווי טעזן צו אַ רעפעראַט. ווייל אַפילו קיין שרייבערישער דיסציפּלין האָט ער זיך נישט געוואָלט אונטערוואַרפן. ביידן, ווען ער האָט שוין געמוזט, נישט געווען קיין אַנדער ברירה. דאַן האָט ער אַפילו געקריגן געדולד איבערצוזעצן פיל־בענדערדיקע ווערק.

און אַזוי נישט דיסציפּלינירט ווי זיין לעבן און שאַפן — האָט אויך זיין אָרגאַניזם פּלוצלינג באַשלאָסן: גענוג. ער האָט אויפגע־הערט די ראַנגלעניש מיט דער שרעקלעכער קרענק, וואָס האָט אים געפּלאָגט אַ לענגערע צייט. ער האָט זיך טאָקע לכתחילה נישט געוואָלט אונטערגעבן, אָפּגעהיט זיין אויסערלעכע שיינקייט, זיין געפּוצטקייט, זיין פיינעם הומאָר און עספּרי. און פּלוצלינג — אויס! אויס מיט אַלץ, אויס דב בער מאַלקין.

און מיט אים איז פאַרשוווּנדן אַן אוצר פון שיינקייטן אין אונדזער קולטור־לעבן.

אַן אינסטיטוציע — נחמן מייזיל

1

נישט בלויז אַ מענטש איז ער געווען, נחמן מייזיל, אַ שרייבער, אַ רעדאַקטאָר, ביבליאָגראַף, קריטיקער, איבערזעצער, עסייאיסט, פּובליציסט, — נייערט אַן אינסטיטוציע אין יידישן קולטור־לעבן, אַ צאַפּלדיקע אינסטיטוציע פון אומגעהויערער קולטור־שאַפערישקייט, פון ליטעראַריש טועכץ, פון אינספּירירן און בויען. אַזוי האָב איך אָנגעהויבן מיין הספד וועגן אים, אַזוי האָב איך נאָך פריער געזאָגט אויפן קבלת־פּנים לכבוד אים בעת אונדזער צוזאַמענטרעף אין ישראל אָנהייב זעכציקער יאָרן.

דורך קנאַפּע אַכציק יאָר פון זיין לעבן און זעכציק יאָר פעדער־שאַפן — דורך קיעוו, וואַרשע, ניו־יאָרק, ישראל — האָט ער אויפגעשטעלט אַ צאָל פאַרלאַגן, אויפגעבויט צייטשריפטן, וואָס האָבן געשפּילט אַ וואָגיקע ראָל אינעם יידישן קוטור־לעבן (אין קיעוו, אינעם ברען פון בירגער־קריג, אַלץ וואָס האָט זיך געלאָזט אין די ראַמען פון דער דאָרטיקער „קולטור־ליגע"; אין וואַרשע — „קולטור־ליגע", „ביכער־וועלט", „ליטעראַרישע בלעטער": זשורנאַל און פאַרלאַג; 25 יאָר רעדאַגירט דעם חודש־זשורנאַל „יידישע קולטור" און דעם פאַרלאַג פון איקוף אין ניו־יאָרק); ער האָט אָנגעשריבן עטלעכע און דרייסיק ביכער און פאַרנעמיקע בראָשורן; איבערגעזעצט, צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט צענדליקער ביכער און וואָגיקע זאַמל־ביכער, ווי דאָס מענדעלע־בוך, פאַרענדיקנדיק מיט אַזאַ אויסגאַבע ווי בער באָראָכאָווס „שפּראַך־פאָרשונג און ליטעראַטור־געשיכטע". אַ גאַנצע פיל־פיל־בענדיקע ביבליאָטעק איז אַרויס

פון אונטער זיין פּרוכטבאַרער פּעדער. צווישן זיינע ביכער — אַזעלכע ווערק ווי „נאָענטע און ווייטע", זיינע אַרבעטן איבער פּרצן און די פּרץ־אויסגאַבעס פון אַ כמעט אַקאַדעמישן כאַראַקטער; אָפּהאַנדלונגען: „צוריקבליקן און פּערספּעקטיוון", „פֿאַרגייער און מיטצייטלער", „דאָס יידישע שאַפן אין סאָוויעטן־פאַרבאַנד", „קעגנזייטיקע השפּעות אין וועלט־שאַפן". ער האָט אין די אָפּהאַנדלונגען גרונטיק אַרומגענומען און באַלויכטן דאָס שאַפן פון שלום אַש, וועלכן ער האָט נאָך אין צווישנמלחמה־פּעריאָד אונטערגעטראָגן די קרוין פון פּערטן קלאַסיקער, דוד בערגעלסאָן — זיין קרוב און יוגנט־חבר, יוסף אָפּאַטאָשו, אַחוץ די דריי קלאַסיקערס — און וועמען נישט? דאָס איז געווען אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע פון וויסן וועגן ליטעראַטור און קונסט: יידישע, העברעישע, רוסישע.

אָנגעהויבן האָט ער אין העברעיש (נאָך אין יאָר 1903); גלייך אַריבער צו יידיש (מיט דער אָפּהאַנדלונג וועגן דוד בערגעלסאָנס „אַרום וואָקזאַל"), איז ער שוין ביזן סוף געבליבן פאַרבונדן מיט דער יידישער ליטעראַטור און שאַפן — אין דער גאַנצער פיל־כוואַליעדיקייט און פיל־קאָנטינענטקייט פון יידישן שאַפן.

נחמן מייזיל איז געווען אַ גיגאַנט פון אַרבעט, אַ דינאַמאָ פון פלייס און פון פאַרליבטקייט אינעם געדרוקטן וואָרט און אין קונסט־שאַפן. אין זיין מעכטיקן זכרון האָט ער מאַגאַזינירט אוצרות פון וויסן און אין אַן אומגעהויערן שרייבערישן טעמפּאָ די אַלע אוצרות איינגעשפּאַנט אין דער טאָג־טעגלעכער מי פון זיין פּעדער.

אויסערלעך — אַ רואיקער, ווי ער וואָלט געלויכטן מיט לייטזעליקייט, האָט אין אים אַן אַן אויפהער עפּעס אינערלעך געברויזט. נישט געקוקט אויף דער שווערער משא פון קנאַפּע אַכציק יאָר, האָט ער נישט געוואָלט משלים זיין מיט דער סיטואַציע פון אַן עמעריט. אינעם קיבוץ אלונים, ווו ער האָט זיך די לעצטע יאָרן באַזעצט נעבן זיינע זין און אייניקלעך, אין אַ ספּעציעל־אויסגעבויט פאַר אים הויז, ווו ס'איז קאָנצענטרירט געוואָרן זיין ריזיקע פּריוואַט־ביבליאָטעק,

האָט ער כסדר רעאַגירט אויף ליטעראַרישע און קולטור־געשעענישן, כסדר אינספּירירט אַזעלכע געשעענישן.

נישט געקוקט אויף זיין ווייסן קאָפּ, האָט קיינער נישט געקאָנט גלויבן — אינעם ברען פון וואָרט־געפעכט, — אַז דער מענטש איז שוין אויפן ראַנד פון זיין קבר. און דאָך, דער ליבער מענטש און גוטער חבר, דער צעשמייכלטער און שטראַלנדיקער נחמן מייזיל, איז פּלוצלינג אויסגעלאָשן געוואָרן אין יאָר 1966.

זיין „יידישע קולטור״ (נר. 6 יוני־יולי 1966), וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט בירושה די ניו־יאָרקער יעווסעקעס, האָט אַפילו געשריבן, אַז „יידישע שרייבער אין ישראל האָבן באַיקאַטירט זיין לוויה״ — נייערט, די באַרגיקע ערד פון אלונים, ווו מייזיל האָט געפונען זיין אייביקע רו, גראָד ווי די הונדערטער אַנוועזנדיקע אויף דער לוויה, שרייען צוריק די יעווסעקישע קאַפּיטאַל־שלאָגערס פון יעדן אומגליק: אויך דאָס מאָל זענט איר משקר. אַוודאי זענען נישט אַ ל ע יידישע שרייבערס געווען אויף דער לוויה — ווען די ניו־יאָרקער „קולטורניקעס״ וואָלטן נישט געווען פון פאַרויס איינגעשטעלט, אַז מ׳דאַרף באַיקאַטירן, וואָלטן זיי פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז נישט לייכט געווען צו קומען פון תל־אביב און ירושלים קיין אלונים, דעריבער האָבן אַ שפּאָר ביסל שרייבערס געפעלט. איך אַליין, וואָס בין געווען פאַרבונדן אין משך פון 45 יאָר באַקאַנטשאַפט מיט נחמן מייזיל אין אויפריכטיקער פריינדשאַפט — איך בין אויך נישט געווען אויף דער לוויה, נישט געקאָנט קומען צוליב מיין געזונט־צושטאַנד.

2

מיר איז אויסגעקומען אין משך פון געציילטע יאָרן אין ישראל אייניקע מאָל צו באַגריסן נחמן מייזיל — אין יידישן שרייבער־פּאַראיין, אין שלום אַשס הויז — און שטענדיק האָב איך געפונען צו זאָגן וועגן אים עפּעס אַזעלכעס, וואָס כ׳האָב נאָך נישט געהאַט געזאָגט, צו דערמאָנען אַן אַנדער עפּיזאָד, אַן אַנדער אויפטו, אָדער

אַפילו אַן אויסגליטש פון נחמנען. ווייל גאַנץ אָפּט פלעג איך זיך די לעצטע יאָרן אַמפּערן מיט אים, פריינדלעך אַמפּערן, כאָטש ער האָט עס נישט איינמאָל אַנגענומען ווי אַ פּערזענלעכן אַנגריף און זיך אַ ביסל אויפגערעגט צוליב דעם.

געווען אַפילו אַ פאַל — אין קעלער פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין תל־אביב — ווען ער האָט זיך אָפּגעריסן אויף מיר צוליב מיינס אַ באַגריסונג און ער האָט זיך באַנאַרישט מיט זיין ענטפער. איך האָב אין דער באַגריסונג געזאָגט, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס מ׳קאָן פון פאַרשידענע שטאַנדפּונקטן קריטיקירן געוויסע פּאָלי־טיש־געזעלשאַפטלעכע בלאָנדזשענישן פון נחמן מייזיל (געווען איז עס, דוכט זיך, אויפן אָוונט לכבוד זיין עולה זיין), טאָר מען בשום אופן נישט מינימיזירן זיינע פאַרדינסטן פאַרן יידישן קולטור־אויפבוי און שאַפן, זיינע דערגרייכונגען, ווי אַ טוער און שרייבער — נישט וויכטיק צי מ׳זאָל אים העכער שעצן ווי אַ קריטיקער, צי אַ ביבליאָגראַף; אַ מעמואַריסט צי אַן עסייאיסט; אַ רעדאַקטאָר צו אַן איבערזעצער. כ׳ווייס נישט וואָס האָט גורם געווען זיין אויסברוך — די אָנדייטונג וועגן זיינע פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע בלאָנדזשענישן, צי דאָס שטעלן געוויסע פרעגצייכנס וועגן זיין שאַפן („אַ קריטיקער, צי אַ ביבליאָגראַף"). אַ פאַקט איז, אַז ער האָט זיך קוים דערוואַרט ביז איך האָב פאַרענדיקט מיין באַגריסונג און דאַן — כאָטש אוי־סערלעך אַ באַהערשטער, נייערט אַ רויטער אויפן פּנים — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ בלאָס שמייכעלע צו רעדן, אַז ער פרייט זיך זייער זעענדיק ווי יידיש איז דאָ אויסגעוואַקסן, ווי די מענטשן זענען דאָ אויסגעוואַקסן. אָט „אַ שטייגער דער פאַרזיצער פון היינטיקן אָוונט, וועלכן איך געדענק פון וואַרשע ווי אַ יינגל, וואָס איז געווען ביי מיר אַ שיק־יינגל, פרעדיקט מיר איצט מוסר". און אַזוי ווייטער אין דעם גייסט. איך האָב נישט געוואָלט מיט אים פּאָלעמיזירן — פאַרט בין איך דאָך אָפיציעל געווען זיין גאַסטגעבער — למען האמת מוז איך אָבער איצט פעסטשטעלן, אַז אין זיין גאַנצן אויסברוך איז געווען מער גוזמא ווי פאַקטן. וואָרים קיינמאָל בין איך ביי נחמן מייזיל

נישט געווען קיין שיק־ייִנגל. אויב ער האָט מיך, ווי דער רעדאַקטאָר פֿון די „ליטעראַרישע בלעטער", געשיקט מיט אימיצן מאַכן אַן אינטערוויו, הייסט עס נישט, אַז איך בין געווען זיין שיק־ייִנגל, הגם איך בין נאָך דאַן אויף אַן אמת געווען אַ ייִנגל. ער איז טאַקע געווען מיין ערשטער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר (אַזוי האָב איך אים אויך דעדיקירט מיין בוך „די מאַמע אסתר־רחל" — נאָך געשיקט פֿון וואַרשע קיין ניו־יאָרק) — ווייל דאָס איז געווען נאָך מיינע לעמבער־גער יאָרן, ווען איך בין אַליין געווען דער רעדאַקטאָר מיינער און דאָס האָב איך נישט געהאַלטן פֿאַר אַ מעלה — און דאָס דערמאַן איך צום גוטן ביז היינט, כאָטש מ׳קאָן האָבן די אָדער יענע טענה צו זיין שיטה פֿון רעדאַגירן (באַזונדערס אין די נאָכמלחמה־יאָרן). אָבער — אַ שיק־ייִנגל? מילא, בין איך עס אים מוחל די גוזמא איצט, ווען ער איז נישט צווישן די לעבעדיקע, גראָד, ווי איך האָב אים מוחל געווען יענעם אָוונט. דאַן האָב איך עס געטון בדיעבד — כ׳בין געווען דער גאַסטגעבער און דאָס איז מחייב געווען — היינט טו איך עס פֿון פֿולן האַרצן.

וואָרים איך געדענק אים נאָך פֿון פֿאַר די „ליטעראַרישע בלע־טער", נאָך פֿון די „קולטור־ליגע"־אָנהייבן, פֿון זיינע אַרויסטריטן און רעפֿעראַטן. כאָטש קיין צו פֿליסיקער רעדנער איז ער נישט געווען — זיין פֿאַרהיקן זיך אין רעדן איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון אַ לייכטן שטאַמלען, וואָס האָט אים געשטערט — האָט ער זייער ליב געהאַט אַרויסצוטרעטן עפֿנטלעך, רעפֿערירן, דיסקוטירן, אָפּ־פֿערן זיך. מעגלעך, אַז דאָס איז געווען אַ פּועל־יוצא פֿון זיין אומגע־הויערער וויטאַלקייט, — וועלכע ער האָט פֿאַרהיט ביזן לעצטן טאָג פֿון זיין לעבן — דער איבערמענטשלעכער אַרבעטספֿעיקייט און דעם פֿענאָמענאַלן זיכרון, אין וועלכן ער האָט מאַגאַזינירט אַן ענצי־קלאָפּעדיע פֿון אָנגעהויפֿטע און אָנגעזאַמלטע ידיעות, וואָס האָבן אים געהאָלפֿן צו סדרן די רייכע מאַטעריאַלן צו זיינע צענדליקער ביכער, בראָשורן, רעדאַגירטע זאַמלביכער.

אַ טיפּישער ייִדישער אַריסטאָקראַט — ד.ה. אַ מענטש פֿון יחוס

און פון גייסט — וואָס האָט זיך ליב געהאַט צונויפמישן מיטן פאָלק און צו פילן זיך, ווי איינער פון דער מאַסע, כדי משפיע צו זיין, לערנען, דערציען די מאַסע. און דוכט זיך: מיט אַ טענדענץ זי צו פירן נאָך זיך, כאָטש די טענדענץ פלעגט ער נישט אַרויסווייזן אַזוי בולט. אַן אַריסטאָקראַט נישט דערפאַר, ווייל ער האָט געשטאַמט פון אַן אַלטער מיוחסדיקער יידישער משפחה, נישט בלויז, ווייל ער איז געווען דער איידעם פון קיעווער און לסוף — תל־אביבער רב אַראַנ־סאָן. ער איז געווען אַ גייסטיקער אַריסטאָקראַט אין זיין מהות.

איך האָב זיך אַ סך, אַ סך מאָל מיט אים געטראָפן ביי אים אין דער היים אויף גזשיבאָווסקע — ווו ס'איז אויך געווען אַ צייט די רעדאַקציע פון „ליטעראַרישע בלעטער" און דער פאַרלאַג; אין ליטע־ראַטן־ און אַרטיסטן־פאַראיין, וואָס האָבן געהויזט אין שכנות מיט זיך, די פענצטער כמעט אַקעגנאיבער (טלאָמאַצקע 13 און לעשנע 2), אויף פּרעמיערעס אין טעאַטערס און ביי פאַרשידענע היימישע שמחות. דער שטאַרקסטער איינדרוק איז אָבער פאַרבליבן ביי מיר פון דער תקופה ווען מיר האָבן צוזאַמענגעאַרבעט אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פאַרן אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז, אין 1937. נחמן מייזיל איז געווען די לעבעדיקע נשמה פון אָרגאַניזיר־קאָמי־טעט, צו וועלכן ס'זענען צוגעשטאַנען בלויז לינקע און פאָלקיסטישע גרופּעס (דער מעכטיקער „בונד" האָט באָיקאָטירט דעם קאָמיטעט און דאָס האָט זיך שטאַרק אָפּגעשלאָגן אויף אים).

דער קולטור־קאָנגרעס איז געווען פאַרטראַכט ווי אַ מין אַל־וועלטלעכער יידישער פאָלקס־פראָנט. אין אָנבליק פונעם אויפשטייג פון דער היטלעריסטישער, פאַשיסטישער און בכלל אַנטיסעמיטישער כוואַליע. די רעגירונג־קרייזן האָבן, פאַרשטייט זיך, געקוקט קרומלעך אויף דער איניציאַטיוו. ווער שמועסט נאָך, אַז בראש פון איר איז טאַקע געשטאַנען אַ ייד, ווי נחמן מייזיל. אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט זענען געווען אַזעלכע פאַרדעכטיקטע יידן ווי ד"ר מאַהלער, ד"ר ריב־געלבלום, ד"ר בערמאַן, שוין אָפּגערעדט פון בערל מאַרק, ד"ר כפאַרד, מיכאל מירסקי. איך בין — אין די צייטן ווען כ'בין געווען

אין וואַרשע (אין יענע יאָרן האָב איך דאָס רוב צייט פאַרברענגט אין אויסלאַנד) — געווען אַ מיטגליד פון אָרגאַניזיר־קאָמיטעט, ווי אַ פאַרשטייער פון דער לינקער אַקטיאָרן־גרופּע (דער אַרטיסטן־פאַראיין ווי אַזאַ האָט זיך נישט באַטייליקט אין אָרגאַניזיר־קאָמיטעט אונטערן דרוק פון בונדישן לאַנדראַט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען) און דאָרט האָב איך געהאַט די בעסטע געלעגנהייט צו אָבסערווירן נחמנען אין ברען פון דער אַרבעט, אין זיין ברענען ממש אין דער געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט, וואָס איז געווען אַ טייל, אַן אינטעגראַלע טייל, פון זיין שרייבערישער שאַפערישקייט.

נאָכן פאַריזער קולטור־קאָנגרעס איז נחמן מייזיל אַוועק קיין ניו־יאָרק און דאָרט שוין פאַרבליבן — ווי דער רעדאַקטאָר פון „יידי־שע קולטור", דער מאָטאָר פון אַלע „איקוף"־טואונגען. דאָן האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן די לענגסטע תקופה פון זיין טעטיקייט — אַ תקופה, וואָס האָט אָנגעהאַלטן ביז זיין באַזעצן זיך אין ישראל — און די פּרוכטיקסטע תקופה אויך. כאָטש — אויפן שטייניקן אַמערי־קאַנער יידישן קולטור־באָדן, אין די אויסמאַטערנדיקע און צע־שטערנדיקע פּאָליטישע און קלייזל־רייסערייען, וואָס האָבן געפרעסן לעבעדיקע שטיקער פון אַמעריקאַנער יידישן קולטור־אָרגאַניזם.

3

אָוודאי זענען די יאָרן פון נחמן מייזילס טעטיקייט אין אַמע־ריקע געווען פאַר מיר אַ צייט פון קענען אים בלויז אַ דאַנק דעם לייע־נען „יידישע קולטור", ביכער, בריוו. די ערשטע יאָרן נאָך דער מלחמה האָט ער זיך נאָך פון צייט־צו־צייט צונויפגעשריבן מיט מיר קיין פּוילן, בעת דער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור אין ר.פּ. האָט ער אויפגעהערט צו מיר צו שרייבן, איבערגעגעבן עס דעם טעאַטער־ספּעץ פון „יידישע קולטור", יעקב מעסטלען. צי האָט ער מורא געהאַט אַז ס'קאָן מיר שאַטן, צי גאָר — אַז ס'קאָן זיין שעדלעך פאַר

אים, דאָס ווייס איך נישט. און כ׳האָב אים קיינמאָל נישט געפרעגט וועגן דעם. כאָטש געלעגנהייטן האָבן מיר געהאַט גענוג.

זינט איך האָב זיך באַזעצט אין ישראל, דער עיקר — זינט איך האָב אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן דאָס הויז פון שלום אַשן, האָט זיך ווידער איינגעשטעלט אַ רעגולערע חברישע פאַרבינדונג צווישן אונדז. ער האָט געשיקט אַ שפּאָר ביסל מאַטעריאַל פאַרן שלום אַש־הויז, זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער אַנטוויקלונג און פּראָיעקטן פון הויז, אָפט געשריבן בריוו מיט פאַרשלאָגן און אָנפראַגעס. און ווען ער איז געקומען אויף זיינע אָפטע באַזוכן אין לאַנד, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. ער האָט געגישטערט אין די אַרכיוון פון הויז, געמאַכט זיך פאַרצייכענונגען, געזאַמלט מאַטעריאַלן. אָבער וועגן יענע גרויל־יאָרן פון סאָוויעטישן יידנטום — און טיילווייז די סכנה־דיקע יאָרן פאַרן פוילישן יידנטום — האָבן מיר כמעט נישט גע־רעדט. ער האָט מיך בלויז פאַרזיכערט, אַז ער האָט נישט געשוויגן, אַליאַרמירט, געשריבן ווענדונגען און מעמאָריאַלן צו אויטאָריטאַ־טיווע אינסטאַנצן. אויך — דער ערשטער אין לינקן לאַגער — עפּנט־לעך אָפּגעדרוקט, נאָך אַנהייב פופציקער יאָרן, אַן אַליאַרם־אָנפרעג, אַ מאָנענדיקן רוף וועגן גורל פון דער יידישער קולטור און אירע שאַפער אין ראַטנפאַרבאַנד. ער האָט דרך־אגב כסדר אויפמערקזאַם געמאַכט: „איך בין נישט קיין קאָמוניסט, כ׳בין בלויז אַ פריינד פון ראַטנפאַרבאַנד און פונעם יידישן שאַפן דאָרט״.

ווען איך האָב אים אַמאָל דערציילט וועגן מיינע טענות צו איציק פעפערן און דער ראָל, וואָס ער האָט געשפּילט ערב דער ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור, האָט ער בלויז צוגעגעבן: „פאַרוואָס האָט איר נישט קיין גרעסערע טענות צו אויסלענדערן ?״. ד.ה. — ער האָט נישט פאַרטיידיקט פעפערן, ער האָט מיר בלויז דערמאָנט, אַז ס׳זענען געווען ערגערע פון אים.

אין שלום אַש־הויז האָט ער אומבאַדינגט געוואָלט האַלטן אַ רעפעראַט. ער וויל נישט קיין האָנאָראַר, ער וויל בלויז האָבן די מעגלעכקייט פון דער טריבונע, פאַר אַ גרויסן עולם (און ס׳איז טאַקע

געווען גאָר אַ גרויסער עולם אינעם גאָרטן פון הויז) צו רעדן אויף דער טעמע, וועגן וועלכער ער קעמפט שוין זינט קנאַפע פירצענדליק יאָר: „שלום אַש, דער פערטער קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור".

דער אמת איז טאַקע, אַז צום 25סטן ליטעראַרישן יובילײ פון ש. אַשן האָט נ. מייזיל — אין אַ ספּעציעלער בראָשור וועגן אַשן — אַרויסגערוקט דעם פאָרשלאָג צו קרוינען אונדזער גרויסן פּראָזע־מייסטער ווי דעם פערטן קלאַסיקער פון דער יידישער ליטעראַטור. ער האָט דעם פאָרשלאָג אין משך פון יאָרן און יאָרן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ווידער איבערגעחזרט. „אין שלום אַשס הויז איז דאָס פּאַסיקסטע אָרט עס צו פּראָקלאַמירן" — האָט ער מיר געזאָגט.

און ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ישראל, איז ער גאָר אַן אָפטער גאַסט געוואָרן אין שלום אַשס הויז. „איך זאַמל מאַטעריאַלן אויף אָנצושרייבן אַן אויספירלעכע מאָנאָגראַפיע וועגן אַשן" — האָט ער מיר געזאָגט. ער האָט אַפילו פאָרגעשלאָגן, אַז די מאָנאָגראַפיע זאָל דערשיינען אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון שלום־אַש־הויז. דאָס געלט וועט ער שוין שאַפן — ער וויל בלויז דעם נאָמען און מיר האָבן מסכים געווען אים צו געבן דעם נאָמען. ליידער האָט ער די מאָנאָגראַפיע נישט פאַרענדיקט. ער האָט אייניקע ביכער אַרויסגעגעבן אין די לעצטע יאָרן אין ישראל — די מאָנאָגראַפיע האָט ער אָבער נישט באַוויזן צו פאַרענדיקן. די סיבה איז מיר נישט באַקאַנט, כאָטש אין ישראל האָט ער דאָך געהאַט אַלע מעגלעכקייטן — פיזישע און גייסטיקע — דאָס צו טון.

אייגנטלעך איז ישראל זינט יאָרן געווען זיין צווייטע היים. דאָ האָבן זיך נאָך אין צווישנמלחמה־פּעריאָד געהאַט באַזעצט זיינע עלטערן און זיין פרויס, כיענעס עלטערן, דער פּאָפּולערער תל־אביבער רב אַראָנסאָן; דאָ האָט אַ ליבע יידיש־יידישע היים געפירט זינט אַ סך יאָרן זיין שוועסטער גיטל מייזיל־בן־חיים, די פיינע עסייאיסטין און קריטיקערין, דער ליבהאַרציקער פריינד פון שאַפערישע יידישע מענטשן; דאָ זענען דערצויגן געוואָרן זיינע צוויי זין, וועלכע זענען

געווען פון די גרינדערס פון קיבוץ אַלונים, און דאָרט אין קיבוץ זענען געוואַקסן די אייניקלעך. לסוף, זיין פרוי כיענע האָט אולטימאַ־טיוו געשטעלט די פראַגע: זי בלייבט נישט מער אין ניו־יאָרק, זי באַזעצט זיך אין ישראל.

נחמן מייזיל האָט זיך לאַנג געקווענקלט. באַזעצן זיך אין ישראל הייסט: אויפגעבן דעם „איקוף", וועלכער וועט אין גאַנצן אַריינפאַלן אין הענט, וואָס וועלן אים פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרטייאישן צובוי; רעזיגנירן פון „יידישע קולטור" — דעם חודש־זשורנאַל, וועלכן ער האָט 25 יאָר רעגולער רעדאַגירט; פון פאַרלאַג.

אָבער ביי משפחה־מיטגלידער האָב איך געהערט, אַז דער תמיד רירעוודיקער נחמן, איז שוין ווייט נישט אַזאַ גיבור, אַז ער איז שוין איבערגעקומען אַ האַרץ־אַטאַק און האָט זיך איינגעהאַנדלט אַ האַרץ־פעלער; אַז ער וויל זיך נאָך טאַקע האַלטן יונג (ער האָט געטענהט, ווען ער איז געווויר געוואָרן, אַז כ'בין שוין אַ בן ששים: „וואָס האָט מען אַזוי קיין צייט נישט? וואָס יאָגט מען זיך אַזוי מיט די יאָרן?"), נייערט ער איז שוין אַ פינף־און־זיבעציקער (קיין יובילייען האָט ער זיך נישט געלאָזט פראַוּוען, טאָמער — אַן עין־הרע); שוין צייט זיך אָפּצורוען. לסוף — איז ער מסכים געווען.

אין דעם בליענדיקן קיבוץ אלונים, אויף די שיפּועים, וואָס קוקן אַראָפּ צום עמק יזרעאל, אין דער סביבה פון אַלטע דעמבעס און יונגע פרוכטן־ביימער, איז אויפגעבויט געוואָרן אַ שיין, רחבותדיק הויז פאַר נחמנען און כיענען. די גרעסטע טייל פון הויז איז פאַר־נומען דורך דער ביבליאָטעק זיינער. טויזנטער און טויזנטער ביכער, הונדערטער מיט די וואָרעמסטע דעדיקאַציעס, צענדליקער — פון אים געשריבענע.

און ער איז געוואָרן דער באַליבטער סבא נחמן פון אלונים — דער סבא פון זיין אייניקל, פון אַנדערע קינדער אין קיבוץ. נייערט — רוען האָט ער נישט געוואָלט. געשריבן, רעדאַגירט, געפאָרן אין פאַרשידענע שטעט. געהאַט שאַפערישע פריידן און עגמת־נפשן. צו די גרעסטע — אַ געוויסער קליינלעכער סקאַנדאַל אַרום דעם

אַרויסגעבן באַראַכאָווס „יידישע שפּראַך־פאָרשונג און ליטעראַטור־געשיכטע".

ער האָט שטאַרק איבערגעקרענקט דעם פאַקט, וואָס אין דער דעלעגאַציע צום דערלאַנגען דאָס בוך דעם פּרעזידענט שזר מצד דעם פּרץ־פאַרלאַג האָט מען אים נישט פאַרבעטן. ער, וועלכער פלעגט זיך בדרך־כּלל אויף גאָרנישט באַקלאָגן, האָט זיך אייניקע מאָל באַקלאָגט פאַר מיר צוליב דער עוולה, וואָס ווערט אים אָפּ־געטון מיט אַזאַ באַציונג.

דאָס האָט אָבער לחלוטין נישט צו טון מיטן פון אָנהייב צי־טירטן נאָטיץ אין „יידישע קולטור", אַז „יידישע שרייבער האָבן באָיקאָטירט זיין לוויה". דאָס איז אַ בפירושער, בייזוויליקער שקר. יידישע שרייבער — נישט געקוקט אויף די שוועריקייטן פון אַ רייזע קיין אלונים — זענען אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער צאָל געווען אויף דער לוויה. בינעם העלער האָט אים מספּיד געווען מיט אַן איינדרוק־פול, רירנדיק ליד. אין שרייבער־פאַראיין אין תּל־אביב — און אין דער אָפּטיילונג אין חיפה — האָט מען אים מספּיד געווען, אויסגעע־דריקט דעם גרויסן ווייטיק און טרויער, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע שרייבער־משפּחה צוליב דעם פאַרלוסט. וואָרים דאָס איז געווען אַן אויפריכטיקער טרויער און אַ גרויסער פאַרלוסט.

קורץ נאָך זיין אַריינטריט אין 80סטן לעבנס־יאָר, האָט ער זיך נאָך אַלץ געריסן צו טון. ער האָט נאָך געוואָלט אַרויסטרעטן אין חיפה אויף אַן אָוונט לכּבוד ישעיהו שפּיגל און ערב דעם אָוונט — געטראָפן געוואָרן פון אַ בלוט־אויסגוס אין מוח. זיין מעכטיקער אָרגאַניזם האָט זיך נאָך אַ שיינע פאַר טעג געראַנגלט, נישט גע־וואָלט זיך אונטערגעבן, זיך געריסן צום לעבן, צום שאַפן; דער טויט האָט אָבער גובר געווען. און ס'איז געבליבן ביי אונדז אַ ווייטיקלעך, פּוסט אָרט נאָכן אָוועקגיין פון נחמן מייזיל, דעם ליבן, באַליבטן, אפילו פון די, וואָס האָבן אים באַקעמפט, נישט מסכּים געווען מיט אים, אָדער נישט פאַרגונען אים זיין ברייט־קוואַליעדיקע טעטיקייט.

און נישט וויכטיק איז געווען פאַר אונדז אַלע, פאַר דער גאַנ־צער שרייבער־משפחה, וואָס נחמן מייזיל איז געווען מער: קריטיקער, צי ביבליאָגראַף; פובליציסט, צי עסייִסט; מעמואַריסט, צי רעדאַק־טאָר; אָרגאַניזאַטאָר, צי אינספּיראַטאָר.

ער איז געווען, ווי שוין דערמאָנט, אַ גאַנצע אינסטיטוציע אין גאָר דעם יידישן לעבן און שאַפן — אַ שטיק לעבעדיקע יידישע קולטור פון אונדזער דור.

בערל מאַרק — אַן אייביקער ייד

1

אפּיציעל איז ער געווען פּראָפעסאָר פון דער געשיכטע פון ייִדן אין פּוילן אויפן וואַרשעווער אוניווערסיטעט, מיטגליד פון דער פּוילישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, דירעקטאָר פון ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. פריער נאָך — שעף־רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „דאָס נייע לעבן", מיטגליד פונעם פּרע־זידיום פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד און פאַרזיצער פונעם ייִדישן שרייבער־פאַראיין אין פּוילן. אין ראַטנפאַרבאַנד — וויצע־פאַרזיצער פונעם ייִדישן קאָמיטעט ביי דער הויפּט־פאַרוואַלטונג פו־נעם פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן אין מאָסקווע, מיטגליד פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט אין ראַטנפאַרבאַנד. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פונעם ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין וואַרשע — ער האָט דאַן געאַרבעט ווי אַ טעכנישער מיטאַרבעטער און נאַכט־רעדאַקטאָר אין דער צייטונג „מאָמענט" — און גלייכצייטיק: געשריבן קריטיק אין דער קאָמוניסטישער „ליטעראַרישער טריבונע", געווען אַ טוער און לעקטאָר פון ייִדישן ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן (ביזן פאַנאַנדערלאָזן די פּאַרטיי דורכן קאָמינטערן) — דערביי תּמיד און אומעטום אינערלעך געווען און פאַרבליבן בער מאַרק (אָדער ריכטיקער: בערל), כאָטש מ'האָט אים מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט צו פאַרוואַנדלען אין בערנאַרד, וואָס ער האָט סוף־כּל־סוף געמוזט אָננעמען אונטער אַ שווערן דרוק, ווען ער איז געוואָרן אַ מיטגליד אין וואַרשעווער שטאָטראַט, אין זיין אויסגע־

חלומטן „פאָלקס־פוילן“ וועלכן ער האָט אָוועקגעשאָנקען אַלע רייפע יאָרן פון זיין לעבן. ער — דער זשורנאַליסט, פובליציסט, עסייאיסט, קריטיקער, היסטאָריקער, פאָרשער, געזעלשאַפטלעכער טוער און — וואָרעמער יידישער מענטש, דער אייביקער און אומעטומיקער ייד. צו 58 יאָר איז איבערגעריסן געוואָרן ענדגילטיק זיין אינטענסיוו שאַ־פעריש, פול מיט אויפטוען און געראַנגלען, אַנגעזעטיקט מיט פאַר־דינסטן, קאָמפּליצירט לעבן.

אַ געבוירענער אין לאָמזשע אין יאָר 1908, אַ קינד פון אַ לומדי־שער משפחה, דערצויגן אין אַ יידיש־נאַציאָנאַלן און טראַדיציאָנעל־רעליגיעזן גייסט (זיין פאָטער, צבי הערש, איז געווען אַ באַקאַנטער „מזרחי“־עסקן און אַ געוויסע צייט — ראש הקהל), איז ער שוין אויף דער גימנאַזיע־באַנק צוגעשטאַנען צו דער קאָמוניסטישער יוגנט־באַוועגונג, להיפוך צו זיין עלטערן ברודער, אהרן, וועלכער איז געווען אַ לינקער פועלי־ציוניסט. אהרן (געשטאָרבן אין ווילנע, ווו ער איז געווען ליטעראַטור־לערער אין דער יידישער גימנאַזיע און לערער־סעמינאַר אין יאָר 1938 — צו 34 יאָר) — אַ באַקאַנטער קריטיקער, עסייאיסט, איבערזעצער (אַנגעהויבן ווי אַ שטורמיש־אַוואַנגאַרדיסטישער דיכטער) האָט אַפּנים משפיע געווען אויף זיין יינגערן ברודער, וועלכער איז פון באַרוף געווען אַ היסטאָריקער, ער זאָל זיך אויך פאַראינטערעסירן מיט ליטעראַטור. נייערט אין תוך איז בערל געבליבן אַ היסטאָריקער. פון בילדונג: אַ יוריסט, — האָט ער אין די סטודענטישע יאָרן נאָך, ווען ער האָט געאַרבעט (כדי זיך אויסצוהאַלטן און בילדן) ווי אַ לערער און זשורנאַליסט, אַ סך זיך אָפּגעגעבן מיט פאָרשן געשיכטע. אַנזעעוודיקע פרוכט דערפון איז געווען זיין בוך „די געשיכטע פון דער פוילישער אַרבעטער־באַוועגונג“ (1936) און צוויי בענד „געשיכטע פון סאָציאַלע באַוועגונגען אין פוילן“ (אַרויסגעגעבן אונטערן פּסיידאָנים ב. אַראָנסקי).

ס׳דערמאָנט זיך מיר, ווי בעת אונדזער וויילן אין ביאַליסטאָק, אין יאָר 1940, ווען ער האָט געאַרבעט אין „ביאַליסטאָקער שטערן“, האָט ער מיר מיט פרייד דערציילט, אַז ער ווערט שוין פּטור פון דער

שטערבלעך־־לאַנגווייליקער זשורנאַליסטישער אַרבעט — ווער עס איז געווען נענטער באַקאַנט מיט דער סאָוויעטישער זשורנאַליסטיק, דער קאָן פאַרשטיין ווי באמת לאַנגווייליק און עקרדיק די דאָזיקע אַרבעט איז געווען — וואָרים מ׳האָט אים פאַרבעטן צו ווערן אַ וויסנשאַפט־לעכער מיטאַרבעטער פון דער יידישער סעקציע ביי דער ווייסרוסי־שער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. „דאָרט וועל איך אפשר קאָנען אַ ביסל אויפלעבן — האָט ער זיך געפרייט — עפּעס אויפטון״ (כאָטש אין דעם פּרט האָט ער זיך גאָר גיך ביטער אַנטוישט). נייערט איין מעלה: ווידער זיך דערנענטערט צו דער באַליבטער אַרבעט — גע־שיכטע, פאָרשן. דאָס האָט אים אַ שטויס געטון אָנצושרייבן (נאָך אין יאָר 1944) די ערשטע אַרבעט וועגן אויפשטאַנד פון וואַרשע־ווער געטאָ (דערשינען אין מאָסקווע — אין פּויליש): נאָך דער מלחמה — די פאַרנעמיקע ביכער וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ: ״חורבות דערציילן״ און די שפּעטערדיקע — אין יידיש, פּויליש, ווי אויך איבערגעזעצט אין אַ צאָל אַנדערע שפּראַכן; דאָס בוך וועגן אויפשטאַנד אין ביאַליסטאָקער געטאָ, אַנדערע ביכער וועגן יידישן חורבן, גבורה און ווידערשטאַנד, אַ צאָל בענד געשיכטע פון יידן אין פּוילן און אַנדערע היסטאָריאָגראַפיש־ליטעראַרישע אַרבעטן.

גלייכצייטיק מיט דער היסטאָריאָגראַפיע, איז ער געווען גוואַלדיק פּרוכטיק אויפן געביט פון קריטיק (ליטעראַטור און טעאַטער) און עסיי, פּובליציסטיק און רעפּאָרטאַזש — נישט געווען צורו געלאָזט קיין איין פּען־געביט. ס׳זענען דערשינען זיינע קלענערע און גרעסערע אַרבעטן אין בוך־פאָרם: ״אויפן קבר פון צבי־הירש גרעץ״ (אַן עסיי), ״די יידישע טראַגעדיע אין דער פּוילישער ליטע־ראַטור״, ״די אומגעקומענע שרייבער פון געטאָס און לאַגערן״, ״וויקטאָר הוגאָ״, „אַדאַם מיצקעוויטש און די יידן״; אין פּויליש זענען דערשינען זיינע אַרבעטן וועגן פּרצן, שלום־עליכמען, ווי אויך געשיכטלעכע אַרבעטן און עסייען.

אַ פענאָמענאַלער זיכרון, אויסערגעוויינלעכע אַרבעט־פעיקייט — 5 פאַרטאָג האָט מען אים שוין געקאָנט טרעפן ביים שרייבטיש —

און אַ נישט־געשטילטער דראַנג צו שאַפן, צום אויסדרוק־ברענגען זיין אינערלעכע הויכע וועלט, דעם אייביקן פלאַם, וואָס האָט אין אים געברענט. דאָס האָט כאַראַקטעריזירט בערלען פון די יונגע יאָרן אָן. דאָס האָט אים דערמעגלעכט צו זיין טעטיק אפילו אין די לעצטע יאָרן, ווען ער איז כמעט — אָדער פולשטענדיק — בלינד געוואָרן, צוגאָבלעך צו די אַנדערע קראַנקייטן, מיט וועלכע זיין אָרגאַניזם איז געווען פול.

אַן אויסגעצייכנטער רעדנער, פול מיט הומאָר און געדאַנקען־אויפבליצן; אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן פון בעסטן טיפּ יידישע געזעלשאַפטלעכע טוערס; אַ רעוואָלוציאָנער פון אידעישער איינ־שטעלונג און וועלט־באַנעם, איז ער אין אַלע סיטואַציעס און ביי אַלע באַדינגונגען פאַרבליבן אַ הייסער נאַציאָנאַלער ייד, אַ צוגעבונ־דענער צו אַלע פּראָגרעסיווע יידישע טראַדיציעס, אַ פאַרליבטער אין אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג, אין אונדזער מדינה. בערל מאַרק איז געווען אַ ווולקאַן פון שטרעבן און אויפברויזן — אַ נישט־פאַר־לאָשענער ווולקאַן ביז די לעצטע טעג פון זיין לעבן.

2

ס'איז געווען זומער 1926 ווען מיר האָבן זיך צום ערשטן מאָל באַגעגנט. באַקענט האָבן מיר זיך צופעליק אין אַ וואַרשעווער טראַמווייַ. באַקענט האָט אונדז מאַרקס אַ לאַנדסמאַן, ליבער מושינסקי.

כדאי צו דערמאָנען דעם דאַזיקן ליבער — אַן אויסערגעוויינלעך באַגאַבטן יונגערמאַן, אַ טראַגישע געשטאַלט, וואָס איז געווען מיט איר אינערלעכער צעשפּאַלטנקייט אפשר טיפּיש פאַר גרויסע טיילן פון דער יונגער יידישער אינטעליגענץ אין פוילן אינעם צווישנ־מלחמה־פעריאָד.

די מושינסקיס, דאָס איז געווען אַ משפּחה פון לאָמזשער יידישע רעוואָלוציאָנערן (געווען אייניקע אָזעלכע, אַ שטייגער: די ברידער גייסט). די עלטערע מושינסקיס זענען געווען סאָציאַל־דעמאָקראַ־

טישע קעמפערס נאָך פון יאָר 1905, אויסגעדינטע תפיסהניקעס פון די צאַרישע, דייטשע און לסוף — פּוילישע תפיסות.

מיט ליבערן האָב איך זיך באַקענט אין 1925, גלייך ווי ער איז אַרויס פון תפיסה נאָכן אָפּזיצן אייניקע יאָר, ווי אַ פירנדיקער טוער פון „קאָמצוקונפט", דוכט זיך. ס'איז געווען ערב ערשטער מאַי און ער האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, ווייל צום ערשטן מאַי פלעגט די פּאָליציי „רייניקן" די שטאָט פון אַקטיווע קאָמוניסטן. איך בין דאַן נאָך געווען אַקטיוו אין דער פּועלי־ציון (צ.ס.־יוגנט. כ'האָב געוווינט ווי אַ סובלאָקאַטאָר (פון דער היים בין איך אַוועק כדי נישט צו זיין קרעמפּירט אין מיינע האַנדלונגען) אין אַ באַשיידן צימערל אויף נאַוואָליפּקי, ווייט פון מיינע עלטערנס וווינונג (אויף זלאָטע). אַ גע־וויסן אָוונט איז ער אַרויפגעקומען צו מיר און אָן שהיות געמאָלדן: „כ'האָט מיך אַהערגעשיקט די קליינע רוטקע. כ'מוז וווינען אַ געוויסע צייט ביי דיר. דו ביסט נישט פּאַרדעכטיק, נישט רעגיסטרירט אין דער דעפענסיווע, וועט מען מיך דאָ נישט טשעפּען". און ער איז פאַרבליבן אין מיין צימער קיילעכדיקע מעת־לעתן, געשלאָפן מיט מיר אויף איין אייזערן בעטל, וואַכנלאַנג.

געגעבן צו דערציילן וועגן זיין ווייטערדיקן גורל וואָלט צו פיל אַרט פאַרנומען: תפיסות, קאַרטוז־בערעזע (מ'האָט אים גערופן „דער לעבעדיקער דענקמאָל פון בערעזע", ווייל ער איז געווען דער עלטס־טער פענסיאָנער פון פּוילישן קאָנצענטראַציע־לאַגער) — און אומע־טום איז ער געווען אָפּגעשניטן פוןביידע וועלטן: די פּאָליטישע פּאָליציי האָט אים פאַרפאָלגט ווי אַ באַקאַנטן קאָמוניסט (אַ צייטלאַנג איז ער געווען סעקרעטאַר פון צ.ק. פון דער קאָמוניסטישער יוגנט אין פּוילן); די קאָמוניסטן האָבן אים באַיקאָטירט — ביזן נישט אַריינ־נעמען אים אין דער תפיסה־קאָמונע — ווי אַן „אָפּנויגלער". אומ־געקומען איז ער אין יאָר 1943 אין אוישוויץ, ווו ער איז דעפּאָר־טירט געוואָרן פון פראַנקרייך (אַהין איז ער אַוועק אין 1939, נאָכן באַפרייען פון בערעזע).

אָט דער דאָזיקער ליבער האָט מיך אין אַ טראַמוויי באַקענט

מ׳יט אַ יונגערמאַן אין ברילן, זיינעם אַ לאַנדסמאַן: באַקען זיך, דאָס איז בערל, דיין גוטן פריינדס אהרן מאַרקס ברודער. אַ מאַטוריסט פון לאַמזשע, דאַרף אַנקומען אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט״.

דאָ — ווידער אַ שטיקל דיגרעסיע: אין יאָר 1924, ווען כ׳בין געווען סעקרעטאַר פון צ. ק. פון דער צ.ס.־יוגנט, בין איך אַראָפּגע־פאָרן אויף אַ מיטינג קיין לאַמזשע. אָפּאָנירט האָט מיר אַ סטודענט פון די לינקע פועלי־ציון, אהרן מאַרק. פון וואָרט צו וואָרט — מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו זידלען. איך האָב זיך דערביי פאַרגאַלאָפּירט און אָנגעהויבן צו רעדן מער רעוואָלוציאָנער פאַר מאַרקן. די געהיים־פּאָליציי האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ באַריכט וועגן דעם און אַ צייט שפּעטער האָב איך געהאַט אין לאַמזשע אַ פּראָצעס פאַר אַן „אַנטי־מלוכהשן אַרויסטריט״ (געראַטעוועט האָט מיך אַן אמנעסטיע).

פון לאַמזשע האָב איך דאַן מיטגעפּירט אַן עקזעמפּליאַר פון דאָרטיקן ליטעראַרישן זשורנאַל „טייפון״, רעדאַגירט פון אהרן מאַרק. אין דעם זשורנאַל האָט ער זיך פּראָדוצירט מיט זיינע אַוואַנ־גאַרדיסטישע לידער — אַ שלעכטע נאָכמאַכונג פון א. צ. גרינבערגס „מעפיסטאָ״. האָב איך זיך מיט אים אָפּגערעכנט דורך אַ רעצענזיע אין „באַפרייונג״ — ממש אַ פּאָגראָם־רעצענזיע. א. מאַרק האָט אָפּנים געוואָרט אויף אַ געלעגנהייט זיך צו רעוואַנזשירן און די געלעגנהייט איז אים אונטערגעקומען: דאָס דערשיינען פון מיין איבערזעצונג פון יוליוש סלאָוואַצקיס פּאָעמע („דזשומע״). ביי דער געלעגנהייט האָט ער מיר אין אַוואַנס דערלאַנגט פאַר דער אָנגע־זאָגטער איבערזעצונג פון קראַשינסקיס „אירידיאָן״. מיר זענען גע־ווען, ווי מ׳פלעגט זאָגן אין וואַרשע, אויף מעסער־שטעך (אייניקע יאָר שפּעטער, ווען ער איז שוין געוואָרן אַ ווילנער, האָבן מיר זיך איבערגעבעטן און פאַרבליבן פריינד). האָט ליבער מורא געהאַט כ׳זאָל נישט אויסלאָזן דעם כעס צו בערלען, אהרנס ייִנגערן ברודער. „ער איז אין גאַנצן אַנדערש פון זיין ברודער״ — האָט ער מיר פאַר־זיכערט. סיי בערל, סיי איך — מיר האָבן זיך האַרציק צעלאַכט פון ליבערס פּחד.

אַ פּאָר יאָר שפּעטער — כ'בין אַוועק אויף לינקס, אינעם „רויטן" אַקטיאָרן־קאַמערל, ווו ס'איז געפירט געוואָרן אַן אינטענסיווע פּאָליטיש־אידעישע אויסבילדונג. אונדזער לעקטאָר איז געווען דער סעקרעטאָר פון יידישן ביוראָ פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — אַ זעלטענער מענטש, פּאָליטיש־אויסגעהאַמערט דורך אַ סך יאָרן תפיסה, דערביי צאַרט, געצוימט און שטאַרק מענטשלעך — דער פּאַרטיי־טוער און זשורנאַליסט דוד ריכטער (אומגעקומען אין יאָר 1941 אין סלאָנים,ביים לויפן פון די דייטשן). אַ געוויסע צייט האָט מען אונדז אָבער אָנשטאָט ריכטערן געשיקט אויפן באַשטימטן פּונקט — אַ באַוואָפנטן מיט אַלע פּאַראָלן — אַ פרישן לעקטאָר. דאָס איז געווען בערל מאַרק. ער איז שוין דאַן געווען אַ פּאַרענדיקטער יוריסט, אָבער דערווייל זיך פאַרנומען מיט לערערײַ. מאַרק האָט גיך געפונען אַ בשותפותדיק לשון מיט אונדז — אַ שווערן, אינדיווידואַליסטישן עלעמענט פון האַלבע, אָדער גאַנצע באָהעמיענס — אפשר לייכטער, ווי דוד ריכטער. און אַ סך בעסער פון אַ שפּעטערדיקן לעקטאָר, אויך אַן אָנגעזעענעם טוער, משה לעווין, וועלכער האָט געהאַט אַ צונאָמען „משה בטלן" (אַן אינטערעסאַנטע געשטאַלט פאַר זיך, אַ גייענדיקע ענציקלאָפּעדיע. אומגעקומען אין 1942 אויפן „טרודפראָנט" אין אוזבעקיסטאַן. קורץ פאַרן אומקום האָט ער זיך געפרייט אין מיין סאַמאַרקאַנדער שטיבל: „כ'וועל עפּעס ביישטייערן צום פראָנט").

פערזענלעך איז מיר ווייניק אויסגעקומען צו געניסן פון בערל מאַרקס לעקציעס. אין יענע יאָרן האָב איך אַ סך אַרומגעוואַנדערט, מערסטנטייל געווען אין אויסלאַנד — וואַרשע איז פאַר מיר געווען אַ זייטנשפּרונג דאַן. ערשט ווען איך בין צוריקגעקומען פון טשעכאָסלאָוואַקיי, ווען די פּאַרטיי איז געווען פאַנאַנדערגעלאָזט, האָב איך זיך ווידער געטראָפן מיט בערל מאַרקן. ער איז געווען נאַכט־רעדאַקטאָר אין „מאָמענט" — איך האָב אין דער זעלבער צייטונג געדרוקט רעפּאָרטאַזשן פון טשעכאָסלאָוואַקיי. ס'איז אונדזביידן געוואָרן דערלויבט — די פּאַרטיי איז געווען פאַנאַנדערגעלאָזט.

3

בקרוב האָבן מיר זיך ווידער באַגעגנט: ביאַליסטאָק, סוף 1939 — סאָוויעטיש ביאַליסטאָק. מיר האָבן זיך באַגעגנט אין טעאַטער, אין שרייבער־פאַראיין, אין רעדאַקציע „ביאַליסטאָקער שטערן", אויף די שפּאַלטן פון דער צייטונג. איך בין דאָרט צייטנווייז געווען אַ גאַסט; ער — אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער, וועלכן מ׳האָט געהאַלטן פאַר אַ פרעמדן. מ׳האָט צו אים קיין צוטרוי נישט געהאַט: אַ נאַציאָנאַליסט, געווען אַ מיטאַרבעטער פון אַ בירגערלעך־פאַשיסטישער צייטונג... אין סאָוויעטישע באַדינגונגען, אַז מ׳האָט אימיצן געוואָלט פּסלען, האָט מען געפונען גענוג תירוצים. ווער שמועסט, אַז מ׳האָט געוואָלט פּטור ווערן פון אַזאַ קאָנקורענט, ווי בערל מאַרק — אַ רוטינירטן זשורנאַליסט און הויך־אינטעליגענטן מענטש, צווישן אַ כאַפּטע לאָ־יוצלחס און עם־הארצים — מעג מען דאָך אפילו פון פינגער אויסזייגן תירוצים, ס׳איז געווען אין הסכם מיט דער סטאַלין־תורה... ער האָט אָבער געהאַט גליק — מ׳האָט אים אַרויס־גערופן קיין מינסק, פאַרבעטן מיטצואַרבעטן אין דעם יידישן אָפּטייל פון דער ווייסרוסישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע. מיר דוכט זיך, אַז ער האָט עס געהאַט צו פאַרדאַנקען יאַקוב בערמאַנען, וועלכער איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון אַ פּוילישער טאָג־צייטונג אין מינסק.

יאַקוב בערמאַן — אַ שיינע פאָר יאָר עלטער פאַר מאַרקן — איז אין געוויסע פּרטים געווען ענלעך צו אים. צו די קאָמוניסטן איז ער געקומען פון דער לינקער פּועלי־ציון־סטודענטשאַפט. ער איז אויך געווען אַ יוריסט, היסטאָריקער (מיטרעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע „דער יונגער היסטאָריקער", מיט ד״ר ע. רינגעלבלום, ד״ר ר. מאַהלער), זשורנאַליסט (מיטאַרבעטער פון דער יידישער טעלעגראַפן־אַגענטור) און קאָמוניסטישער טוער. ביז דער מלחמה איז ער אין פּוילן געווען אַקטיוו צווישן דער אַרבעטלאָזער אינטעלי־גענץ. אין מינסק האָט ער אָנגעהויבן עולה לגדולה צו זיין. נאָך דער מלחמה איז ער אין פּוילן געוואָרן „די גרויסע עמינענץ". ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַ וויץ, אַז דער פּרעזידענט ביערוט איז קראַנק

געוואָרן אויף אַ גרויסקייט־מאַניע. ער גייט אַרום און טענהט: „איך בין בערמאַן, איך בין בערמאַן...״ אַזוי שטאַרק איז געווען בערמאַנס פּאָזיציע אין יענע יאָרן. מ׳האָט געשמועסט, אַז ער האָט אַ דירעקטן טעלעפאָן מיט מאַלאַטאָוון, צי גאָר מיט סטאַלינען. ביז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן זיין באַרג־אַראָפּ, נאָך ביערוטס זעלבסמאָרד (אָדער דערמאָרדונג), נאָכן צוואַנציקסטן צוזאַמענפאָר אין מאָסקווע.

צום שבח פון בערמאַנען דאַרף געזאָגט ווערן, אַז ער האָט געהאַט אַ חברישע באַציונג צו זיינע פריערדיקע באַקאַנטע חברים. אַפילו ווען ער איז גאָר הויך געשטאַנען. איך האָב עס געפילט אויף מיין אייגענער הויט, בעת ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע צרות אין פוילן, אין יאָר 1949. באַזונדערס אָבער — אין ביאַליסטאָק, אין אָנהייב פון דער סאָוויעטישער תקופה, ווען בערמאַן איז געווען רעדאַקטאָר פון די יידישע און פוילישע אוידיציעס אין ראַדיאָ. ער האָט מיך מקרב געווען, געגעבן אייניקע שאַנסן אַרויסצוטרעטן אין ראַדיאָ, וואָס איז געווען אַן ערנסטע מאַטעריעלע הילף און אַ פאַרשטאַרקונג פון מיין געזעלשאַפטלעכער פּאָזיציע. פאַר בערל מאַרקן, מיט וועלכן ער איז געווען אַ סך נענטער ווי מיט מיר, האָט ער אַ סך מער געטון. איך בין זיכער, אַז מיט זיין הילף האָט מען מאַרקן, נאָכן אויסברוך פון דער דייטש־סאָוויעטישער מלחמה, אַרויסגעשלעפּט פון דער עוואַקואַ־ציע אין סאַראַטאָוו — קיין קויבישעוו, אינעם אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט; דערנאָך קיין מאָסקווע.

אין מאָסקווע האָב איך זיך טאָקע ווידער באַגעגנט מיט בערל מאַרקן אין יולי־אויגוסט 1945. ער איז געווען דאָרט אַ דיגניטאָר — אַנטיפאַשיסטישער קאָמיטעט, וויצע־פּאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט — וועלכער האָט געוווינט אין „גאָסטיניצאַ מאָסקוואַ״ (אמת — אין איין צימער מיט דוד ספאַרדן, צוזאַמען מיט יידע פרויען) און פאַרבליבן דער זעלבער בערל מאַרק, דער פשוטער, חברישער, יידיש־וואָרעמער.

ווען איך בין צוריקגעקומען קיין פוילן איז שוין מאַרק זינט הדשים געזעסן אין לאָדזש, געווען דער שעף־רעדאַקטאָר פון „דאָס

נייע לעבן". איך בין געקומען קיין לאָדזש ערשט אויפן ערשטן נאָכמלחמהדיקן אַרטיסטן־צוזאַמענפאָר — גלייך נאָכן קעלצער פּאָגראָם. די פּאַרטיי האָט מיך דאַן באַשטימט כ'זאָל ווערן דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון די יידישע קאָמיטעטן אין נידערשלעזיע — צוגאָבלעך צום זיין רעדאַקטאָר פון די צייטונגען „נאָווע זשיטשיע" און (נאָכן איינאָרדענען אַ יידישע דרוקעריי) „נידערשלעזיע", צוגאָבלעך צו דער אַרבעט אין נידערשלעזישן יידישן טעאַטער.

ס'איז געווען אַ צייט פון הויכער שפּאַנונג אינעם יישוב. איבער דער גרענעץ זענען יעדע נאַכט געלאָפן טויזנטער יידן. דער באַלעבאָס פון דער גרענעץ איז געווען אַנטעק (צוקערמאַן), די בריחה. דער נייער, בליענדיקער, פּאָלקסטימלעך־יידישער יישוב אין נידערשלעזיע האָט אויסגעזען ערב פּאַנאַנדערפאַל. לעבעדיקע שטיקער זענען פון אים טאָג־טעגלעך אָפּגעפאַלן — גאַנצע שטעטלעך זענען געלאָפן איבער דער גרענעץ, מיט די קאָמיטעטן, סטעמפּלען, קאַסעס.

— וואָס טוט מען, חבר מאַרק — האָב איך אים געפרעגט אַ פאַרצווייפלטער אין אַ שמועס אונטער פיר אויגן. מיט אים בין איך געווען פולשטענדיק אויפריכטיק, אויפריכטיקער ווי מיט מיינע שטוב־מענטשן. — צי האָבן מיר נאָך וואָס צו טון דאָ?

אַ פאַרטיפטער אין זיך האָט ער מיר געענטפערט, קוקנדיק אַרויף איבער די ברילן:

— איך רעד קיינעם נישט צו. יעדער דאַרף האַנדלען ווי ס'דיקטירט אים זיין האַרץ, זיין געוויסן. איך בלייב.

— וועט דען אָבער בלייבן דאָ אַ יידיש לעבן?

— איך האָף, אַז יאָ. מ'מוז אָפּהיטן די גאָלדענע קייט פון טויזנטיאָריקן יידישן לעבן אויף פּוילישער ערד. אויב נישט, וועט עס זיין אַ ניצחון פון טויטן היטלער, און פון זיינע לעבעדיקע פּוילישע נאָכגייערס.

אַזוי האָב איך דאַן אויך געגלויבט. דאָס האָב איך אים געזאָגט. האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— כ'וועל אייך זאָגן דאָס זעלבע, וואָס יאַקוב בערמאַן האָט

מיר געזאָגט אין מאָסקווע: „פון אייך וועט שוין קיין פּאָליאַק נישט ווערן״.

כ׳האָב געפילט צו מאַרקן אַן אויסערגעוויינלעכע נאָענטקייט — אין אויפנעמען פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, אינעם בליק אויף אַ סך דערשיינונגען. ווען מאַרק האָט אויף אַ יידישער באַראַטונג אין צ.ק. פון דער פּאַרטיי געלייענט זיינע טעזן וועגן יידישער אַרבעט און באַציונג צו פּראָבלעמען פון יידישן לעבן — ער האָט אין די טעזן געגעבן אַן אויסדרוק פון טיפער סימפּאַטיע צום דעמאָלטיקן גרויסן כוח פון יידישן יישוב אין ארץ־ישראל און זיין התפעלות פאַר די חלוצים — בין איך געווען פון די געציילטע, וואָס האָט פאַרטיידיקט זיינע טעזן. זיין עסיי „אויפן קבר פון פּראָפעסאָר צבי־הערש גרעץ״, וועלכן מ׳האָט נישט געוואָלט אַרויסגעבן אין אָפיציעלן לאָדזשער פאַרלאַג, האָב איך מיט עגיטן אַרויסגעגעבן אין אַ בראָשור, אין וראָצלאַווער פאַרלאַג „נידערשלעזיע״, פון וועלכן כ׳בין געווען דער רעדאַקטאָר.

ס׳דערמאָנט זיך, ווי מאַרק האָט מיך געלערנט — ווען אַן איינ־פּלוסרייכער חבר האָט געהאַט צו מיר טענות פאַר אַ רעצענזיע, וואָס כ׳האָב אָנגעשריבן — צופּאַסן זיך צו די באַדינגונגען:

— הערט אויף צו שרייבן וועגן די לעבעדיקע, אַ לעבעדיקער איז היינט כשר, מאָרגן קאָן ער ווערן טריף. טוט ווי איך, שרייבט וועגן טויטע.

ער האָט נאָך דאָן נישט פאַרויסגעזען, אַז אויך טויטע קאָנען טריף ווערן. אַ צייט שפּעטער האָט ער צוליב דעם געהאַט גענוג צרות, טאַקע פאַרן שרייבן וועגן טויטע...

מ׳האָט אונדזערע נעמען אָפט געבונדן ביים זוכן „אָפּנויגן״. ווען מ׳האָט „ליקווידירט״ גאָמולקאַ, — ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די קאָמפּאַניע קעגן קאָסמאָפּאָליטיזם, נאַציאָנאַליזם — בין איך שטאַרק געווען דערמיט, וואָס מ׳האָט אים גערופן „דער וואַרשעווער״ און מיך — „דער וראָצלאַווער יידישער גאָמולקאַ״.

נאָך מיין טוריסטן־רייזע קיין ישראל, ווען כ׳האָב געדרוקט מיינע

רעפּאַרטאַזשן אין אַ פּוילישן ליטעראַרישן זשורנאַל, איז ער — מיט י. בערגער־ברזלי — געווען די איינציקע, וואָס האָבן מיך פאַר־טיידיקט קעגן די אַנגריפן פון די אָפיציעלע פירערס פון יידישן לעבן אין פוילן. אייניקע חדשים שפּעטער, ווען ער אַליין האָט צום ערשטן מאָל באַזוכט ישראל, האָט ער אין זיינע אַרויסטריטן און רעפּאָרטאַזשן איבערגעשטיגן מיך אין זיין באַגייסטערונג.

4

אַן אומפאַרגעסלעכן סענסאַציאָנעלן עפּיזאָד פון אינטערנאַ־ציאָנאַלער באַדייטונג, איז מיר אויסגעקומען מיט בערל מאַרקן אי־בערצולעבן אין יאָר 1955 : ס׳איז געווען דער אַלפּוילישער צוזאַ־מענפאָר פון ליטעראַטן־פאַראיין — אַ צוזאַמענפאָר, אויף וועלכן די הערשנדיקע קרייזן האָבן געפּרוווט צו ראַטעווען דעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם, וואָס איז אַ שפּאָר ביסל צעטרייסלט געוואָרן אין פוילן. מאַרק איז געווען אַ דעלעגאַט פון וואַרשע, איך — פון וראָצלאַוו, ווו כ׳בין דאַן געווען וויצע־פאָרזיצער פון אַלגעמיינעם שרייבער־פאַראיין (אַלע יידישע שרייבערס האָבן געמוזט אַריינטרעטן אין די אַלגעמיינע פאַראייניען ; דער יידישער שרייבער־פאַראיין איז זינט עטלעכע יאָר געווען ליקווידירט). דער צוזאַמענפאָר איז — נאָך שטורמישע דיס־קוסיעס, — געשלאָסן געוואָרן מיט אַן אָפיציעלן ראָוט אין בעלוועדער־פּאַלאַץ, ביים פּרעזידענט ביערוט.

אין גרויסן זאַל פון בעלוועדער זענען אַרום לאַנגע טישן גע־זעסן די פּני און די, וואָס האָבן באַוויזן פריער צו קומען. אין שכנות איז געווען אַ קלענערער זאַל, ווו ס׳זענען געשטאַנען קליינע טיש־לעך. מאַרק האָט מיט מיר פאַרנומען אַ צווייפּערזאָניק טישל, גלייך ביים אַריינגאַנג אין גרויסן זאַל. אַקעגנאיבער אונדז, ביי אַ גרע־סער טישל, זענען געזעסן גדולים : מיניסטער סאָקאָרסקי, מיטגליד פון פּאָליטביוראָ מאַזור, גענעראַל־סעקרעטאַר פון שרייבער־פאַראיין פּוטראַמענט, ביערוטס „סעקרעטאַרין” וואַנדאַ גורסקאַ א. אַנד. פּוט־

ראַמענט האָט אַפילו אונדז פאַרבעטן צו זייער גרעסערן טיש (ער האָט אויף רוסיש זיך געוויצלט „מאַכט זיך נישט אַליין קיין געטאָ"), אונדז איז אָבער ליבער געווען צו זיין ביחידות. פון דאָרט האָבן מיר געקאָנט אָבסערווירן ביערוטן, ציראַנקעוויטשן, בערמאַנען און אַליין שמועסן יידיש.

כטוב לב המלך ביין, ווען אַלע זענען שוין געווען אונטערן גלעזל — די קעלנערס האָבן נישט געלאָזט רוען, כסדר אָנגעגאָסן און געהיט מ׳זאָל נישט פאַרגעסן אויסצולײדיקן די גלעזלעך בעת די טאָאַסטן — האָבן מיר פלוצלינג דערהערט אַ טומל פון גרויסן זאַל. פאַראינטריגירטע האָבן מיר אָנגעהויבן אַריינצוקוקן, וואָס קומט דאָרט פאָר, און מיר האָבן דערזען אַן אומגלויבלעך בילד: דער דיכטער וולאַדיסלאַוו בראָניעווסקי (וועלכער איז געווען פאַרזיצער פון צוזאַמענפאָר און געהאַלטן זיך אין איין קוויקן בעת די זיצונגען מיט בראָנפן; ער איז געווען באַקאַנט, ווי אַ קרענקלעכער שיכור), איז געזעסן ביי דער זייט פון ביערוטן און פון פרעזידענטס צווייטער זייט איז געזעסן דער פאַרשטייער פון סאָוועטישן שרייבער־פאַר־איין, דער רוסישער שרייבער קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו. פלוצלינג האָט בראָניעווסקי אָנגעהויבן צו קלאַפּן אין טיש, געוואָלט איינשטילן דעם טומל פון די אַרומיקע שמועסן. אַלע קעפּ האָבן זיך אויסגע־דרייט אין יענער ריכטונג. בראָניעווסקי האָט זיך אויפגעשטעלט וואַקלדיק און איבערן קאָפּ פון פרעזידענט ביערוט האָט ער געפּאַ־כעט מיט די הענט צו סימאָנאָוון, געשריגן אויפן גאַנצן קול:

— פאַרוואָס, פאַרוואָס האָט איר מיך איינגעזעצט? פאַרוואָס האָט איר מיך פאַרשיקט האָקן וועלדער אין סיביר?

פון זיינע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן. ציראַנקעוויטש האָט אים געפּרווט אָנוקזעצן — ס׳האָט אים גאָרנישט געהאָלפן. בראָ־ניעווסקי האָט זיך געריסן, געשריגן, געוויינט. סימאָנאָוו איז געזעסן אַ פאַרגליווערטער, נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל זיין פּאַיקע. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַ לאָז געטון פעסטע יונגען און אָנגעהויבן אַרויסצוטראָגן בראָניעווסקין (און ס׳איז זיי נישט לייכט אָנגעקומען).

פּראַנטשישעק מאַזור איז צו צו אונדז און צו אַנדערע טישלעך און אײדל אונדז אַרויסגעבעטן:

— גענוג אויף היינט, חברים. דער באַלעבאָס איז מיד. לאָמיר אַהיימגיין.

אַלע האָבן זיך וואָס גיכער אָפּגעטראָגן פונעם ראָוט.

איך ווייס נישט צי דער עפּיזאָד איז דורך אימיצן ערגעץ־ווו באַשריבן געוואָרן. כ׳פאַרשטיי, אַז די וואָס זענען געבליבן אין פּוילן, האָבן אים געמוזט פאַרשווייגן, זיך מאַכן אים פאַרגעסן. איך אַליין האָב עס אויך ביז איצט אין ערגעץ נישט פאַרעפנטלעכט. אָבער איצט, ביי דער דערמאָנונג פון בערל מאַרקן, מיין חבר־מיטאָנוועזנדיקער ביים עפּיזאָד, קאָן איך עס נישט פאַרשווייגן.

5

נישט איינמאָל האָבן מיר זיך קעגנזייטיק אַראָפּגערעדט פון האַרצן. אָן רמזים, מיט פולסטן קעגנזייטיקן צוטרוי, פולשטענדיק אָפנהאַרציק. זעלטן איז אונדז אויסגעקומען זיך צו אַמפּערן, צו פּאָלעמיזירן. און ווען עס איז יאָ אויסגעקומען, איז עס געווען הבריש, פריינדלעך, מ׳קאָן זאָגן: אין גוטן טאָן, נישט ווי ס׳איז בדרך־כלל געווען אין סאָוויעטישע, אָדער כמעט סאָוויעטישע באַדינגונגען — אַפילו צווישן חברים. אויב מיר האָבן געוואָלט פּאָלעמיזירן איינער מיטן צווייטן, האָבן מיר עס געטון לייכט, אָן גאַל — כאָטש ביי בערל מאַרקן אין פּאָלעמיק האָט נישט געפעלט קיין גאַל, וואָס האָט זיך אפשר נישט אַזוי אָנגעזען צוליב זיין געזונטן חוש פאַר הומאָר און וויציקייט אין רעדן. מיר האָט אויך נישט געפעלט קיין גאַל אין פּאָלעמיק — ס׳איז געווען אין אַ גרעסערער מאָס, ווי ביי מאַרקן, נייערט אָן זיין פיינעם הומאָר — ווען ס׳איז אָבער געקומען צו מאַרקן איז ביי מיר די גאַנצע גאַל אויסגערונען געוואָרן.

נישט צו פאַרגעסן איז די לעצטע עפנטלעכע פּאָלעמיק, וואָס

מ'ר האָבן געפּירט. ס'איז געווען אין נאָוועמבער 1956, אין די הייסע טעג פון „פּוילישן אָקטאָבער", ווען גאָמולקאַ איז צוריקגעקומען — צוריקגעשוווּמען אויף די כוואַליעס פון דער אַלגעמיינער פאַרביטערונג — צו דער מאַכט אין פּוילן, קעגן דעם ווילן פון כרושטשאָוון און זיינע דעמלטיקע מיטלויפערס. נישט ווייט פון אונדז, אין אונגאַרן, האָט זיך געגאָסן בלוט, — ס'איז געטראָטן געוואָרן די פרייהייט דורך דער מאַסע פון סאָוויעטישע טאַנקען — און מיר האָבן זיך געפּרווּט פריי אַראָפּצורעדן פון האַרצן, אין טיפן גלויבן, אַז „ביי אונדז קאָן עס נישט געשען". אין פּוילן בכלל און אויף דער יידישער גאַס בפרט.

אין זאַל אויף נאָוואָגראָדזקע 5, אין וואַרשע, איז פאָרגעקומען אַ פּלענאַרע זיצונג פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד פון די יידן אין פּוילן. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַ נעילה־זיצונג, אַז דער גאַנצער בנין קראַכט. איין חבר האָט אַפילו היסטעריש אויסגערופן „דאָס איז דאָס לעצטע קאַפּיטל פון טויזנט יאָר יידיש לעבן אין פּוילן". די אַטמאָספער איז געווען אָנגעהייצט — אַ היץ האָט געשלאָגן פון אַלעמען. איך האָב נישט געגלויבט, אַז דאָס איז שוין טאַקע דאָס לעצטע קאַפּיטל, כ'האָב אָבער געהאַלטן, אַז פאַר מיר פּערזענלעך דערנענטערט זיך דער סוף פּסוק. איך בין אַרויסגעטראָטן מיט אַ לענגערער רעדע, גערופן צו מאַכן אַ חשבון הנפש, אַנאַליזירן דעם וועג פון אונדזער באַוועגונג אין משך פון קנאַפּע 40 יאָר, רעווידירן איינגעשטעלטע מיינונגען — אַפילו לגבי דער יעווסעקציע, וועלכע האָט ביי אַלע אירע חטאים און פעלערן געהאַט אַ צאָל גאָר וואָגיקע, נאַציאָנאַל־יידישע קולטור־דערגרייכונגען — און אַרויסציִען דערפון מסקנות. מיין פּערזענלעכע מיינונג איז געווען:

לאָמיר זיך מודה זיין, אַז מיר האָבן באַנקראָטירט אויפן גאַנצן פראָנט, ריכטיקער — אויףביידע פראָנטן. ס'האָבן באַנקראָטירט די, וואָס האָבן געפּרעדיקט אַבסאָלוטע אינטעגראַציע צווישן די „סאָציאַליסטישע פעלקער"; ס'האָט באַנקראָטירט אונדזער גלויבן, אַז מ'קאָן אויפבויען אַ געזונט יידיש קולטור־לעבן אין „די באַדינגונגען

פון ·סאָציאַליזם״. און דערפון דאַרפן מיר אַרויסציען די געהעריקע מסקנות.

אַרום מיין אַרויסטריט האָט זיך אָנגעהויבן אַ העפטיקע דיס־קוסיע. מ. מ. האָט מיך געשמיסן מיט זיין ערגסטער בייטש — „ציוניזם״; אַנדערע האָבן געוואָלט „דיאַלעקטיש״ אויסטייטשן אונ־דזערע אַנטוישונגען. בערל מאַרק איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט מיר רואיק און זאַכלעך געענטפערט. ער האָט נישט פּאָלעמיזירט מיט די מסקנות, וואָס זענען לאָגיש אַרויסגעדרונגען פון מיינע רייד, ער האָט בלויז קוועסטיאָנירט מיין טעזע, אַז מיר, די געטרייע יידיש־טוערס, האָבן באַנקראָטירט.

— נישט מיר האָבן באַנקראָטירט, — האָט ער זיך באַנוצט מיט אַ סוחרישער טערמינאָלאָגיע, — נאָר מ׳האָט אונדז אָנגעזעצט.

דאָס איז טאַקע געווען דער תמצית פון אונדזער טראַגעדיע: מ׳האָט אונדז אָנגעזעצט, מ׳האָט אונדז אָנגעזעצט, אויפן גאַנצן פראָנט.

פון נאַטור אויס, פון כאַראַקטער און געמיט, איז בערל מאַרק נישט געווען קיין קעמפער. ער איז גיכער געווען אַ קאַבינעט־מענטש, אַן אויסגעצייכנטער קאָזער, וואָס האָט באַזונדערס כאַראַקטעריזירט זיין אָראַטאָרישע קונסט. ער איז נישט געווען קיין קופּץ בראש און נישט קיין באַריקאַדן־גייער. ער איז אַפילו נישט געווען צו דרייסט, ווען ס׳האָט געשמעקט מיט פּולווער. אָבער אַ הויכע מדרגה פון דרייסטקייט — און פון צוטרוי — האָב איך ביי אים געפונען קורץ פאַר מיין אַנטלויפן פון פּוילן. כ׳האָב אים דערציילט, אַז מ׳וויל מיר נישט אַרויסגעבן קיין דערלויבעניש צו פאָרן קיין ישראל — כ׳האָב געקלאַפּט אין אַלע טירן אָן אַ רעזולטאַט. מיינער אַ חבר פון דער הויפּט־קאָמענדע פון דער מיליץ האָט מיך געוואָרנט, אַז ס׳ליגט פאַר מיר גרייט אַן אַפּזאַג, פאַרלאַנג איך דעם אויסלענדישן פּאַס איידער איך פאָר אַרויס מיטן וואַרשעווער יידישן מלוכה־טעאַטער אויף גאַסטשפּילן קיין מזרח־דייטשלאַנד. וויל מען מיר נישט אַרויסגעבן דעם פּאַס.

ער האָט זיך אַרומגעקוקט, איינגעבויגן צו מיר און געזאָגט שטיל (ווענט האָבן דאָך אויערן!):

— אייער חבר איז גערעכט... און אויב מ׳זאָגט אייך צו אַנדערש אויף נאָוואָגראָדזקע, זאָלט איר זיי נישט גלויבן...

דאָס איז געווען פאַר מיר זיין וואָרענונג, עצה און אַנזאָג. כ׳האָב אים געפאָלגט: כ׳בין אַנטלאָפן.

אויך דערפאַר זאָל געבענטש זיין דער נאָמען זיינער, זיין ליכ־טיקער אָנדענק.

אריה מערזער — אַ יידישער קינסטלער

1

נישטאָ מער דער קינסטלער אריה מערזער. אין זיין 61סטן לעבנס־יאָר האָט אויפגעהערט אונטערן בלויען הימל פון באַ־ליבטן דורך אים צפת צו קלאַפּן זיין האַרץ. דאָס האַרץ פונעם בולטסטן אין אונדזערע טעג פאַרשטייער פון דער עכט־יידישער און אַלט־יידישער קונסט, מעטאַלאַפּלאַסטיק, וואָס ציט איר יחוס נאָך פון ביבלישן בצלאל. און מערזער איז נאָך דערצו געווען אַ פיי־נער צייכענער — אויך אַ ספּעציפישער, פון פּרימיטיוו־יידישע פאַר־מען; געווען דער שאַפער פון אייגנאַרטיקע, מיט ליכטיקער בלויקייט דורכגעזאַפּטע אַקוואַרעלן — זיינע צפתער פּייזאַזשן און כמו־פּראָ־יעקטן פון פּאַליכראָמיע פאַר די אַלטע בתי־כנסת פון די קבלה־שאַ־פערס, פּראָיעקטן פאַר זייער אויסערלעכער שיינקייט און פאַרן אַנט־פּלעקן די וועלט פון זייערע אינערלעכע שיינקייטן.

ער איז געווען הייגצוטאָג — מער ווי יעדער אַנדערער קינסט־לער אין ישראל, אפשר מער ווי יעדער איינער יידישער קינסטלער אין גאַר דער וועלט — דער טיפּישער פאַרשטייער פון דער זאַפטיקער, מקורדיקער יידישער קונסט אין פּוילן. פּינקטלעכער — פון דער פּראַגע־וואַרשעווער יידישקייט אין דער קונסט. פון דאָרט טאָקע — פון די פּעריפּערישע וואַרשעווער גאַסן און ליקלעך, פון די חושכ־דיקע קעלער־שטיבלעך, איינגעהויקערטע בוידעם־נאָרעס, אָדער איינ־געבויגענע, איינפּאַלנדיקע, צעבראָכענע און צעלאָמטע אַלטע הייז־קעס — פון דאָרט האָט ער אַרויסגעטראָגן די סענטימענטאַל־האַרציקע אין זייער פאַרטראַכט, פּרימיטיוו־ראַפינירטע זעונגען

זיינע, וועלכע ער האָט פּרעציז אויסגעהאַמערט אין מעטאַל — זיינע נאָסטאַלגישע זעונגען פונעם אונטערגעגאַנגענעם יידישן לעבן אין פּוילן: די זיידע־באָבעס מיט שטריימלעך און קאַפּקעס; די קונצנ־מאַכערס אויף די הייפן און זייערע קונצן פאַר קליין און גרויס, פאַר מענטשן און קאַזעס, וואָס האָבן אין אָרעמקייט און כבוד צוזאַמען געהויזט אין דער ענגשאַפט פון די אָרעמע היימען. די שטימונגען און זעונגען פון דאָרט האָבן אויך דורכגעדרונגען זיינע וווּנדערלעכע צפתער קאָמפּאָזיציעס — אין מעטאַל, צייכענונג, אַקוואַרעל. וואָרים אין דער שטאָט צפת האָט ער זיך פאַרליבט נאָך פ א ר דער אומאָפּ־הענגיקייט פון ישראל. גלייך ווי ער איז עולה געווען, האָרט נאָך דער היטלער־מגיפה, האָט ער אינעם צפתער פּייזאַזש — דער נאַטור און מענטש, ליכט, אַטמאָספער — געפונען זיין קינסטלערישן מעדיום. ער איז געווען איינער פון די, וואָס האָבן די שטאָט פון מיסטעריע, פון קבלה, פאַרוואַנדלט אויך אין אַ שטאָט פון פּלאַסטיקער, פון קונסט. געווען אַ מיטשאַפער פונעם צפתער קינסטלער־קוואַרטאַל. ער האָט זיין צייט, זיין היים און זיין וואַרשטאַט באַלד פון אָנהייב געטיילט צווישן זיין אַטעליע אין צפון תל־אביב (פריער — אין חולון) און צפת, לסוף כמעט אין גאַנצן אַריבער קיין צפת.

ס׳האָט אים מאַגנעטיש צוגעצויגן צו צפת נישט בלויז דער פאַרכאַפּנדיקער פּייזאַזש, ליכט, הימל און דער אָפּשיין פון כינרת אין טאָל, נייערט דער אָפּשיין, דער אָפּהילך פונעם שטייגער, פאַרמען און געשטאַלטן, וועלכע ער האָט אין זיין נשמה אַרויסגעטראָגן פון זיין פאַרטיליקטער וויגל־היים, פון יידיש וואַרשע־פּראַגע. אין צפת האָבן צו אים יידן גערעדט — ווי אין מאַגערס חומש־לידער — עברי־טייטש; די יידענעס — מיטן לשון פון צאינה־וראינה. די בערד און פּיאות האָבן געפלאַטערט אויפן ווינט, ווי ביי די גערער, אָדער קאָזשעניצער חסידים אין אַמאָליקן פּוילן; די שטריימלעך און ברייט־ראַנדיקע שוואַרצע קאַפּעליושן האָבן זיך געקיילעכדיקט היימיש־יידישלעך. ס׳האָט אפשר בלויז געפעלט דאָס נידעריקע שוואַרצע היטעלע פון דער פּויליש־חסידישער גאַס אין דער וואָכן, איז אָבער

דערפֿאַר די זון געווען אַזאַ ליכטיקע, די לופֿט אַזוי ליכטיק און לויטער, אַז ס'האָט אַזש די נשמה באַלויכטן.

אומעטום האָט זיך מערזער אַרומגעטראָגן מיט די חומש־יידן, וועלכע ער האָט אַרויסגעטראָגן פֿון חדר: אין פּאַריז, שווייץ, ארץ־ישראל. גראָד אַזוי האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט זיינע פּוילישע יידן. ער האָט זיי אַרומגעטראָגן אין זיך און אַרויסגעטראָגן אין די מיט ליבשאַפֿט און בענקשאַפֿט דורכגעדרונגענע שאַפֿונגען — צוזאַמען מיט שטיקער פֿון זיין קראַנק אויסגעמאַטערט און אויסגעפּייניקט האַרץ. ביז דאָס דאָזיקע האַרץ האָט אויפֿגעהערט צו קלאַפּן און אריה מערזער איז געוואָרן בלויז דערמאָנונג, בלויז געשיכטע. אַ שיין בלעטל געשיכטע פֿון יידיש־פּוילישער פֿאָלקס־קונסט.

ס'קלינגט מאַקאַבריש: אין קריטישן מאָמענט אין מערזערס לעבן, בעתן לעצטן, דעצידירנדיקן האַרץ־אַנפֿאַל, האָט זיך אין יידישן צפֿת נישט געפֿונען קיין דאָקטאָר, וואָס זאָל זיך וועלן מטריח זיין צו ראַטעווען דעם קינסטלער. דער קריטישער האַרץ־אַטאַק איז געווען דער ווי־פֿלטער, אפֿשר צענדליקסטער פּראָטעסט פֿון מערזערס חרוב האַרץ קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע, אויף וועלכער דער באַלע־באָס פֿון האַרץ האָט זיך דערלויבט — מיט אַרבעט איבער די כוחות, אויפֿרעגן זיך, כסדרדיקן רייכערן, וואָס איז אים געווען אויפֿן שטרענגסטן אופֿן פֿאַרווערט.

נישט איינמאָל איז מיר אַליין אויסגעקומען צו אַמפּערן זיך מיט אים וועגן דעם. כ'האָב זיך געבראַכט פֿאַר אַ ביישפּיל: נאָך 39 יאָר ליידנשאַפֿטלעך רייכערן האָב איך מיט איין מאָל אָוועקגעוואָרפֿן דעם דאָזיקן סם, ווען די דאָקטוירים האָבן מיך געוואָרנט, אַז דאָס קאָן מיך בקרוב קאָסטן מיין לעבן. האָב איך זיך געמאַטערט אייניקע וואָכן, צונויפֿגעדרייט געוואָרן פֿון פּיין, אָבער איך לעב ווייטער! ער האָט שטענדיק געהאַט איין ענטפֿער: „ס'וועט סיי־ווי גאָרנישט העלפֿן, איך בין שוין אַ פֿאַרפֿאַלענער". אריה מערזער האָט זיך ל'אַנג, זייער לאַנג, אַ קורץ לעבן לאַנג צוגעגרייט צו דער דערמאָנ־

טער פאַרפאַלנקייט, צוגעאײַלט זי אויף אַן עקשנותדיקן, אכזריותדיקן, אַליין־פאַרניכטנדיקן אופן.

2

אַן עקשן איז ער געווען, אריה מערזער, גאָר אַ גרויסער. מן־הסתם — ווי יעדע אמתע קינסטלער־נאַטור. ווען כ'האָב פאַרבראַכט בײַ אים אין צפת, נאָכן דערשײַנען פונעם ערשטן באַנד „אויף מײַן וועג", האָט ער זיך שעהנלאַנג מיט מיר געאַמפּערט וועגן אַ געוויסן פּרט אינעם קאַפּיטל „חיים האַנפּט" — ווער ס'האָט מיט זײַן פויסט אויסגעהאַקט די שויב בעת אַ הוליאַנקע בײַ האַנפּטס ברודער אויף פּראַגע: דער שיכורער דאַן חיים האַנפּט, צי דער שטענדיק בגילופנדי־קער מאָלער משה אַפּלבוים. אין דער אמתן האָט דער פּרט נישט גע־האַט קיין וועזנטלעכע באַדײַטונג. ער האָט אָבער געטענהט „אַ כאַראַק־טעריסטישער דעטאַל. אין אַ קונסט־ווערק טאָר אַזאַ זאַך נישט געענ־דערט ווערן". און אַז ער האָט זיך געעקשנט, האָב איך זיך געעקשנט בײַ דעם מײַניקן. לשם פּרינציפּ. לויטן פּויליש־פּויערישן שפּריכ־וואָרט: „ס'האָט אָנגעטראָפן די קאָסע אויף אַ שטײן".

אַגב — די אויבנדערמאָנטע הוליאַנקע איז געווען אַ „היסטאָרי־שע": דאָרט איז פאָרגעקומען אונדזער ערשטער צוזאַמענטרעף. געווען איז עס ערב פרילינג 1924, אַ קורצע צײַט נאָך מײַן צוריק־קומען פון לעמבערג קײן וואַרשע, ווו איך האָב זיך אָנגעהויבן צו דערווײַטערן פון פאַרטײַאישער עסקנות און דערנענטערן — צו די קרײַזן פון דער קינסטלערישער באַהעמע, אָנגעהויבן צו פאַרקערן אויף טלאָמאַצקע 13. פון דאָרט האָט מיך טאַקע חיים האַנפּט פאַר־שלעפּט אין אַ געוויסן אָוונט קײן פּראַגע, ווו זײַן ברודער האָט געהאַט אַ דענטיסטישן קאַבינעט. מ'האָט געפּראַוועט עפּעס אַ ליאַמע — כ'געדענק אַפילו נישט צוליב וואָס פאַר אַ געלעגנהייט. איבעריקנס — אין אונדזער עלטער דאַן האָט מען נישט באַדאַרפט זוכן קײן געלעגנהייט אויף אָנצוטרינקען זיך. ווער שמועסט, אַז די הויפּט־פידל האָט בײַ אונדז געשפּילט משה אַפּלבוים, וועלכער האָט מיטן

פלעשל נישט ערגער אַרודעוועט, ווי מיטן פּענדזל. ער איז געווען נאַטאַריש אונטערן גלעזל. און אריה מערזער איז דאַן געווען אַ געהילף ביי משה אַפּלבוימען. אַ געהילף נישט צום גלעזל, נייערט צום פּענדזעל, זיין תלמיד ביים מאָלן דעקאָראַציעס פאַרן יידישן טעאַטער (ער איז דאַן אַלט געווען בסך־הכל אַ יאָר 18). אַ ביסל האָט זיך מערזער אויך געלערנט ביי האַנפּטן, וועלכער איז געווען אַ דערפאַרענער סקולפּטאָר און אַנגעהויבן צו גיין אין מאַרק שוואַרצס מעטאַלאַפּלאַסטישע דרכים. מיט מערזערן בין איך געווען אַפילו אין איין עלטער, אין איין יונגשאַפט, קאָן מען זאָגן. נייערט נענטער זענען מיר געווען די עלטערע: משה אַפּלבוים, דער דיכטער צינאַמאָן, דער קינסטלער ישראל פרעסמאַן, חיים האַנפּט. נענטער דערפאַר, ווייל זיי האָבן מער געטרונקען — מערזער איז אָפּגעשטאַנען אין דעם פּרט.

ווידער דערנענטערט האָבן מיר זיך סוף 1926, בעת די פּראָבן פון יעקב פאַטס „אין גאָלדן לאַנד", וואָס איז געשטעלט געוואָרן דורכן „וויקט", אין קאַמינסקיס טעאַטער. דער רעזשיסער, זיגמונט טורקאָוו, האָט צו דער דאָזיקער פאַנטאַסטישער און יוצא־דופנדיקער פאַרשטעלונג פאַרבעטן אַ יוצא־דופנדיקן סצענאָגראַף: אין וואַרשע האָט דאַן געוויילט — צום ערשטן מאָל געקומען פון פּאַריז — דער קינסטלער מאַנע קאַץ, וועלכער איז געווען אַ גרינער אין טעאַטער. איז דווקא אים איבערגעגעבן געוואָרן צו פּראָיעקטירן די דעקאָראַציעס. ער האָט געמאַכט אַ פאַנטאַסטישן פּראָיעקט צו פאַטס פאַנטאַסטישן טעקסט: דאָס שטעטל האָט זיך געטונקען אין מאַנע קאַצס פּיאָלעט און העלגרין; דער וועג צום „גאָלדן לאַנד" — אין זוניק גאָלד אויף שוואַרצן פאָן. די דעקאָראַציע איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ סענסאַציע — נישט קלענער, ווי פאַטס טעקסט. וואָרים — ווי ס'האָט זיך נאָך דער פּרעמיערע אויסגעדריקט יצחק גרינבוים — דער פירנדיקער בונדאַוויעץ יעקב פאַט האָט בעצם אָנגעשריבן אַ ציוניסטישע פּיעסע. דאָס האָט אָבער סיי־ווי נישט געהאָלפן, ס'האָט נישט געהאָלפן יוסף קאַמינסקיס שיינע מוזיק, די געלונגענע מאַסן־סצענעס — די פאָרשטעלונג איז דורכגעפאַלן און גיך אַראָפּ פון רעפּערטואַר. צוגעגרייט

האָט מען זיך אָבער געגנוג לאַנג און אַריינגעלייגט אַ סך — אין קאָסטיומען, דעקאָראַציעס א.א.וו.

ווי דערמאָנט — פּראָיעקטירט האָט די דעקאָראַציעס מאַנע קאַץ, אַ טעאַטער־דעביוטאַנט. אויסגעפּירט האָט זיי אָבער דער יונגער אריה מערזער, וועלכער האָט שוין געהאַט געגנוג סצענישע דערפאַרונג פון זיין מיטאַרבעט מיטן גענימן סצענאָגראַף משה אַפּעלבוים.

אייניקע יאָר שפּעטער האָב איך זיך נאָך באַגעגנט מיט מערזערן אין פּאַריז, אָבער קיין ספּעציעלע פאַרבינדונגען זענען צווישן אונדז נישט געווען. ס׳איז מיר אַפילו נישט איינגעפאַלן, אַז ער האָט מיך אַמאָל אין זין. און איך אים? — כ׳האָב געוווּסט, אַז ער האָט זיך פיין אַנטוויקלט ווי אַ קינסטלער, געוואָרן אַ פּאָפּולערער מעטאַלאָ־פּלאַסטיקער — און שפּעטער: ווען איז געלעגן אין זין אין משך פון די שווערע מלחמה־יאָרן אַן אַלטע באַקאַנטשאַפט, צי חבר־שאַפט אַפילו! סיידן, אַז מ׳האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן — אָדער צוזאַמענגעשטויסן — אויף די פּליטימשע וואַנדער־וועגן. און אריה מערזער איז אויף מיינע סאָוויעטישע וואָגל־וועגן נישט געווען.

איז עס פאַר מיר געווען אַ גאַר גרויסע איבעראַשונג, ווען ס׳האָט מיך אויפגעזוכט — בעתן אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־פעסטיוואַל אין וואַרשע, אין דער העלפט פופציקער יאָרן, אַ מיטגליד פון דער ישׂראל־דעלעגאַציע, — דער קינסטלער יהושע גראַבאַרד פון חיפה. ער האָט מיר געהאַט איבערצוגעבן אַן אַלבאָם פון אריה מערזערס בלעכן געהייליקט דעם אונטערגעגאַנגענעם יידישן שטעטל, מיט אַ האַר־ציקער דעדיקאַציע פון קינסטלער. דערביי האָט ער צוגעגעבן, אַז מערזער האָט אים געבעטן מיטצונעמען צוויי אַזעלכע אַלבאָמען: פאַר ספּאַרדן און פאַר מיר. דאָס האָט ער אונטערגעשטראָכן, כדי מיר געבן צו פאַרשטיין, ווי שטאַרק ס׳איז מערזערן געלעגן זיינע שאַפונגען זאָלן אָנקומען צו מיר.

דער אַלבאָם האָט מיך זייער דערפרייט. אין יענע יאָרן האָבן נאָך געבושעוועט אין פּוילן שאַרפע סטאַליניסטישע ווינטן, וואָס האָבן זיך אין דער יידישער סביבה אויסגעדריקט אין דער פאַרשטאַרקטער

נטיה צו „אינטעגראַציע", צום צונויפגיסן זיך מיטן אַרום. אָדער ריכטיקער — צום אויסגיסן זיך אַליין נאַציאָנאַל, מענטשלעך, אויפן פּאַמישאַפּט פון דער פּוילישקייט — אויפהערן זעלבשטענדיק צו לעבן, זעלבשטענדיק צו טראַכטן, אפשר: בכלל צו טראַכטן. מערזערס אַלבאָם — מיט די פאָלקסטימלעך יידיש־פּוילישע געשטאַלטן, מיטן ציגל־מיגל, די קאָזעס, קונצנמאַכערס, באָבעס, זיידעס און קינדערלעך מיט געדרייטע פּיאהלעך — דאָס איז געווען פאַר מיר אַן אָפּפרישונג ממש דערקוויקט מיך. ס'האָט אויף מיר אַן אָטעם געטאָן מיט דער יידיש־היימישקייט, וואָס איז ביי אונדז געווען כמעט אין גאַנצן פאַרשוווּנדן. ערגעץ האָט זי נאָך, הייסט עס, עקזיסטירט. און דווקא אין העברעישן, העברעיסטישן ישראל! ווי מאָדנע ס'זאָל נישט אויס־זען: מיר ווייזט זיך אויס, אַז דער אַלבאָם האָט געהאַט נישט קיין קליינע השפעה אויף מיין באַשלוס אַראָפּצוכאַפּן זיך ביי דער ערשטער געלעגנהייט קיין ישראל. צו זען מיט אייגענע אויגן, צו דערפילן מיטן אייגענעם האַרץ דעם דופק פון יידישן לאַנד. נישט פאַרלאָזן זיך מער אויף אָפיציעלע אינפאָרמאַציעס — פון וועלכן נישט איז צד; אויך נישט — אויף ענטוזיאַסטישע, אַגיטירנדיקע בריוו פון מיינע נאָענטע און פריינד אין ישראל.

3

צו מיין מזל איז מיר שוין נישט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן כרושטשאָווס באַרימטע דעסטאַליניזאַציע, די אָדליגע, וואָס האָט צוביסלעך פאַנאַנדערגעשפּרייט זיך אויף פּוילן. דער פּוילישער פירער פון סטאַלינס גנאָד, ביערוט, איז געשטאָרבן, אָדער מ'האָט אים געמאַכט שטאַרבן. אין לאַנד האָט אָנגעהויבן צו ברויזן, צו רודערן זיך. אַרבעטער האָבן פאַרשטרייקט, אַרויס אין די גאַסן. ס'האָט זיך געפילט אַן אָנקומענדיקער שטורעם. איך האָב ריי־זיקירט — אָנגעגעבן אויף אַ טוריסטן־פּאַס קיין ישראל. אין וואַרצ־לאַוו האָט מען מיר אָפּגעזאָגט, האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן פּראָ־

טעקציע אין וואַרשע און לסוף זי געפונען. כ׳האָב אָנגעשפּאַרט צו אַ וויצע־מיניסטער פון אינערן. אויפן סמך פון זיינס אַ קליין צעטעלע, אַ שטיקעלע פּאַפּיר מיט זיין אונטערשריפט, האָב איך אין משך פון אַ האַלבער שעה — אָן שום דאָקומענטן — באַקומען אַן אויסלענדישן פּאַס. די ישראל־וויזע — תיכף ומיד געזען אַרויפּלייגן אויפן פּאַס און אויפן דריטן טאָג בין איך שוין געווען צוגאַסט ביי מיין ברודער זיגמונט אין תל־אביב.

אָנהייב יולי 1956. פיר וואָכן ווײַלן אין ישראל. כ׳האָב זיך בלויז געמוזט איין מאָל מעלדן אין דער פּוילישער געזאַנדשאַפט און אין צ.ק. פון מק״י. אַחוץ דעם האָב איך אויסגעמיטן וועלכע ס׳איז עפנטלעכע צוזאַמענטרעפן, געהיט זיך מיט אַ וואָרט אויף אַזוי ווייט, אַז מ׳האָט מיך אָנגערופן באַנטשע שווייג, און ווען כ׳בין אַמאָל יאָ געקומען אויף אַן אָוונט אין קעלער פון שרייבער־פאַראיין און דער רעדאַקטאָר צאַנין, דער פאָרזיצער פון אָוונט, האָט מיך וואַרעם באַגריסט און געזאָגט אייניקע גוטע ווערטער אויף מיין חשבון, האָט מיר גאַנץ פיין געציטערט דער פּופּיק: צי וועל איך עס נישט אויסמייקענען נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן. געווען איז עס דערצו אַ „קאָנטררעוואָלוציאָנערער אָוונט״: דער דיכטער סוצקעווער האָט דערציילט זיינע זכרונות וועגן פּרץ מאַרקישן.

אויף אַלע ווענדונגען איך זאָל ווו עס איז אַרויסטרעטן — דאָס איז געווען אין טעג פון פּוילישן נאַציאָנאַלן יום־טוב, דעם 22סטן יולי — אַפילו אין דער געזעלשאַפט פון פּויליש־סאָוויעטישער פריינדשאַפט, האָב איך געענטפערט: כ׳פאָר אַרום איבערן לאַנד. און אַ ביסל בין איך טאָקע אַרומגעפאָרן. צום לענגסטן בין איך געווען אויסער תל־אביב אין צפת. מערזער האָט מיך פאַרבעטן צו זיך. אַ 4 טעג האָב איך פאַרבראַכט ביי אים. גאַנצע טעג און נעכט מיט אים, ביי אים געוווינט, ביי אים געגעסן, מיט אים געגאַנגען.

שעהנלאַנג האָבן מיר זיך דערציילט איבערלעבונגען. ווי אַ קאַליידאָסקאָפּ זענען פאַר מיר פאַרביי זיינע שווערע אָקופּאַציע־איבערלעבונגען אין פראַנקרייך, דאָס אַנטלויפן און אויסבאַהאַלטן

זיך אין דער שווייץ, די וואָגלענישן מיט זיין ווייב אסתר און דער קליינער חוהלע (דער זון איז שוין, דוכט זיך, אַ סאַברע), ביז צום אָנקומען קיין ארץ־ישראל גלייך נאָך דער מלחמה. פון די דערציי־לונגען איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז אין לעבן האָט אים געראַטעוועט און געפירט — גראָד אַזוי ווי אין דער קונסט — זיין ווונדערלעכע אינטואיציע. זי האָט עס אים אויך דערפירט קיין ארץ־ישראל. נישט צוריקגעשלעפּט אויף דער רוישנדיקער און רעשעדיקער פּאַריזער קינסטלער־בערזע, נאָר דווקא קיין ארץ־ישראל, ווו ס׳האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן די סמאַלינעס פון די פייערן, וועלכע האָבן בקרוב אַרומגעכאַפּט ס׳גאַנצע לאַנד: דער געראַנגל מיט דער מאַנ־דאַט־מאַכט און מיט די צעיושעטע שכנים. די ווונדערלעכע אינטו־איציע האָט אים אויך אַוועקגעפירט קיין צפת, ווו ער האָט זיך פאַ־נאַנדערגעבויט זיין אָריגינעלע היים, די קינסטלעריש־געמיטלעכע אַטעליע און שטרענגע אויסשטעלונג־זאַלן.

אין שאָטן פון ברייט־צעצווייגטן, איבער אַ דעכל פון העלצלעך אַרויפגעצויגענעם, אַלטן וויינטרויבן־בוים פון מיין מוסקאַט, זענען מיר געזעסן ביי אים אין הויף, געצופּט די שוואַרץ־סאַמעטענע שמע־קעדיקע טרויבן און געשמועסט, געטאַמפּערט זיך, געוואַרעמט זיך, (אָדער ריכטיקער — געקילט זיך אין דער היץ פון אַרום) מיט זכרונות. קיינמאָל נישט ביז דאַן — און דוכט זיך קיינמאָל מער נישט נאָך דעם — האָט זיך פאַר מיר אַזוי אַנטפּלעקט די אינטעלעקטועלע נשמה־עשירות פון דעם וואַרשעווער פּשוטן פאָלקס־מענטש און באַגאַבטן קינסטלער. אין יענע טעג איז אויף פעסט פאַרחתמעט גע־וואָרן דער ענגער בונד פון אונדזער חברשאַפט, וואָס האָט אָנגעהאַלטן נאָך מיין באַזעצן זיך אין לאַנד ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. די פאַרבינדונגען אונדזערע זענען טאָקע געשטערט געוואָרן דורך זיינע אָפטע קראַנקייטן און דורך מיין שווערער חולאת, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אייניקע יאָר נאָך מיין באַזעצן זיך אין לאַנד, די פריינד־שאַפט איז אָבער געבליבן אַ פעסטע. ווייל די גרויסע לעבנס־קונסט פון זיין אַ געטרייער פריינד און פון דערוועדבן זיך פריינד האָט

מערזער אויך באַהערשט. אין די געציילטע טעג, וואָס איך האָב געווײַלט ביי אים אין צפת, האָב איך זיך געקאָנט אַליין איבערצייגן וועגן זיין פריינדשאַפט מיטן דיכטער יוסף פּאַפּיערניקאָוו — מיט אים זענען מיר געזעסן אָוונטן, ביז טיף אין דער נאַכט און אויסגע־טענהט זיך וועגן יידיש־העברעיש; כ׳האָב געזען זיין וואַרעמקייט צו מיין רבין פון דער יוגנט, ד. ב. מאַלקינען, וועלכער האָט גראַד דאַן געהאַט אַ ציקל לעקציעס אין צפת; כ׳האָב געקאָנט אָבסערווירן ווי ס׳האַלט אַן אַזוי פיל יאָר זיין פאַרערונג פאַר זיגמונט טורקאָוון, ביי וועלכן ער האָט געאַרבעט ווי אַ געהילף־דעקאָראַטאָר אין די צוואַנ־ציקער יאָרן אין וואַרשע. אין תל־אביב ווידער איז קענטיק געווען די רירנדיקע הילף, וועלכע ער האָט זייער אָפּט דערטיילט מיין יוגנט־חבר משה גראָסמאַנען, נאָך איידער ״היימיש״ האָט זיך אַנטוויקלט און געוואָרן אַ וויכטיקער יש. היינט זיין חברישע באַציונג צו אַק־טיאָרן פון געוועזענעם ״יונג־טעאַטער״: בינה גודיס, וואָלף הייבלום. די שטוב פון די מערזערס — סיי אין תל־אביב, סיי אין צפת — איז געווען אָפן פאַר יעדן יידישן קינסטלער, צומאָל פאַר יעדן יידישן מענטשן. ס׳איז געווען אַ ליבע, וואַרעמע יידישע קינסטלער־היים, וואָס האָט מקרב געווען יעדן איינעם. און גראַד אַזוי זענען די מערזערס געווען ליבע, אַנגעלייגטע געסט ביי יעדן פריינד אין תל־אביב, צי אין צפת — אין יעדער שטוב, ווו זיי פלעגן אַריינקומען.

4

די שאַפונגען פון אריה מערזערן — בעיקר זיין מעטאַלאַפּלאַסטיק — באַצירן אַ סך מוזיי־זאַלן, ישראלדיקע סאַלאָנען און פּריוואַטע קונסט־זאַמלונגען. דער צווייטער פּרעזידענט פון ישראל, יצחק בן־צבי, האָט שטאַרק געהאַלטן פון מערזערס קונסט און איינגעקויפט אייניקע זיינע שאַפונגען — סיי אויף די מאָטיוון פון דער ״אַלטער היים״, סיי אויף די מאָטיוון פון דער ״אַלטער צייט״, ד״ה די חומש־מאָטיוון. וואָרים די לעצטע יאָרן האָט מערזער אַ סך פון זיינע כוחות

און פון זיין טאַלאַנט געשאַנקען די דאָזיקע מאָטיוון. דער לעצטער אַלבאָם, וואָס דער קינסטלער האָט אַרויסגעגעבן, איז געווען אויף דער טעמע, ווי ער האָט עס אָנגערופן „חומש־געשטאַלטן". 16 מע־טאַל־באַרעליעפן געפינען זיך אין אַלבום. דער נאָמען אַליין רעדט וועגן כאַראַקטער און אַראָמאַט פון די שאַפונגען: נישט קיין „ביב־לישע געשטאַלטן", נישט קיין „תנ"ך־געשטאַלטן", נייערט בפירוש — חומש. ד.ה., ווי מיר האָבן די געשטאַלטן געזען אין חדר. גע־שטאַלטן און בילדער פון ווייט־פאַרגאַנגענע צייטן, וואָס זענען אונדז דאָן, אין חדר, אַזוי נאָענט און אייגן געווען.

אין זיין אַריינפיר־וואָרט דערציילט אונדז דער קינסטלער, אַז די אַרבעטן (געשאַפן אין ארץ־ישראל אין די יאָרן 1946—1960) זענען אַ רעזולטאַט „פון דער קינדער־וויזיע אין די לאַנגע טונקעלע ווינ־טער־נעכט מיט 50 יאָר צוריק, ווען מ'האָט געלערנט חומש אין חדר"... „... פון די געשניצטע און געמאָלטע אָרנאַמענטן אַרום אָרון־קודש אין די בתי־כנסת און חסידישע שטיבלעך"... „...פון פופצן יאָר לעבן אין ישראל און ווידער צונויפטרעפן זיך פנים אל פנים מיט די קינדער פון אַלע יידישע שבטים" — פון דער דאָזיקער פיל־גאַרנדיקייט פון דערקענטעניש און דערפילונגען זענען אויסגע־וואַקסן די „חומש־געשטאַלטן".

אין די 16 בלעכן — אָנגעהויבן מיט אדם און חוה און געענ־דיקט מיט דער אויפשוידערנדיקער קאָמפּאָזיציע: רחל באַוויינט אירע קינדער וואָס גייען אין גלות — האָבן מיר אַ זעלטענעם עקסטראַקט פון יידיש־פאָלקסטימלעכן, פון מזרח־אייראָפּעיש יידישן קינסטלערישן אויסדרוק און אָרנאַמענטיק. יידישע פאָלקס־קונסט שטעקט טאַקע מיט איר נאַטירלעכן אוראַלטן שורש אינעם באָדן פון אָריענט, זי האָט אַ ברירה צו זיין פאַרוועבט מיט דער בלויקייט פון ארץ־ישראל־הימלען, צעכוואַליעט מיט דער מילדער רונדיקייט פון אונדזערע בערג. זי איז אָבער אויך כולל די אין משך פון צענדליקער דורות אויסגעפורעמטע און אויסגעאָטעמטע מזרח־אייראָפּעישע אַט־מאָספער. דאָס פילט מען בולט אין דער מאַסיווער ערדישקייט פון די

געשטאַלטן, אַ ביסל אויך אין די מלבושים. אין זיי איז פאַראַן אַן אָפּשיין פון קאַנטוש און זשופּאַן — אין די קאַפּאָטעס און זשופּיצעס. מערזוערס קינסטלערישער חוש האָט אים אונטערגעזאָגט אַזאַ פריי־מיטיווע — און גלייכצייטיק ראַפינירטע — לעזונג פון דער טעמע. ווידער זיין טאַלאַנט צו קאָמפּאָנירן אין פאַרשידענע אויסמעסטן האָט אים דערמעגלעכט אויסגעצייכנט צו לעזן די שוועריקייטן פון פלאַכן; די טעכנישע מייסטערשאַפט אויסצוקלאַפּן אין מעטאַל — דעם אַלטן, אָריגינעל־יידישן קונסט־געביט, וואָס איז ערשט מיט געציילטע צענדליק יאָר צוריק אַרויס פון דער שוסטער־גאַס פון סתם באַלמעלאָכישקייט און ווידער געוואָרן קונסט, אַ קונסט, אין וועלכער מערזוער איז געווען ביי זיך אין דער היים, ווי זעלטן וועלכער קינסטלער — דאָס אַלץ האָט דערפירט צו אַ ממש פּרעציזער לעזונג און אויפלעזונג פון דער קאָמפּאָזיציע אין דעם האַרטנעקיקן, שווער זיך אונטערגעבנדיקן מעטאַל.

אריה מערזוערס מעטאַל־קונסט איז געווען נישט בלויז פּלאַס־טישע קאָמפּאָזיציע — דאָס איז אויך געווען יידישע פאָלקס־פּאָעזיע אין מעטאַל, אַ פּילזייטיקער און פאַרטיפטער קינסטלערישער אויס־דרוק פון דער יידישער פאָלקס־נשמה. איציק מאַנגער דריקט עס אויס, ווי זיין שטייגער, פּשוט און דערהויבן, אינעם בריוו צו מערזוערן, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אינעם אַלבאָם. ער זאָגט דאָרט, אַז פון מערזוערס שאַפונגען שמעקט „מיט יידישע קינדער־יאָרן אין די שטעט און שטעטלעך פון מזרח־אייראָפּע, חדר־יאָרן, וואָס האָבן פאַראייגנט דעם חומש...״ ...„מיר האָבן זיך טאָג־איין, טאָג־אויס אָנגעשטויסן מיט די אָבות אין די שמאָלע געסלעך פונעם שטעטל בייטאָג. מיר האָבן זיי געזען אין די וואָלקנס וואָס האָבן געציטערט איבערן שטעטל, אַפילו אין דער לבנה האָבן מיר געזען דאָס פּנים פון יהושע בן־נון. יעדעס פליכעוואָטע בערגל הינטערן שטעטל איז פאַר אונדז געווען אַ באַרג סיני. אברהם אָבינו האָט געטראָגן אַ זיידענע זשופּיצע און אַ שטריימל, די מוטער שרה אין אַ שטערנטיכל האָט געבענטשט שבת־ליכט״.

מאַנגער פאַרענדיקט זיין בריוו־געזאַנג: „יעדער איינער אויף זיין שטייגער האָט באַוויזן און וועט באַווייזן נישט איינמאָל, אַז מיר האָבן נישט פאַראַטן אויף קיין איין רגע דאָס ביבלישע אין יידישן מענטש אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן. אָט ווי שאַגאַל, דער ייד פון רוסלאַנד, צי דער ייד פון פוילן, און טאַקע איך אַליין, דער ייד פון רומעניע״.

די ערדישקייט פון די חומש־געשטאַלטן אין מערזערס בלעכן — ביי דער וויזיאָנערישקייט פון דער פאַרטראַכטונג — איז כאַראַקטע־ריסטיש פאַרן גאַנצן אַלבאָם. ס׳ווילט זיך אָבער ציען אַ באַזונדער אויפמערק אויף דער קאָמפּאָזיציע „יעקבס חלום״, ס׳איז אין דער קאָמפּאָזיציע געלונגען מערזערן מיט הומאָר צו פאַרבינדן הימל און ערד. יעקב מיטן לייטער, מיט די מלאכים; די בערג, מיטן הימל און לבנה — דאָס אַלץ שאַפט איין ערדישע גאַנצקייט: די רעאַלע וועלט פון חדר־יינגלערישן חלום.

אייניקע בלעכן — באַזונדערס פון די ערשטע יאָרן פונעם חומש־ציקל — זענען אפשר איבערגעלאָדן מיט דער אָרנאַמענטיק אַרום דער טעמע. דאָ רופט זיך מערזער מאָמענטנווייז איבער מיט דער פריער תקופה פון מאַרק שוואַרץ, אָדער מיט דער פיליגראַנער אָרנאַ־מענטיק פונעם הויף־באַגאַבטן וואַרשעווער קינסטלער הארצקע גאָלד־שלאַג (ער איז געווען עלטער פאַר מערזערן; סוף צוואַנציקער יאָרן אַוועק קיין ר.פ. דאָרט עולה לגדולה געווען און — ליקווידירט גע־וואָרן אין 1937). נייערט אין אַלגעמיין האָט זיך מערזער געשאַפן זיין אייגענעם סטיל, זיין אייגענעם דרך אין דער מעטאַלאָפּלאַסטיק, אין דער קונסט. ער איז געווען שטרענג עקאָנאָמיש ביים אַרויסברענגען דעטאַלן (גראַד, ווי אין זיינע צייכענונגען), צילגעווענדט אין דער פּלאַסירונג פון די פיגורן און פילפלאַכיק אין דער קאָמפּאָזיציע. ס׳האָט זיך אויסגעאַרבעט ביי אים די פעיקייט אַרויסצובאַקומען מיט רויע, האַרטע ליניעס אַ שטאַרקן אויסדרוק — צומאָל אַפילו אַ דראַמאַטישן אויסדרוק — וואָס סוגערירט, באַווירקט, רופט אַרויס אַן אייגנאַר־

טיקע איבערלעבונג, ווי אַ שטייגער „די עקידה", צי די שוין דער־מאָנטע „מוטער רחל".

אַז מ׳כאַפּט אַ בליק אין אריה מערזערס אַן אַלבום, ווילט זיך אים נישט אָוועקלייגן. אַ וואַרעמקייט נעמט דיך אַרום. זכרונות, לאַנג־פאַרגעסענע איבערלעבענישן צעשפּילן זיך און פאַרוועבן דאָס געמיט מיט אַ דין געוועב פון געגנוס. צי מ׳וויל, צי מ׳וויל נישט, איז מען זיך מתייחד מיטן קינסטלערס וויזיע, מיט זיין שאַפן, זיין ווערק. ס׳פּילט זיך בחוש, ווי ער אַנטפּלעקט פאַרבאַרגענע, סודותדיקע ווינקעלעך — צומאָל פאַרשטויסענע ווינקעלעך — פון אונדזער אינערלעכער וועלט און אַנטפּלעקט אויך אַזעלכע ווינקעלעך פון זיין אייגענער רייכער אינערלעכער וועלט.

מן־הסתם דערפאַר איז סיי אריה מערזער, סיי זיין שאַפן, אַזוי נאָענט און באַליבט געוועזן ביי יעדן, וואָס איז נאָענט געוועזן צו אים; און ביי אַ סך טויזנטער יידן אין גאַר דער וועלט, וואָס האָבן אים גע־קענט — און קענען אים — בלויז פון זיין שאַפן.

יעקב ווייסליץ — דער וואַנדערנדיקער שטערן פון ייִדישן וואָרט

1

אין אַ האַרבסטיקן פרייטיקצונאַכטס — ווען די שבת־ליכט האָבן אָנגעהויבן צו טריפן אויפן ווייסן טישטעך אינעם עס־צימער און איך האָב אין מײַן קינדערישער פאַנטאַזיע געזען משונהדיקע בילדער אינעם צאַנקען פון זייער פלאַם — האָט געזאָלט קומען צו אונדז אַ יוצא־דופנדיקער גאַסט.

געסט זענען דאַן געווען אַן אָפטע דערשיינונג ביי אונדזערע שבת־יומטובדיקע טישן. אַ מאָל האָט זיך איבער שבת פאַרוואַלגערט אין וואַרשע אונדזערער אַ שני־בשלישי־קרוב פון ערגעץ־ווו; דער טאַטע פלעגט מיטפירן מיט זיך פון זיין „מוריה"־שול עפּעס אַן אורח, בעיקר — אימיצן פון די ציוניסטישע מטיפים; אַ מאָל סתם עפּעס אַ „ליטוואַק", וואָס האָט נישט געהאַט ווו צו פּראַווען שבת — אַ לערער אַן קנעלונג וכדומה. ביז טיף אין דער דייטשער אָקופּאַציע — ווען דער אַלטער ייִדיש־פּוילישער שטייגער האָט זיך צעטרייסלט — האָט מײַן טאַטע נאָך געפירט ביד חזקה אַ שטרענג־פּאַטריאַרכאַלישע שטוב. דער שבת־יומטובדיקער טיש איז געווען אַ טייל דערפון. נישט בלויז מיר, די קלענערע קינדער, זענען ממש אַרומגעגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, בייערט אונדזער בכור — זיגמונט — וועלכער האָט שוין געהאַט אויף זיין געוויסן אַ סך מרידות קעגן איינגעשטעלטן פּאַטריאַרכאַלן שטייגער; און יאַנאַס — וועלכער האָט זיך שוין געהאַט צוריקגעקערט פון לערנען אין אויסלאַנד — אויך זיי האָבן זיך באַמיט שבת־יום־טוב נישט צו פאַרשטערן דעם איינגעשטעלטן סדר

און די באַזונדערע אַטמאָספער. דאָס מאָל האָט אָבער זיגמונט אויס־געפּועלט, אַז דער אורח צום טיש זאָל זיין זיינס אַן עלטערער חבר פון „הזמיר", אַ „באַלעבאַטישער יונגערמאַן" — ווי ער האָט זיך באַמיט זיך צו באַרואיקן דעם טאַטן — וועלכער איז געווען אַ בוכהאַלטער און אויך „געשפּילט ראָלן" אין יידישע פאָרשטעלונגען.

גרוזנבערג פון „מענדל ביילים פּראָצעס", איז געווען דער שטאַרקסטער אַרגומענט, וואָס האָט געווירקט אויף אונדזער טאַטן, וועלכער האָט אַליין געהאַט כסדר צו טון מיט געזעצן, געריכטן. ער איז געווען ביז דער מלחמה דער פאָרשטייער פון באַראָן לעסערס פאַרמעגן־פאַרוואַלטונג אין וואַרשע.

דער נאָמען גרוזנבערג איז דאַן — קורץ נאָכן ביילים־פּראָצעס — געווען אפשר דער פּאָפּולערסטער יידישער נאָמען אין אונדזערע מקומות. האָבן מיר געוואַרט אויף „גרוזנבערגן".

ווען מיר זענען שוין געזעסן, געגנוג שטייפלעך, אַרום טיש, האָט זיגמונט אַ צעשמייכלטער אַריינגעפירט דעם גאַסט: ס'איז געווען אַ הויכער, שוואַרצער יונגערמאַן מיט אַ שאַרפער יידישער נאָז, איידעלע, כ'וואָלט געזאָגט — אַריסטאָקראַטישע — פּנים־שטריכן, מיט לאַנגע האָר, וואָס האָבן זיך געריסן פון אונטער דעם ברייטן ראַנד פון זיין שוואַרצן קאַפעליוש. עפּעס אַ ווייכקייט, אַ פאַרשעמט־קייט, אַ מין צניעותדיקייט האָט אַראָפּגעשיינט פון אים. אין דעם שוואַרצן זשאַקעט מיט די שטרייף־הויזן, מיט דער ליטעראַריש־אויס־געבונדענער שוואַרצער בינדע, האָט ער אויסגעזען נאָך העכער און פייערלעכער. מיר האָבן נישט געלייגט קיין אַכט דערויף, אַז די אַרבל פון זשאַקעט זענען געווען גאַנץ פיין אויסגעריבן; אַז זיין גאַנצער הולך איז געווען אַ פאַרגלאַנצטער פון אָפּגעטראָגנקייט. דאָס אַלץ האָט אים עפּעס געמאַכט אַ סך עלטער ווי ער איז געווען.

דאָס איז געווען יעקב ווייסליץ. יענעם פרייטיקצונאַכטס, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד אונטער די צען יאָר, האָב איך זיך צום ערשטן מאָל מיט אים צונויפגעטראָפן.

זינט דאַן פלעג איך אים שוין אָפטער טרעפן: אויף פּראָבן אין

„הזמיר", ווו איך פלעג זיך אַריינכאַפּן מיט קינדערישן בייגיר; אויף אַ פאָרשטעלונג אין קרינסקיס גימנאַזיע, ווו זיגמונט האָט אויפגעפירט אַ מאָליער־איינאַקטער און געשפּילט אים צוזאַמען מיט ווייסליצן; ביי פאַרשידענע אַנדערע געלעגנהייטן. איך האָב אָנגעהויבן אַלץ מער צו דערקענען ווייסליצן. איך האָב נאָך דאַן נישט געקאָנט אָפּ־שאַצן אין וואָס ס׳איז באַשטאַנען זיין אייגנאַרטיקייט. מיט יאָרן שפּעטער איז עס מיר ערשט קלאָר געוואָרן: ער איז געווען אַ האַר־מאָנישער געמיש פון ליטווישער און פּוילישער יידישקייט. דער טאַטע — אַ משכיל פון קאָנסק, דעם שטעטל פון דער דאַן וואָקסנדי־קער פּוילישער אייזנגיסעריי; די מאַמע — אַ ביאַליסטאָקערין, אַן אינטעליגענט מיידל, פון דער וואָלאַך־פאַמיליע (אַ שוועסטער פון באַרימטן סאָוויעטישן פּאָליטיקער מאַקסים ליטווינאָוו). די מאַמע איז געווען אַ טעאַטער־ליבהאָבערין — אַפילו זיך צייטנווייז באַטיי־ליקט אין פאָרשטעלונגען פון ליבהאָבער; דער טאַטע — אַ ציוניס־טישער רעדנער און טוער. די צוויי אייגנשאַפטן פון טאַטע־מאַמע — טעאַטער־קונסט און רעדנער־קונסט — האָבן זיך צונויפגעשמאָלצן אין ווייסליצן פון די יינגסטע יאָרן אָן. האָט אים געצויגן — ווען ער האָט שוין געאַרבעט אין וואַרשע ווי אַ בוכהאַלטער — צו טעאַ־טער; דערפון — זיין גרוזנבערג אין „בייליס־פּראָצעס"; זיין אַרבעט אין דוד הערמאַנס דראַמאַטישע קרייזן, בעיקר — אינעם פּרץ־קרייז אין „הזמיר"; זיין צוזאַמענאַרבעט מיט זיגמונטן, ביז — ביז ער איז אַוועק וואַנדערן איבער דער פּראָווינץ, אַרומגעוואַנדערט איבער פלאַצק־וולאָצלאַווקער געגנט, געטראָגן דאָס שיינע יידישע וואָרט און דעם אָנזאָג פון אַ געלייטערט יידיש טעאַטער. דאָס זענען אייגנט־לעך געווען זיינע צוויי גרויסע ליבעס אין לעבן און זיי איז ער פאַרבליבן געטריי ביזן סוף.

אויף יענע וואַנדערונגען האָב איך אויך צופעליק באַגעגנט ווייסליצן און אייניקע טעג אַפילו „מיטגעוואַנדערט" מיט אים. גע־שלאָפן מיט אים אין איין בעט. דאָס איז געווען זומער 1918. אַ זומער, ווען די מאַמע אונדזערע האָט מיט די יינגערע קינדער פאַרבראַכט

אינעם דאָרף שפּעטאַל, אַקעגנאיבער װלאָצלאַװעק — פון דער צווייטער זייט ווייסל.

אין װאַרשע האָט מען אין יענער צייט לייטיש צוגעהונגערט. פון פוילן, וואָס איז געווען צעשניטן און צעטיילט צווישן דעם עסט־רייכישן און דייטשישן אָקופּאַנט, האָט מען אַרויסגעפירט וואָס עס האָט זיך געלאָזט קיין דייטשלאַנד. די פוילישע באַפעלקערונג האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיט זייער קלאָגעדיקע ברויט־ראַציעס — אַ ברויט, וואָס איז געווען דורכגעמישט מיט שטרוי, קלייען און קאַשטאַן־מעל; מיט „ערזאַץ״־מאַרמעלאַדעס און אַנדערע „ערזאַצן״, מיט וועלכע די דייטשן האָבן פאַרפלייצט דאָס לאַנד. באַזונדערס שטאַרק האָט זיך דאָן דער הונגער אָפּגעשלאָגן אויף די גרעסערע אינדוסטריע־צענטערס — װאַרשע, לאָדזש — און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן פון דאָרט אַ וואַנדערונג אין די דערפער, וואָס ווייטער, ווייטער פון צענטערס — אַלץ לייכטער איז געווען צו באַקומען עסנוואַרג. האָבן זיך צענדליקער טויזנטער פאַמיליעס אַרויסגעצויגן פון די גרויסע שטעט אין די ווייטערע שטעטלעך, אין דאָרפישע ראַיאָנען. אַ סך — בלויז אויף די זומער־חדשים; אַ סך — בכלל אויף די מלחמה־יאָרן. איך האָב דעם איינדרוק, אַז אויך ווייסליץ — וועלכער האָט מיט דער פאַמיליע פעסט צוגעהונגערט אין װאַרשע — איז אַוועק מיטן שטראָם הונגער־אויסוואַנדערער נאָך אין יאָר 1916.

ער איז אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך: פּלאָצק, װלאָצלאַװעק, גאָמבין, גאָסטינין, קוטנע א. אַנד., געגעבן וואָרט־קאָנצערטן, געהאַלטן רעפעראַטן און אויפגעפירט פאַרשטעלונגען מיט די דראַמאַטישע קרייזן, וועלכע האָבן שוין דאָרט עקזיסטירט פון פריער, אָדער וועלכע ער אַליין האָט אָרגאַניזירט. אין אַ געוויסן טאָג פון זומער 1918 איז ער ווידער אַראָפּגעקומען קיין װלאָצלאַװעק מיט אַ רעפעראַט אויף אַ ליטעראַרישער טעמע. ער איז געוויר געוואָרן, אַז מיר געפינען זיך אין שפּעטאַל, איז ער אַראָפּגעקומען צו אונדז צו גאַסט. היות ווי איך האָב געהאַט חשק, צי נייגיר, צו הערן זיין רעפעראַט, האָט ער מיך מיטגענומען מיט זיך קיין װלאָצ־

לאָוועק. דאָס אַרויסרייסן זיך אַ ביסל פונעם שטוב־רעזשים האָט שטאַרק נושא חן געווען אין מיינע אויגן, האָט ער מיך שוין מיטגע־נומען מיט זיך קיין פלאָצק, ווו איך בין געווען זיין גאַסט אייניקע טעג. מיט עסן ממש האָב איך זיך די פּאָר טעג נישט איבערגעגעסן. אָבער גייסטיקע שפּייז האָב איך באַקומען ביי אים אָן אַ שיעור. ער האָט מיר דערציילט וועגן יידישע שרייבערס און זייערע שאַפונגען, בעיקר וועגן פּרצן, וועלכן איך האָב געדענקט אַ לעבעדיקן פון מיינע פריסטע יאָרן; דערציילט וועגן מענדעלע, שלום־עליכם, וועגן די ייִנגערע — שלום אַש און פּרץ הירשביין — שרייבערס, אין וועלכע ער איז געווען פאַרליבט; די שאַפונגען, פון וועלכע ער האָט רעצי־טירט און פּאָפּולאַריזירט. אויף וויפל איך קאָן זיך דערמאָנען איז ער געווען — נאָך שלמה מענדעלסאָן (זיגמונטס אַ חבר פון גימנאַזיע, וועלכער האָט פּאַקטיש אַריינגעבראַכט יידיש אין אונדזער שטוב אַריין) דער מענטש, וועלכער האָט אָנגעהויבן אין מיר, אַ דערצויגענעם אויף פּויליש און העברעיש, צו וועקן פאַרשטענדעניש און ליבשאַפט צו יידיש.

איך געדענק נישט היינט די טעמעס פון זיינע עפּנטלעכע רעפע־ראַטן און נישט קיין איינצלנע געדאַנקען, וואָס כ'האָב געהערט פון אים. איינס איז מיר בלויז פאַרבליבן אין זיכרון: זיין יראת הכבוד פאַרן יידישן שאַפן, זיין גרענעצלאָזע ליבשאַפט צו יידיש, צום יידישן וואָרט און יידישער קונסט; אַ ליבשאַפט, וואָס האָט ממש אַרויסגע־שטראַלט סיי פון זיינע רעפעראַטן, סיי פון זיינע רעציטאַציעס, בעת וועלכע ער האָט געצערטלט און געקעכלט יעדעס וואָרט; זיכער אויך פון די פאַרשטעלונגען, וועלכע ער האָט אויפגעפירט מיט זיינע דראַמקרייזן אין די שטעטלעך.

זיין השפּעה אויף דער יוגנט אין יענער געגנט איז געווען אַזוי גרויס און שטאַרק, אַז ווען איך בין אָנהייב 1928 פאַרבעטן געוואָרן קיין וולאָצלאַוועק ווי אַ רעזשיסער אין דער טעאַטער־סטודיע „יידישע בינע״ (איינער פון די באַדייטנדיקסטע דראַמאַטישע קרייזן אין לאַנד — טאַקע פון ווייסליצן אָרגאַניזירט), האָט מען נאָך אַלץ דאָרט

גערעדט, אַלץ נאָך דערמאָנט מיט פאַרהערלעכונג דעם נאָמען פון זייער ערשטן רבין יעקב ווייסליץ.

2

און ער איז געווען אַ רבי — אַ רבי אין פולן זין פון וואָרט. מיט אַ מין יידיש־יומטובדיקייט, וואָס האָט געשטראַלט פון אים; מיט דער התנהגות, מיטן טאָן, כ'וואָלט זאָגן — מיטן פּראַווען טיש אין מלכות מאַמע־לשון. מן־הסתם האָט ער אין דעם פּרט אַ סך געירשנט פון דער פּרץ־סביבה, צו וועלכער ער איז געווען נאָענט נאָך ביים לעבן פון פּרצן; פון דער אַטמאָספער פון נעאָ־חסידיזם און שבת־יומטוב־דיקער התרוממות, וואָס האָט אין יענע יאָרן געהערשט אין דער פּרץ־סביבה. דער עיקר אָבער — פון דעם אמתן, אין דביקות אויס־געוויקטן רבין אין דעם יידישן טעאַטער, ווייסליצס רבין — דוד הערמאַן. דערפאַר זענען מן־הסתם אויפן אויבן־אָן פון ווייסליצס קרעאַציעס — אין פּרט פון זייער סצענישער פּלאַסטיק און ווירקונג — געווען די געשטאַלטן פון רביים, רבנים, סתם הייליקע יידן. מיר דוכט זיך, אַז די מאַרקאַנטסטע אין דעם פּרט ראָל זיינע איז געווען דאָס הייליקע שניידערל אין שלום אַשס „קידוש השם" — אין דעם גרעסטן דערפאָלג פון דער „ווילנער טרופּע" נאָך איר צוריקקומען פון רומעניע (1927); אַ פאָרשטעלונג אין וועלכער ווייסליץ האָט אין פּרט פון ווירקן דרייסט געקאָנט קאָנקורירן מיט סאַמבערגס אויס־געהאָמערטער געשטאַלט פון מענדל אַרענדאַר; ער איז געווען אין דער פאָרשטעלונג די אַנטיטעזע צו סאַמבערגס ערדישקייט. אויך אין אַ צווייטער פאָרשטעלונג איז ער געווען אַן אידעאַלע און פּאַרטיפּטע אַנטיטעזע צו סאַמבערגן — דער בדחן אין פּרצס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", פּרצס טרוים אין אַ פיבערנאַכט, וועלכן דוד הערמאַן האָט נאָך יאָרן טרוימען ענדלעך אויסגעפיבערט מייסטעריש אויף דער בינע פון דער „ווילנער טרופּע". ער איז אויך געווען אַן אַנטיטעזע צו יוסף קאַמענס פאַרשייטן הערשעלע ווי דער מרה־שחורהדיקער רבי

פון משה ליפשיצס פּאָעטישער קאָמעדיע „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", וואָס איז אויך אויפגעפירט געוואָרן ביי די „ווילנער" פון מ. ווייכערטן.

ער איז געווען אַ זיידענער סענדער בריניצער אין אַנסקיס „דיבוק" — נאָך דער שפּאַלטונג אין דער „ווילנער טרופּע" (לכתחילה געשפּילט אַ בטלן, צייטנווייז אויך דעם מיראָפּאָליער צדיק); אַ דענקענדיקער און טיף־יידישער דע־סילוואַ אין מאַרעווסקיס אויפפירונג פון „אוריאל אַקאָסטאַ".

פון דער אַנדערער זייט איז ער געווען ווי צונויפגעוואַקסן מיט די פאָלקסטימלעכע געשטאַלטן פונעם פּרץ הירשביין־רעפּערטואַר; האַרציק־נאַיוו אין זיין וואַסערטרעגער אין דער בולאָוו־שטערנבערג־אויפפירונג פון אָסיפּ דימאָווס „דער זינגער פון זיין טרויער". ער האָט געפּרוווט זיינע כוחות אין פאַרשידענע געשטאַלטן פון וועלט־רעפּערטואַר — אַפילו שעקספּירס „שיילאָק" (נאָך סאַמבערגס אָוועקגיין פון דער „ווילנער טרופּע"). ס'איז אים באַזונדערס ליב געווען איבערצונעמען די ראָל פון רב דן אין אַנסקי־קאַציזנעס „טאָג און נאַכט" (נאָך אַלעקס שטיינס אָוועקגיין פון דער „ווילנער טרופּע"). א. ווייטערס „דער שטומער" א. אַנד. זענען געוויסע געשטאַלטן געווען ביי אים געמאַכטע, אַנגעצויגענע, צומאָל — נישט אויסגעטראָגענע. אָבער אַלע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שטאַרקן אינטעלעקטועלן באַנעם און גרויסער פּיעטעט צום אַרויסגעזאָגטן וואָרט.

ער איז געווען פון די געציילטע יידישע וואָרט־קינסטלערס, וואָס האָט מער פאַרשטאַנען און באַנומען, ווי אַרויסגעברענגט. ווייל בדרך־כלל האָבן יידישע קינסטלערס אין יענע יאָרן אַ סך געקאָנט דערגרייכן אינטואיטיוו, מיטן כוח פון זייער אינערלעכן פייער און רויען סצענישן טאַלאַנט — אַ סך מער, ווי מיטן כוח פון וויסן, וואָס איז נישט צו גרויס געווען ביי זיי. ווייסליץ איז געווען פון די געציילטע אויסנאַמען — דער אַקטיאָר פון געדאַנק, דער אינטעלעקטועלער יידישער קינסטלער.

און נאָך עפּעס: פּאַקטיש איז ער געווען דער געטרייסטער

„ווילנער". ער — דער חצי וואַרשעווער און חצי ביאַליסטאָקער — איז געווען דער אייזערנער „ווילנער", גראָד ווי די וואַרשעווער מרים אָרלעסקאַ. ווי לאַנג מרדכי מאַזאָ האָט געשלעפּט דעם שווערן וואָגן פון דער „ווילנער טרופּע" (מיט אַ קורצן איבעררייס, ווען ווייסליץ־קאָמען זענען אַוועק אין אַ פּרווו פון דוד הערמאַנען — אַ פּרווו, וואָס האָט נישט מצליח געווען און זיך גיך געענדיקט) — איז ווייסליץ געווען מיט אים, אין פריידן און אין ליידן. ביידע זאַכן האָבן נישט געפעלט ביי די „ווילנער" אין די איבער 15 יאָר, וואָס ווייסליץ האָט געהערט צו דער טרופּע, געווען אַ זייל פון דער טרופּע, איר געטרייסטע פּלייצע און איר געטריי האַרץ. ליידן פון טאָג־טעגלעכן געראַנגל פאַרן קיום, צומאָל פון נויט און היימלאָזיקייט; שפּעטערישע פריידן און קינסטלערישע טריומפן. אין פּוילן, רומעניע, צוריק אין פּוילן; דאַן — מערב־אייראָפּעישער טורנע און ווידער פּוילן — ביזן ענדגילטיקן פאַנאַנדערפאַל פון דער טרופּע נאָך אירע דורכפאַלן אין 1934—1935 (אָקסנפעלדס „רעקרוטן". י. טונקעלס „גאָטס גנבים").

דאַן ערשט, ווען מאַזאָ האָט שוין ענדגילטיק אויפגעגעבן זיין געראַנגל (געוואָרן געשעפט־פירער ביי מאָריס שוואַרצן), איז ווייסליץ אַוועק אויף זיינע אינדיווידועלע וואַנדערונגען. געטראָגן דאָס יידישע וואָרט אין פראַנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד האָלאַנד, סקאַנדינאַווישע לענדער, דרום־אַפריקע, אויסטראַליע, דרום־אַמעריקע — און ווו נישט? ער איז דוכט זיך — נאָך הערץ גראָסבאַרדן — דער גרעסטער וועלט־וואַנדערער און טרעגער פון געלייטערטן, קינסטלערישן יידישן וואָרט אין פראַנקרייך, בעלגיע, ענגלאַנד, האָלאַנד סקאַנדינאַווישע בורנער דוד הערמאַן־קרייז, וועלכער איז אונטער זיין השגחה אויסגעוואַקסן (גראָד ווי ווייסליץ איז אַריינגעוואַקסן אינעם יידישן טעאַטער אונטער דער השגחה פון דוד הערמאַן), האָלט לעקציעס, גיט וואָרט־קאָנצערטן.

דער וואַנדערנדיקער שטערן קאָן אָבער נישט צו לאַנג איינזיצן אויף איין אָרט. ווען עס באַרואיקט זיך אַ ביסל אויף דער וועלט — נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — נעמט ער ווידער דעם וואַנדער־

שטעקן אין האַנט אַריין, פאָרט קיין צפון־אַמעריקע, וואַנדערט אין דער לענג און אין דער ברייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע; קומט קיין ישראל (1950), טרעט־אויף מיט זיינע וואָרט־קאָנצערטן, מאַכט אַן אויפפירונג אין „אהל" (חיים סלאָוועסעס „די צייט פון געזאַנג") און אין יאָר 1951 קומט ער צוריק קיין אויסטראַ־ליע, דאָס מאָל — אויף שטענדיק. ווערט דער פאַרוואַלטער פון דער יידישער שול אין מעלבורן, מאַכט ווייטער אויפפירונגען, גיט לעק־ציעס, וואָרט־קאָנצערטן — כמעט ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן, וועלכעס ער שלעפּט קוים־קוים ביז די 75 יאָר זיינע, שטאַרבט ער דעם 24סטן אויגוסט 1966, אין מעלבורן.

קורץ פאַר דעם האָט מען געפייערט זיינע 50 יאָר טעאַטער־טעטיקייט און ער איז נאָך אויפגעטראָטן אין אַ נייער ראָל — דעם אַלמן אין „די הילצערנע שיסל", דאָס שוואַנען־ליד פונעם אַלטן, פאַרדינסטפולן און מיפולן קינסטלער.

3

וואָס עס האָט באַזונדערס כאַראַקטעריזירט ווייסליצן: ער איז געווען פון די ערשטע אין דער יידישער טעאַטער־וועלט, וועלכער האָט די טעאַטער־עבודה (וואָס איז געווען אַזוי אייגן דער אַטמאָס־פער פון דוד הערמאַן־קרייז און פון דער „ווילנער טרופּע") דער־הויבן — אַחוץ אירע ריין־קינסטלערישע אויפגאַבעס — צו דער מדרגה פון אַ קולטור־אויפטו. ביי דער נעילה פון זיין לעבן איז ער געווען כמעט בלויז קולטור־טוער, אָבער אויך אין די פריערדיקע יאָרן — סיי ווען ער איז געווען פאַרבונדן מיט דער „ווילנער טרופּע", סיי ווען ער איז געווען פריי — האָט ער נישט פאַרנאַכלעסיקט זיין קולטור־אַרבעט. מיט זיין וואָרט־קונסט — סיי מיט זיינע וואָרט־קאָנצערטן, סיי מיט רעפעראַטן. דאָס האָט ער געטון אין פּוילן, דאָס האָט ער געטון אין רומעניע — ווו נאָר ער האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט.

פֿאַראַן אַפֿילו אַ סך אַנעקדאָטישע עפּיזאָדן פֿון ווייסליצס וואַנדערונגען מיט די רעפּעראַטן. אידעיש, פּאָליטיש, איז ער געווען פֿון די יונגע יאָרן אַן אַ בונדאָוויעץ, נאָר קיינמאָל איז ער נישט געווען קיין פּאַרטייסענער פֿאַרבייטער. באַזונדערס ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן קונסט, וועגן יידישער ליטעראַטור. אין די פּראַגעס האָט ער תמיד געוואָלט זיין אַפּאַרטייאיש, אָדער אַפֿילו איבערפּאַרטייאיש. איז ער אַרויסגעטראָטן מיט רעפּעראַטן אומעטום ווו מ׳האָט אים פֿאַרבעטן, אין וועלכער פּאַרטיי דאָס זאָל נישט זיין.

דערציילט מען, אַז בעת אַ קריזיס אין דער „ווילנער טרופּע" אין רומעניע, איז ער אַרומגעפֿאָרן מיט רעפּעראַטן איבער בוקאָווינע, וווּ ס׳איז געווען אַ צאָל בונדישע גרופּעס. האָט ער דאָרט געקאָנט דרייסט אָנהייבן אַ קאַפּיטל פֿון זיינס אַ רעפּעראַט „אונדזער פֿאַרשטאָרבענער פֿירער וולאַדימיר מעדעם". ער האָט זיך אָבער אַזוי איינגעוווינט דערצו, אַז ווען מ׳האָט אים פֿאַרבעטן אויף אַ רעפּעראַט אין אַ רעוויזיאָניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אַ בעסאַראַבער שטעטל, האָט ער אויך אָנגעהויבן מיט „אונדזער פֿאַרשטאָרבענער פֿירער וולאַדימיר...". דאָ האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער רעדט צו רעוויזיאָניסטן, האָט ער פֿאַרענדיקט: „זשאַבאָטינסקי". דאָס איז געווען אין דער העלפֿט צוואַנציקער יאָרן. דער סקאַנדאַל איז דוכט זיך קלאָר.

אָבער רעפֿערירן האָט ער ליב געהאַט אַן און פֿאַר זיך. אין יאָר 1923 האָב איך זיך צונויפֿגעטראָפֿן מיט דער „ווילנער טרופּע" אין לעמבערג. זיי זענען אָהינגעקומען אויף אייניקע וואָכן גאַסטשפּילן און איך האָב דאַן געוווינט אין לעמבערג, ווו איך האָב רעדאַגירט דעם זשורנאַל „יידישע אַרבעטער־יוגנט" און אַרומגעפֿאָרן מיט רעפּעראַטן אין די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס פֿון די רעכטע פּועלי־ציון. פֿאַרשטייט זיך, אַז יעדן פֿרייען אָוונט האָב איך פֿאַרבראַכט הינטער די קוליסן ביי די „ווילנער", ביי ווייסליצן אין גאַרדעראָב. און ווייסליץ האָט פֿאַר מיר אַליין געהאַלטן גאַנצע רעפּעראַטן. איך האָב דאַן טאַקע געהאַט געזען כמעט דעם גאַנצן רעפּערטואַר פֿון די

„ווילנער״ און ווייסליצן אין אַ גרעסערער צאָל ראָלן. אָבער נישט דאָס איז געווען דער עיקר פון אונדזערע שמועסן. דער עיקר איז געווען: ליטעראַטור. ער האָט מיך געפרעגט וועגן וואָס איך וועל מאָרגן ערגעץ לייענען אַ לעקציע, אויסגעפרעגט די טעזן, געגעבן עצות, אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, וועלכע ער האָט געוואָלט, איך זאָל זיך צואייגענען — ממש ווי אַ רבי.

איך דערמאָן זיך אין שייכות דערמיט אַן אַנעקדאָטישן עפּיזאָד מיט דעם דאַן נאָך יונגן אַקטיאָר אָבער שוין אויפגייענדיקן שטערן פון דער „ווילנער טרופּע״ — יוסף בולאָוו; בולאָוון, וועלכער איז דאַן געזעסן אין איין גאַרדעראָב מיט ווייסליצן, האָבן ווייזט אויס אַנגעהויבן צו לאַנגווייליקן אונדזערע שמועסן, האָט ער אונדז איין־מאָל איבערגעריסן:

— וועגן וואָס רעדט איר עס אַזוי פיל?

— וועגן מענדעלען — האָב איך אים געענטפערט.

— וואָס מיר מענדעלע, שמענדעלע, גייט אַרויף אויף דער בינע און דערלאַנגט! — האָט זיך בולאָוו אויפגעקאָכט.

ווייסליץ איז געווען אויסער זיך, אָבער — ווי זיין שטייגער — אַראָפּגעשלונגען עס מיט אַ שמייכל.

אַ סך צוזאַמענטרעפן האָב איך געהאַט מיט ווייסליצן אין יאָר 1927 — נאָך זיין צוריקומען פון רומעניע. אַ געוויסע צייט האָבן מיר זיך דאַן צונויפגעטראָפן אין לעמבערג, ווו די ווילנער האָבן גע־שפּילט אַ לענגערע צייט און איך בין געווען קאָנפעראַנסיער אין „עזאזל״; שפּעטער אין וואַרשע און נאָך ווייטער האָבן מיר אַפילו אַ שיינע פּאָר וואָכן צוזאַמענגעאַרבעט. כ׳בין דאַן אַליין אַנגעקומען אין דער „ווילנער טרופּע״, ווען זיי האָבן אין ביאַליסטאָק געגרייט אהרן צייטלינס „יידן־שטאָט״ (אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע האָט ווייסליץ געשפּילט דעם לירישן יונגן העלד, אַ ישיבה־בחור און איך — דעם אַלטן רב זאַלקינד); געשפּילט מיט ווייסליצן אין זיין באַליבטן „קידוש השם״, ווו ער האָט מיר אַרויסגעוויזן אַן אומבאַ־שרייבלעכע וואַרעמקייט. ס׳איז מיר שווער געווען פעסטצושטעלן,

צי דאָס איז געווען די וואַרעמקייט פון הייליקן שניידערל צו שלמה־לען, צי פון יעקב ווייסליצן צו אַ מענטשן, וועלכן ער האָט געקענט פון קינדווייז אָן און איצט האָט ער זיך צום ערשטן מאָל מיט אים צוזאַמענגעטראָפן אויף דער בינע. אָבער די שטאַרקסטע זכרונות האָבן ביי מיר איבערגעלאָזט אונדזערע שיחות חולין אין משך פון דער צייט. שעהנלאַנג האָבן מיר געקאָנט ביידע שמועסן: שעהנלאַנג האָב איך דאָן געשלונגען ווייסליצס פּאַרליבטקייט אין דער שיינקייט פון יידישן וואָרט. און ווען איך האָב אים באַוויזן אַן אַרויסרוף, וואָס איך האָב באַקומען פון אַרטיסטן־פאַראיין — איך זאָל זיך שטעלן צו דער אַרבעט אין אַ נייעם טעאַטער, וואָס דער פאַראיין האָט געשאַפן אין וואַרשעווער „עליזעום״ מיט יאַנאָס טורקאָוון בראש — דעם „וניט״, האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער איז בלאַס געוואָרן. ער האָט מיך שטאַרק אָפּגערעדט פון פאַרן, אָפּן מיר געזאָגט: „וועסט מיר שטאַרק פעלן. פאַר וועמען וועל איך זיך קאָנען אַזוי אַראָפּרעדן פון האַרצן, אַז דו וועסט נישט זיין?״

איך בין אַוועק און מער מיט ווייסליצן זיך נישט צונויפגעטראָפן דירעקט ביי דער טעאַטער־עבודה. אונדזערע וועגן זענען זיך שוין צעגאַנגען, זעלטן פלעגן מיר זיך טרעפן. צונויפשרייבן פלעגן מיר זיך קיינמאָל נישט — ביידע געווען פויל אויף דער פען, אַפּנים.

בלויז איינמאָל האָבן מיר זיך זינט דאַן געהאַט צונויפגעטראָפן אויף אַ לענגערן שמועס: נאָכן צוריקקומען פון זיין ווייב, יוכבד, פונעם ראַטנפאַרבאַנד, וווהין זי איז געהאַט געפאָרן אויף אַ באַזוך צו ווייסליצס מוטער און ברידער. דאַן האָט זי זיך אויך אַריינגעכאַפּט צו ווייסליצס פעטער, דעם באַרימטן אויסערן־קאָמיסאַר פון ראַטנפאַרבאַנד, מאַקסים ליטווינאָוו. זיין ווייב איז דאָס גאַנצע לעבן געווען פּאָליטיש אין אָפּאָזיציע צו ווייסליצן (זי איז געווען אַ פּועלי־ציוניסטקע). האָט זי אים אָפּט אויך פאַרגעוואָרפן דעם פעטער זיינעם. מיט איניקע יאָר פריער, ווען ס׳איז געווען די אָפּערע מיטן געפעלשטן זינאָוויעוו־בריוו אין ענגלאַנד (וואָס האָט גורם געווען אַ רעגירונג־קריזיס און דאָס פאַלן פון דער לייבאָר־רעגירונג אין ענגלאַנד), האָט

זי אין מיין אַנוועזנהייט פאַרגעוואָרפן ווייסליצן : „ס'איז דיין פּעטערס אַרבעט. אַזאַ הפקר־יונג, ווי דו״. האָט ער געוואָלט, אַז זי זאָל איצט מודה זיין, אַז זיין פּעטער איז גאָרנישט אַזאַ הפקר־יונג... אָבער יוכבד האָט אים אויך דאָס מאָל אַנטוישט: נאָכן דערציילן וועגן דער פּראַכט פון קרעמל, און וועגן דער גרויסער פּאָזיציע, וואָס ליטווינאָוו פאַרנעמט אין ראַטנפאַרבאַנד, האָט זי פאַרענדיקט „און אַ הפקר־יונג איז ער דאָך געבליבן״...

דערנאָך האָט ער שוין אָנגעהויבן זיינע אויסלענדישע וואַנדערונ־גען. אויך איך בין געווען מער אין אויסלאַנד, ווי אין פּוילן. איבער אונדזערע היימען האָט פאַרבייגעשטורעמט דער בלוטיקער היטלער־מבול. ווייסליץ איז געוואָרן אויף פעסט אַן אויסטראַליער. איך בין צוריקגעקומען קיין פּוילן, לסוף געוואָרן אַ ישראלדיקער. נאָך אייניקע יאָר פון מיין זיין אין ישראל האָט זיך ווייסליץ דערמאָנט וועגן מיר: אָנגעשריבן מיר אַ בריוו. דערמאָנט אַ ביסל פאַרגאַנגענע צייטן און לסוף מיך געבעטן, איך זאָל אים שיקן דעם טעקסט פון שוואַרצס אויפפירונג פון י. י. זינגערס „יאָשע קאַלב״. איך האָב אים גלייך געענטפערט ווו ער קאָן באַקומען דעם טעקסט און מער פון אים קיין בריוו נישט געהאַט. בלויז געהערט וועגן זיין קראַנקייט, אָפּעראַציע, יובליי. אָבער „יאָשע קאַלב״ איז שוין אויפגעפירט געוואָרן אין מעלבורן מיט ווייסליצס דוד הערמאַן־גרופּע — דורך ווייסליצס איידעם, מיין סטודיע־חבר משה פּאָטאַשינסקי, מיט דער באַטייליקונג פון ווייסליצס טאָכטער, מיליע — ווען ווייסליץ האָט זיך שוין געפונען אויפן טויטן־בעט.

און אָט קומט אָן די ידיעה: טויט. צו די שלושים האָט מען מיך געבעטן צוצושיקן מיין מיטבאַטייליקונג צו דער אַזכרה אין מעל־בורן. גלייך נאָכן אַוועקשיקן די שורות צו דער אַזכרה האָב איך זיך אַוועקגעזעצט — אונטערן פרישן איינדרוק פון זיין אַוועקגיין — שרייבן מיינע זכרונות און דערמאָנונגען וועגן דעם פיינעם יידישן קינסטלער, ווערטיקער קולטור־שעפערישער פּערזענלעכקייט און צאַרטן מענטשן, יעקב ווייסליץ, אַזוי ווי איך האָב אים געקענט — און געדענקט — אין משך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט.

דאָס וואַרשעווער פאָלקס־קינד אסתר פערלמאַן

1

אין טראַגיש־הייסע שעהן פאַר יידן אינעם נאָכמלחמהדיקן פוילן, געציילטע טעג נאָכן קעלצער פאָגראָם (יולי 1946) זענען זיך צונויפגעקומען קיין לאָדוש די עקשנים פון יידי־שן טעאַטער — די וואַנדערנדיקע און בלאָנדזשענדיקע שטערנס — אויף זייער ערשטן צוזאַמענפאַר נאָכן היטלער־חורבן. ס'האָט אונדז באַהערשט עפּעס אַ מוראדיקער קדחת, געשליידערט צווישן שרעק און האָפענונג. אַ סך זענען שוין געזעסן אויפן איינגעפּאַקטן ביסל אָרעמקייט, גרייט צו שמוגלען די גרענעץ — נייערט דערוויל, אויב ס'לאָזט זיך נאָך אַריינכאַפּן ערגעץ אַ פאַרשטעלונג, אַ קאָנצערט, איז: פאַרוואָס נישט? אַנדערע ווידער האָבן בכלל פאַר זיך נישט געזען קיין צווייטן וועג, ווי פאַרביסן איינצוקלאַמערן זיך אין דער צוריקבאַקומענער היים, אָדער כמו היים, מיט דער האָפענונג, אַז די פון קרעמאַטאָריע־רויך פאַרכמאַרעטע הימלען וועלן זיך סוף־כל־סוף אויסלייטערן, ס'וועט ווידער אויפקומען אין פוילן אַ יידיש לעבן און קולטור־שאַפן. צו דער גרופּע פאַרביסענע „האָפערס" האָב איך געהערט. בין איך פונעם צוזאַמענפאַר דעלעגירט געוואָרן — צוזאַמען מיטן פאַרזיצער משה ליפּמאַן — צום „דזשאָינט" קיין וואַרשע, בעטן הילף אויף איבערצוהאַלטן די שלעכטע צייט, כדי מיר זאָלן קאָנען צוריקבויען די חרובע יסודות פונעם יידישן טעאַטער, פון דער יידישער קולטור.

אינעם פּאַלאַץ פון וואַרשעווער „דזשאָינט" האָט אונדז אויפ־געגומען דער גענעראַל־סעקרעטאַר י. גיטלער־באַרסקי. מיר האָבן

געוווּסט, אַז ער איז אַ קאָמוניסט, האָט איבערגעלעבט אַ היטלער־לאַגער און איז פריינדלעך איינגעשטעלט צו די פּרוּוון צוריקצובויען דעם יידישן ישוב אין פּוילן. גיטלער־באַרסקי האָט אונדז טאַקע וואַרעם אויפגענומען, באַקענט זיך מיט די רעזאָלוציעס פונעם צו־זאַמענפאָר געריכט זייער טאָן און אינהאַלט — זייטיק דערביי צוגע־וואָרפן מיר: „דאָס זענט איר דער מחבר פון די רעזאָלוציעס?" (און ער האָט געטראָפן...). צוגעזאָגט הילף. ער האָט איבערגעקוקט די רשימה פון די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אין פּוילן, זיך שטאַרק דערפרייט:

— אסתר פּערלמאַן איז דאָ? גריסט זי פון מיר און זאָגט איר, אַז איך און מיין מוטער ווילן זי זען.

איך בין געוווּיר געוואָרן, אַז גיטלער און אסתר זענען חברים פון די קינדער־יאָרן, צוזאַמען אויסגעוואַקסן אין די געסלעך פון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט — צומאָל אויף איין הויף — זייערע טאַטעס האָבן אַ סך יאָרן צוזאַמען געאַרבעט (ביידע זענען זיי, דוכט זיך, געווען סאַרווערס אויף יידישע שמחות) און די משפּחות זענען געווען נאָענט צוזאַמענגעלעבט. אַזוי אַרום איז מיר באַקאַנט געוואָרן אַ וויכטיקער פּרט פון אסתר פּערלמאַנס ביאָגראַפיע: זי האָט געשטאַמט פון דער יידישער פאָלקס־אָרעמקייט. פון דאָרט איז זי אַרויס נאָך גאָר אַ יונג מיידל — ממש אַ קינד — אין די וואַנדע־רונגען פון יידישן טעאַטער, אויף די וועגן פון איר עלטערן ברודער יעקב, אָדער ווי מ'האָט אים גערופן „דער געלער יאַנקל".

„דער געלער יאַנקל" איז מיטגעריסן געוואָרן אין יידישן טעאַ־טער מיטן מעכטיקן שטראָם פאָלקס־כּוחות, וואָס זענען אַוועק צו דער ביגע נאָך דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע פון 1905. די דאָזיקע רעוואָלוציע — נישט געקוקט אויף איר דורכפאַל — האָט געהאַט אַ סך פּאָזיטיווע אויסווירקונגען אויפן לעבן אין רוסלאַנד. צווישן אַנדערע — די לעגאַליזאַציע פון יידישן טעאַטער, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צום קאַמופלירטן „יידיש־דייטשן טעאַטער". די לע־גאַליזאַציע — כאָטש דאָס איז אָפּטמאָל געווען אַן אַך און ווי לעגאַ־

ליזאַציע, אויפֿן חסד פֿון דעספּאָטישע „טשינאָווניקעס" און פּאָלי־ציאַנטן — האָט אַריינגעבראַכט אַ סך פֿריש בלוט אינעם קוים־זשיפּענדיקן יידישן טעאַטער־אָרגאַניזם. יעקב פּערלמאַן איז געווען איין טראָפּן פֿון דעם פֿרישן בלוט. ער האָט אָנגעהויבן אַרומצוואַנ־דערן איבער פּוילן און רוסלאַנד. שפּעטער — אַנטלויפֿנדיק פֿון „פּריזיוו" — אַוועק קיין אַרגענטינע אין יידישן טעאַטער. די טעאַ־טער־יוירונג, דער טעאַטער־כּישוף, האָט זיך פֿון אים אַריבערגעטראָגן אויף זיין יינגסטן שוועסטערל, אסתּר (זי איז נאָך געווען גאָר אַ קינד, ווען ער איז אַוועק קיין אַרגענטינע) און ביי דער ערשטער געלעגנ־הייט, בעת דער דייטשער אָקופּאַציע אין וואַרשע (1916) פֿאַרוואַנדלט זי אין אַ דערפֿאָלגרייכער סוברעטין.

כאָטש אַזוי יונג — נאָך ממש אַ קינד — האָט זי זיך גיך דער־וואָרבן אַ נאָמען און פּאָזיציע אין די וואַנדערנדיקע יידישע טעאַטערס אין פּוילן. מיט אירע גלענצנדיקע אויסערלעכע מיטלען, שטים, טעמפּעראַמענט און קוועקזילבערדיקייט, איז זי געוואָרן פֿון די פּאָ־פּולערע סוברעטינס אין פּוילן און אויסער די גרענעצן פֿון פּוילן. מיט איר ערשטן פּאַרטנער, יעקב שעפּנער, האָט זי אָנגעהויבן צו גאַסטראָלירן אין מערב־אייראָפּע, דרום־אַמעריקע; צוריקגעקומען קיין אייראָפּע — ווידער גאַסטראָלירט אין די מערב־לענדער, געוואָרן אַ ליבלינג אין ווין, פֿון וואַנען זי איז אַוועק אין אַ ווייטן טורנע מיטן געוועזענעם רעזשיסער פֿון דער ווינער „פֿאָלקס־בינע", דעם באַקאַנטן אַקטיאָר און זינגער יצחק דויטש. אונטער זיין אָנפֿירונג האָט איר טאַלאַנט גאָר שטאַרק אויפֿגעבליט. יצחק דויטש האָט — מיט איר בראש — געשאַפֿן אַ שטענדיק יידיש טעאַטער אין בראַזיל, אין סאַן פּאַולאָ. ער האָט עס טאָקע אָנגערופֿן „אסתּר פּערלמאַן־טעאַטער". מיטן טויט פֿון יצחק דויטשן איז דאָס טעאַטער אונטערגעגאַנגען, אָבער אסתּר פּערלמאַן איז פֿאַרבליבן אַן אָנערקענטע — און טאָקע רייפֿע — בינע־קינסטלערין. אין די דרייסיקער יאָרן מאַכט זי דורך, ווי אַ פּאַרטנערין פֿון זיגמונט טורקאָוו, אַ גרויסן טורנע איבער דרום־ און צענטראַל־אַמעריקע; קומט צוריק (אין 1937) קיין איי־

ראָפּע, גאַסטראָלירט אַליין אין פּאַריז; פּייערט טריומפֿן אין אַ מעלאָדראַמע אין וואַרשעווער „סקאַלאַ"־טעאַטער, ביז זי טרעט אַריין אינעם באַנייטן וואַרשעווער יידישן קונסט־טעאַטער „וויקט" (1938), וועלכער האָט דאַן אָנגעהויבן צו ווירקן אונטער זיגמונט טורקאָווס אָנפֿירונג אין לעמבערג. דאָרט טרעף איך זיך מיט איר צונויף צום ערשטן מאָל ביי אַרבעט און חברישן צוזאַמענלעבן (אויב נישט צו רעכענען אונדזער קורצע צוזאַמענאַרבעט אינעם קלאַנג־פֿילם „תּקיעת כּף", ווו אסתּר פּערלמאַן האָט געשפּילט מיין מוטער), וואָס איז דורך קאָלט און וואַרעמס — אין פֿאַרשידענע צייטן און לענדער — ביז איר פּריצייטיקן טויט (סוף אויגוסט 1966), אין דעם זעלבן סאַן־פּאַולאָ, ווו זי האָט אַמאָל געפּייערט אַזעלכע גרויסע טריומפֿן, ווו ס'האָט געהאַט געווירקט דאָס „אסתּר פּערלמאַן־טעאַטער". דאָרט איז פֿאַרבליבן דער קבר פֿון אסתּרן.

2

ווען איך וואַרף אַ בליק אויף צוריק, קאָן איך זיך נישט אָפּוווּנדערן, ווי אַזוי דאָס קליינע, שוואַרץ־חנוודיקע ווייבעלע — וואָס האָט ביזן לעצטן טאָג פֿון איר לעבן פֿאַרהיט אין איר פֿיגור, צומאָל אין פּנים, בולטע שטריכן פֿון איר „סוברעטישקייט"; דאָס קינד פֿון דער וואַרשעווער יידישער אָרעמקייט, וואָס האָט קוים אַ נאַש־געטון פֿון עלעמענטאַרער בילדונג — ווי אַזוי זי האָט באַוויזן אַרויסצושיינען אין פֿאַרשידענע טעאַטערס און טעאַטער־פֿאַרשטעלונגען, אַפֿילו ערנסטע; אויפֿנעמען און איינזאַפּן אין זיך געשטאַלטן און איבערלעבונגען, וואָס זענען ווייט אַריבערגעשטיגן איר אינטעלעקטועלן באַנעם. דער איינציקער ענטפֿער, וואָס קומט מיר אויפֿן געדאַנק: דער טאַלאַנט. איר טאַלאַנט, וואָס האָט זי אַרויסגעהויבן איבער אַלע שוועריקייטן און הויכקייטן, צו וועלכע זי האָט אינטעלעקטועל נישט געקאָנט דערגרייכן. טאַלאַנט און באַציונג. די אומגעהויערע ליבע צום טעאַטער, צו דער בינע, ווו זי האָט געפֿונען אַ זין פֿון איר לעבן,

אַ באַזינונג פון אירע הונגעריקע קינדער־יאָרן און אומאויפהערלעכע וואַנדערונגען, פון נע־ונדעווען איבער לענדער און קאָנטינענטן. די באַציונג האָט זי תמיד געטריבן צו זוכן אַ תיקון אין אַ בעסערן טעאַטער־אַנסאַמבל, אין אַ בעסערער טעאַטער־פאָרשטעלונג, אונטער דער אָנפירונג פון מענטשן מיט טעאַטער־קולטור און קולטור בכלל. דער טאַלאַנט ווידער האָט איר דערמעגלעכט צו געפינען אַן אָרט אין יעטוועדן טעאַטער, זיך אַרויסצוהייבן — אפילו אַן צו מאַכן ספּעציעלע באַמיונגען דערצו.

בלויז אַ טיפּישער טעאַטער־דאַן־קישאָט האָט געקאָנט ביי זיך פּועלן צו מאַכן דעם שריט פון אסתר פּערלמאַן (אין יאָר 1938) : צו רעזיגנירן פון גרויסע אותיות, פון סטאַרעווען ווי „אַ פּרוי פּאַר אַלע" ; נישט באַרוישט צו ווערן פון די שטורמישע אַפּלאַדיסמענטן, מיט וועלכע דער עולם אין „סקאַלאַ" האָט אויפגענומען דאָס שונדיש־לאַקריצדיק־שוידערנדיקע לידל „פּאַפּיעראָסן" ; נישט אָננעמען קיין פֿאָרשלאָגן צו מאַכן טורנעען איבער דער פּראָווינץ מיטן מעלאָדראַ־מאַטישן שלאָגער, מיט וועלכן ס'איז איר פּירגעשטאַנען צו „זשויבן גאָלד" — און אַוועקצוגיין אין „וויקט", ווי אַ חברטע אין קאָלעקטיוו, צוריקצובויען דאָס וואַרשעווער יידישע קונסט־טעאַטער. און אין אַ מאָמענט, ווען דער הימל אין אייראָפּע איז שוין געווען פאַרטונקלט מיט געדיכטע וואָלקנס פון דער אָנקומענדיקער מלחמה.

אַ יאָר צייט האָבן מיר דאַן מיטגעאַרבעט אין זיגמונט טורקאָווס „וויקט". אָנגעהויבן — ביי גאָר גרויסע שוועריקייטן און דערגאַנגען צו וואַגיקע סצענישע טריומפן. סיי ביי הונגער־פּאַרדינסטן, סיי ביי די טריומפן (וואָס האָבן מיט זיך געבראַכט אַ באַדייטנדיקע מאַטעריעלע שפע) איז אסתר פּערלמאַן פאַרבליבן דער זעלבער דיסציפּלי־נירטער מיטגליד אין קאָלעקטיוו, די זעלבע גוטע חברטע.

די באַצייכענונג „גוטע חברטע" איז נאָך ווייט נישט אַלץ געזאָגט וועגן אסתרס כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. זי איז געווען מער ווי אַ גוטע חברטע — זי איז געווען אַ גוטע נשמה. דאָס האָט ממש אַרויסגע־שטראַלט פון אירע מעשים. מילא, אין נאָרמאַלע צייטן האָט דאָס

געקאָנט זיין אַ חנדל, אַ זשעסט. זי איז עס געווען אויך אין די שווערסטע צייטן — אין די ביטערסטע יאָרן פון מלחמה־וואָגלעניש, הונגער, היימלאָזיקייט, פאַרוואָרלאָזטקייט און אַלע אַנדערע פּלאָגן.

לאָמיר זיך אויף אַ רגע צוריק אומקערן צום קאַפּיטל „וויקט" — ביז דער מלחמה. אין די ערשטע חדשים אין לעמבערג האָט זי זיך איינגעגלידערט לייכט אינעם אַלטן רעפּערטואַר: געווען אַ האַרציקע מאַמע אין שלום אַשס „אַנקל מאָזעס"; די אַריסטאָקראַטישע רוסישע דאַמע, די מוטער פון אַ צום טויט־פאַרמשפּטן רעוואָלוציאָנער אין אַנדרעיעווס „זיבן געהאָנגענע"; שלום־עליכמדיק אין די „בלאָנדזשנ־דע שטערן"; די אומגליקלעכע „מוטער אין שטייג" אין וויקטאָר הוגאָס „דער גלאָקנציער פון נאָטר־דאַם" א. אַנד.

אין די צוויי גרויסע גאָלדפאַדען־אויפפירונגען פון „וויקט" — אין „שולמית" און „בר־כוכבא" — האָט זי קיין ראָל נישט געהאַט (אין „שולמית" האָט זי בלויז פאַרטראַטן אַ געוויסע צייט די קראַנק־געוואָרענע פּערל אוריך אין דער ראָל אביגיל — און מיט דערפאָלג פאַרטראָטן); זי האָט אָבער אויפגעשיינט מיט טויזנטער חנען ווי די קליינשטעטלדיקע ספּלעטניצע אין דער אויפפירונג פונעם אַשענדאָרף־פריזמאַט־מאַנטאַזש „די בראָדער זינגער" — איינע פון די אינטערעסאַנטסטע „וויקט"־פאַרשטעלונגען אין יענער תּקופה, וואָס האָט ליידער נישט געהאַט קיין מזל ביים לעמבערגער עולם.

די מלחמה האָט אונדז פאַרכאַפּט בעת די וואַרשעווער גאַסט־שפּילן. געציילטע טעג נאָכן פאַלן פון וואַרשע האָב איך זיך באַ־געגנט מיט אסתּרן אויף די חורבות פונעם „נאָוואָשטשי"־טעאַטער, ווו מיר האָבן נאָך מיט אייניקע וואָכן פריער באַגייסטערט דעם וואַרשעווער עולם מיט „שולמית". די לופט איז נאָך פול געווען מיטן רויך פון שריפות, ס'האָבן זיך נאָך געפילט די סמאָלינעס פון צעאַשטע גופים, געאָווירט די רעשטלעך פון טויטע פערד אויף די אָרומיקע חורבות. מיר זענען געקראָכן איבער בערג פון ציגל, צעהאַקטע און אויסגעקרומטע אייזנס פון דער בינע, געזוכט — אפשר איז עפּעס פאַרבליבן פון „וויקט" אויף די חורבות; כ'האָב זיך איינגערעדט:

טאָמער איז נאָך פאַרבליבן דער אַרכיוו כאָטש, מיטן טאָגבוך, וואָס איך האָב געפירט. אָבער געווען איז דאָרט בלויז אַש, ווו נישט ווו באַלויכטן פון אַ שוואַך־גליענדיקער האַלעוועשקע. מיט אַ שטיל, גע־שטיקט געוויין האָט עס אסתר באַוויינט: „פאַרברענט דער חלום פון מיין לעבן"...

און דאָס לעבן איז ווייטער געפלאָסן, געקראָכן, געפּויזעט — דאָך האָט עס זיך געריקט פאָרויס. מיר האָבן זיך ווידער באַגעגנט אין ביאַליסטאָק, פּליטים. מאַרעווסקי האָט אָרגאַניזירט דאָס ביאַליסטאָקער יידישע מלוכה־טעאַטער און מיר האָבן צוזאַמענגעאַרבעט אַנדער־האַלבן יאָר ביזן צעפאַלן ווערן פון טעאַטער — ווידער אונטער די באָמבעס פון היטלערס מחבלים.

געווען איז עס דאָס ביאַליסטאָקער יידישע מלוכה־טעאַטער אַ גאָר שיין קאַפּיטל אין דער יידישער טעאַטער־געשיכטע. ס'איז פאַר־געקומען דאָרט — ווי אין אַלע טעאַטערס, וואָס זענען אויפגעקומען אין די נייע סאָוויעטישע געביטן: לעמבערג, ווילנע, קישיניעוו, טשערנאָוויץ א. אַנד. — אַ צוזאַמענטרעף פון צוויי וועלטן, וואָס זענען זיך ביז דאַן געווען לגמרי פרעמד, צומאָל פיינטלעך. אין יעדן פון די נייע טעאַטערס זענען אַריינגעשיקט געוואָרן באַדייטנדיקע גרופּעס אַקטיאָרן פון יידישע טעאַטערס, וואָס זענען אין צווישנצייט ליקווי־דירט געוואָרן אין ר.פ. (ווי מיר האָבן זיך עס ערשט אַ סך שפּעטער דערוווּסט). קיין ביאַליסטאָק — פון באַקו; קיין לעמבערג — פון דניעפּראָפּעטראָווסק; קיין קישיניעוו — פון טאַשקענט אאַז"וו. דער צוזאַמענטרעף איז לכתחילה געווען נישט צו וואַרעם. ביידע צדדים האָבן זיך קעגנזייטיק צו זיך באַצויגן מיט גאָר אַ שטאַרקן אומצוטרוי. מיר האָבן געטענהט, אַז די סאָוויעטישע חברים קומען ווי קאָמיסאַרן אויף אונדזערע קעפּ; זיי האָבן צו אונדז געהאַט טענות פון קנאה: „איר האָט דאָס גאַנצע לעבן געלעבט אין בורזשואַ־זע ווילטיקן" (כאָטש דאָס יידישע טעאַטער אין פּוילן איז געווען כ'ערסטנס גאָר בכבודיק אויף צרות) און זיי האָבן זיך געמאַטערט אין דער אייביקער סאָוויעטישער נויט. ווי ס'זאָל אָבער נישט זיין —

אין ביאַליסטאָקער טעאַטער האָבן זיך נאָך אַ קורצער צייט איינגע־שטעלט קאָרעקטע, צומאָל גוטע חברישע באַציונגען צווישןביידע צדדים. אַ סך איז עס געווען צו פאַרדאַנקען דעם פאַקט, וואָס בראש פון דער באַקוער גרופּע איז געווען דער אַרטיסט און רעזשיסער יעקב מינדלין — אַ פיינער, באַגאַבטער טעאַטער־קינסטלער (און פיינער מענטש), וועלכער האָט אָנגעהויבן זיין טעאַטער־קאַריערע פ אַ ר די סאָוויעטישע צייטן (מן־הסתם איז ער דערפאַר תמיד געווען אין פאַרוואָרפענע טעאַטער־העקן, ווארים די אָפיציעלע סאָוויע־טיש־יידישע טעאַטער־פירערס האָבן געהאַט אַ ווידערווילן צום „סטאַראָיעווריסקי טעאַטער"); אפשר איז אויך דער עלעמענט פון די פויליש־יידישע אַקטיאָרן אין ביאַליסטאָק געווען מער פרידלעך, נישט אַזוי איינרייסעריש ווי ערגעץ אַנדערש. אַ פאַקט: מיר זענען געוואָרן מיט דער צייט איין שעפערישע משפחה. און אסתר פּערל־מאַן — נישט פון די לעצטע אין דער משפחה. אין אַלע פרטים. ריין פערזענלעך — אַפילו פון די צום מיינסטן באַליבטע.

מיט אַן אומגעהויערער לייכטקייט האָט זיך אסתר איינגעלעבט אין דער נייער סביבה און אין נייעם רעפּערטואַר. זי האָט באַוויזן באַגלויביק אָפּצושפּילן אַ פּרוי אַ פליערין (אין פּרץ מאַרקישס „משפחה אָוואַדיס", מאַרעווסקיס רעזשי) און אַ גראָטעסקע דינסט (אין מ. גערשענזאָנס „הערשעלע אָסטראָפּאָליער", מינדלינס רע־זשי); אַן עפּיזאָד אין מ. דאַניעלס „יוליוס" (רעזשי מ. וויסקינד — י. מינדלין) און אין ל. רעזניקס „דאַניע" (רעזשי מינדלין); חנה־דבורה אין גאָרדינס „מירעלע אפרת" (רעזשי מינדלין, מיין אַסיסטענ־טור) און די קראַנקנשוועסטער אין א. קאָרנייטשוקס „פּלאַטאָן קרע־טשעט" (רעזשי וויקטאָר צייטלין). דער אַנסאַמבל איז געווען אַ גרויסער, אויפפירונגען האָט מען פאַרהעלטנישמעסיק ווייניק גע־מאַכט, איז איר אויסגעקומען צו דובלירן אָפטמאָל, אָדער גאָר זיך אַרומדרייען ליידיק. האָט זי איר צייט אָוועקגעגעבן צו זאָרגן פאַר שטייגער־פראַגן פון די מיטאַרבעטערס, הילף פאַר קראַנקע — די גוטע נשמה האָט זיך דאָ בעסער אויסגעלעבט, ווי די קינסטלערין

אסתר פערלמאַן. נייערט אויך דערפון איז זי געווען צופרידן. ביז ס׳האָט אונדז — בעת אונדזערע גאַסטשפּילן אין ווייסרוסישן מאָהי־לעוו — אַנגעיאָגט היטלער. אונטער אַ האַגל פון באָמבעס און קוילן האָבן מיר זיך עוואַקואירט אין סאַראַטאָווער געגנט. טעג און נעכט אונטערן פייער — אין הונגער, שמוץ, טויט־סכנות. ביז מיר זענען אָנגעקומען אין אַ שטעטל קיסטענדעי, אינעם קאַלכאָז אַנדרעיעווקע פון יענעם ראַיאָן. פון דאָרט איז גאָר בקרוב צוזאַמענגעשטעלט גע־וואָרן אַ גרופּע פון צען עלטערע אַקטיאָרן (נישט אין מיליטער־עלטער) און די גרופּע איז ווי אַ בריגאַדע אַוועק קיין טאַשקענט. אסתר איז אַריינגערעכנט געוואָרן אין דער גרופּע. איך בין געבליבן אין קאָלכאָז. באַגעגנט האָבן מיר זיך ווידער אַ יאָר שפּעטער אין קירגיזיע, אין פרונזע, אויף אונדזער נייער עוואַקואַציע.

3

אסתר איז קיין פרונזע אַ סך פריער אָנגעקומען — נאָך וואָג־לענישן איבער אוזבעקיסטאַן (טאַשקענט, אַנדיזשאַן). פאַרוואָס גראָד פרונזע? — אפשר דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען אַ פאַרוואָרפענע שטאָט, מחוץ דעם גרויסן באַן־טראַקט, ערגעץ עק וועלט. איז זיך לייכטער געווען דאָרט איינצואָרדענען, ס׳איז נאָך נישט געווען אַזוי פאַרפלייצט פון פליטים. דער עיקר אָבער — ווייל דאָרט האָט פאַר־אַנקערט אידאַ קאַמינסקאַ. און אַז זי איז דאָ, וועט דאָך מן־הסתם ווערן אַ שטיקל טעאַטער.

אַזוי איז טאַקע געשען. אידאַ קאַמינסקאַ האָט גאָר גיך צוזאַמענ־געשטעלט אַ קאָלעקטיוו (אַקטיאָרן פון לעמבערגער און פון ביאַליס־טאָקער מלוכה־טעאַטערס) און אָנגעהויבן צו שפּילן. זי האָט פון זיכרון דיקטירט פּיעסן פון איר אַלטן רעפּערטואַר — גאַרדינס, איי־ראָפּעישע — און אויפגעפירט זיי. מיט איר האָבן געשפּילט מאיר מעלמאַן, יעקב קורלענדער, יעקב ריינגלאַס, זיסל גאָרליצקאַ, גרישע אריעל — פון לעמבערגער טעאַטער; אסתר פערלמאַן, שעפטל און

מאַטעס זאַק, מנחם ראַבין (וועלכער איז אין פּרונזע געשטאָרבן, אויסגעצאַנגען פון הונגער און דערשעפּונג נאָך אַ טיפוס) — פון ביאַליסטאָקער טעאַטער. אין אַ צייט אַרום איז צוגעקומען רעגינע גליקמאַן, יצחק קרעלמאַן מיט דאָרקע פּשעפּיורקע, איך (נאָך מיין באַפרייונג פון „טרודפּראַנט") און לסוף — ווען קאַמינסקאַ מיט מעלמאַנען זענען אַוועק קיין מאָסקווע — שמחה נאַטאַן, וועלכער האָט אויך איבערגענומען די אָנפירונג פונעם קאָלעקטיוו און ענני ליטאַן.

נישט וויכטיק איז וואָס פאַר אַ טעאַטער ס'איז דאַן געשפּילט געוואָרן — אין פּרונזע און אויף די גרויסע טורנעען אין מיטל־אַזיע, וואָס דער קאָלעקטיוו האָט געמאַכט. אַוודאי זענען קיין קינסטלערישע דערגרייכונגען, אָדער אויפטוען, אין יענע באַדינגונ־גען נישט געווען. נייערט דער קאָלעקטיוו און זיין טעטיקייט זענען געווען פון אַן אומגעהויער פּאָזיטיווער באַדייטונג פון נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט. ער האָט קאָנצענטרירט אַרום זיך פּליטים פון פּוילן און דערוואַרעמט מיט אַ יידיש וואָרט פּליטים פון פאַרשידענע לענדער און פון די ריזיקע שטחים פונעם ראַטנפאַרבאַנד. ווייל אויך סאָוויעטישע יידן האָבן ממש אויפגעלעבט אויף די פאַר־שטעלונגען פון אונדזער קאָלעקטיוו. דאָ האָבן זיי טאַקע געהאַט אמתע יידישע פאַרשטעלונגען, מיטן וואַרעמען יידישן געלעכטער און קרעכץ; זיי האָבן געהערט אַ זאַפטיקן און געלייטערטן יידיש, פון וועלכן זיי זענען שוין אָפּגעוווינט געוואָרן (דער יידיש פון די סאָוויע־טיש־יידישע טעאַטערס איז געווען האַרט, געקלונגען ווי רוסיש, אויסגעזען ווי ער וואָלט געקראָכן אויף שטאָלצן). דער עיקר אָבער: אין דער גרופּע האָט זיך געשאַפן אַ היים, אַ סביבה, פאַר אַ גרויסער גרופּע פאַרלוירענע און צעטומלטע מלחמה־געליטענע יידישע אַק־טיאָרן און סתּם יידישע מענטשן. דעם אויבן־אָן ביים שאַפן אָט די וואַרעמע סביבה האָט פאַרנומען אסתּר. ווו אַ קראַנקער — איז זי געקומען צוהילף; ווו אַ הונגעריקער האָט זי מכבד געווען מיט אַ טעלער זופּ, אַ וואַרעם גלעזל טיי, אַ הייסע קאַרטאָפליע. אַזוי אַרום

האָט זי ממש פון די טויט־נעגל אַרויסגעשלעפּט יעקב קורלענדערן, וועלכער האָט זיך געראַנגלט מיט אַ שווערן טיפוס און אַ הונגער־דערשעפּטקייט אין אַ שפּיטאָל אין פרונזע. זי איז אַרומגעלאָפן אַרום אים, ווי אַ מאַמע און לסוף — געוואָרן זיין פרוי, צוזאַמען מיט אים אָנגעהויבן די נייע וואַנדערונגען אין טעאַטער און אינעם לעבן — די לעצטע 25 יאָר פון איר לעבן.

נאָך דער מלחמה האָבן מיר זיך ווידער צונויפגעטראָפן אין פּוילן, צוזאַמען געאַרבעט אין נידערשלעזישן יידישן טעאַטער, וווּ אסתר איז מיט דערפאָלג אַרויסגעטראָטן אין אַ צאָל ראָלן, אין פאַר־שידענע אויפפירונגען — פון קורלענדערן, שעפּטל זאַק, מיינע; אויך פון אידאַ קאַמינסקאַ און פון פוילישן רעזשיסער יעזשי וואַלדען. זי איז געווען אַ האַרציקע שרה אין שלום־עליכמס „שווער צו זיין אַ ייד", כאַסיע אין גאָרדינס פּיעסע אונטער דעם זעלבן נאָמען און אסתרקע אין „שחיטה"; זי האָט געהאַט טויזנט חן ווי די הירשביייני־שע מאַמע אין די „גרינע פעלדער"; קערנדיק געשפּילט אין די „צוויי קוני לעמל" פון גאָלדפאַדען און חנה־דבורה אין גאָרדינס „מירעלע אפרת" (מיט אידאַ קאַמינסקאַ); זי איז געווען אַן אויפ־טרייסלענדיקע נעגער־מוטער אין די „טיפע וואָרצלען" פון גאָו און אַ שפּילעוודיק־קאָקעטירנדיקע טיליע אין דוד פּינסקיס „אוצר".

דאָס נידערשלעזישע יידישע טעאַטער איז געווען אַ גאָר פיינער און ווערטיקער עפּיזאָד אין אונדזער לעבן און אין אונדזער אַרבעט. ס'איז לגמרי נישט געווען קיין אידיליע. פאַלש וואָלט געווען צו דערציילן, אַז מיר האָבן זיך בלויז געגעסן פון די פּיסקלעך און געקושט. נישט איין קאָנפליקט איז פאָרגעקומען צווישן אונדז און נישט איינמאָל האָט מען זיך געקריגט. אָבער מיט אסתרן האָט מען קיינמאָל נישט געקאָנט זיין צעקריגט. אַ שמייכל, אַ גוט וואָרט, אַ שפּאַס — און מ'איז צוריק געוואָרן „חבר". איז שווער געוואָרן אויפן האַרצן, ווען זי איז סוף 1948 אַוועק מיט קורלענדערן — דורך פּאַריז, קיין דרום־אַמעריקע. און דאָרט האָבן זיי ווידער געשלעפּט דעם וואָגן פון יידישן טעאַטער — מיט אַלע גאַסטראָליאָרן, איינשליסנדיק מאָריס

שוואַרץ און בולאָוו. נישט בלויז דרום־אַמעריקע, אויך דרום־אַפֿריקע (מיט שוואַרצן). ביז זי איז ווידער געקומען קיין ישׂראל. דאָ האָבן מיר זיך באַגעגנט נאָך קנאַפּע 15 יאָר. און מאָדנע: ווען איך האָב זי דערזען נאָך די 15 יאָר האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז מיר האָבן זיך ערשט נעכטן געזעגנט. נישט בלויז צוליב דער חבֿרישער וואַרעמקייט, וואָס האָט עמאַנירט פֿון איר — אויך צוליב איר אויסזען. די פֿרוי האָט זיך אין משך פֿון די יאָרן לחלוטין נישט געענדערט. איר פּנים, איר פֿיגור, איר לייכטבאַוועגלעכקייט זענען געבליבן ווי אַמאָל, אין אירע סובּרעטישע יאָרן. אַ נאַטור־וווּנדער.

איז עס פֿאַר מיר געווען אַ פֿאַרגעניגן צו באַגריסן אסתּר פּערלמאַן מיט קולענדערן אויפֿן קבלת־פּנים פֿאַר זיי אין יידישן שרייבערפֿאַראיין אין תּל־אָבֿיבֿ, צו פֿירן זייער אָוונט, כאָטש איך בין נאָר וואָס געווען נאָך אַ שווערער אָפּעראַציע און כ׳האָב נאָך נישט געקאָנט פֿריי באַוועגן מיטן מויל. ס׳איז געווען מײַן ערשטער עפֿנטלעכער אַרויסטריט נאָך אַ לענגערער צײַט און ווען נישט אסתּר, וואָלט איך עס זיכער נישט געטון.

די אָן ערך צוויי יאָר פֿון זייער ווײַלן אין ישׂראל איז געווען פֿאַרשידנס: זי האָט געשפּילט מיט בולאָוון (גאָלדע אין „טבֿיה", די הינער־פֿאַרקויפֿערין אין דימאָווס „זינגער פֿון זײַן טרויער"); אַליין אויפֿגעטראָטן מיט אַ קאָלעקטיוו אין קורלענדערס אויפֿפֿירונגען: „מאַדאַם איקס" פֿון בייסאָן, די טיטל־ראָל אין „מירעלע אפֿרת". אסתּר האָט איבערגעלעבט אַ פֿרייד פֿון די צוזאַמענטרעפֿן מיט די גרויסע מאַסן פֿון ישׂראלדיקן עולם. זי האָט זיך אָבער באַקלאָגט: ס׳איז איבער אירע כּוחות דאָס אַרומשלעפּן זיך יעדע נאַכט ערגעץ אַנדערש. דאָס שפּילן אין אַזעלכע באַדינגונגען, ווי ס׳קומט אויס צו שפּילן יידיש טעאַטער אין ישׂראל. זי האָט מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט באַזעצן זיך אין ישׂראל, אויפֿבויען זיך דאָ אַ היים. אָבער שפּילן טעאַטער? — ס׳איז איבער אירע כּוחות. און אפֿשר איז טאַקע צײַט זיך אָפּצורוען... ווען זי צוריקפֿאָרן קיין בראַזיל, ליק־

ווידירן אַלץ און קומען זיך באַזעצן אין לאַנד, אויסלעבן די לעצטע יאָרן.

זי האָט געפּייערט אַ גאָר אימפּאָזאַנטן יובילײ אין בראַזיל; געפאָרן נאָך באַזוכן אַן עלטערע שוועסטער אין קאַליפאָרניע, באַזוכט ניו־יאָרק, וואָרעם אויפגענומען געוואָרן פון די דאָרטיקע חברים. באַלד קומט אָבער אַ קלאַפּ: געשטאָרבן די שוועסטער, אסתר ווערט קראַנק. ס'הייבן אָן אָנצוקומען אַליאַרמירנדיקע ידיעות פון בראַזיל: אסתר איז ערנסט קראַנק. אין דער זעלבער צייט קומען פאָטאָגראַ־פיעס — אַ בילדל פון אַ פּליאַזשע — זי זעט דאָך אויס ווי אַ יונג ווייבל! בליט ממש. אין דער זעלבער צייט הייבן זיך אָפּט אָן איבערצוחזרן אירע וואַנדערונגען אין שפּיטאָל. מ'האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז גאָר אַן ערנסטער ענין. און צום סוף — די דערשי־טערנדיקע ידיעה: אסתר איז מער נישטאָ...

„איר גוף רוט אויפן בולאַנטאַנער יידישן בית־עולם. איר רייכקייט — דעם גוטן נאָמען און די גרויסע צאָל פריינד — האָט זי אָבער איבערגעלאָזט און ביי יעדער געלעגנהייט ווערט דערמאָנט און וועט דערמאָנט ווערן: „אונדזער אסתר" — האָט געשריבן צו די שלושים דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג אין ריאָ און פון די יידישע ראַדיאָ־אוידיציעס, יעקב פרנס, אַליין אַ לאַנגיאָריקער טעאַטער־מענטש.

דעם גוטן נאָמען און די גרויסע צאָל פריינד האָט זי איבערגע־לאָזט כמעט אין גאָר דער יידישער וועלט — אונדזער אסתר.

דער וועלט־ייד יעקב זרובבל

1

געבליבן מיר אין זיכרון די לעצטע זיצונג, עטלעכע שעה פֿאַר מיין אָפּפֿאָרן קיין טשעכאָסלאָוואַקיי, דעם 8טן מאַי 1967. אין דער לעצטער מינוט איז אויפֿגעשווּוּמען אַ רעדאַקציע־ענין. קומענדיק צו דער באַשטימטער שעה, אויף וועלכער עס איז באַשטימט געוואָרן די זיצונג, איז שוין זרובבל געווען אויפֿן אָרט. זיינע שטענדיק רויטלעכע, ממש יוגנטלעכע באַקן, זענען איצט געווען ווייס, צונויפֿגעגאָסן זיך מיט דער ווייסקייט פֿון דער באָרד און מיט זיין ווייסן קאָפּ האָר. בלויז די טונקעלע פֿלעקן, וואָס האָבן זיך דורכגעשלאָגן אויפֿן פּנים, האָבן דערציילט, אַז ער ליידט גרויסע יסורים.

פֿון זיין גורלדיקער קראַנקייט האָט ער געליטן אַ היפּש ביסל יאָרן. ווען איך בין 1956 געווען ווי אַ טוריסט אין ישראל, איז זרובבל געווען אויף אַן ערנסטער קוראַציע אין ביילינסאָן־שפּיטאָל. דורך די 45 יאָר, וואָס איך האָב געקענט זרובבלען, האָב איך געוווּסט, אַז ער האָט געליטן פֿון בלוט־שטורצן אין האַלדז. תמיד פֿלעגט ער זיך גיך אַרויסקאַראַבקעווען פֿון אַזאַ עסק און איז באַלד ווידער געגאַנגען גלייך, שטאָלץ, פֿעסט, ווי די פֿאַרקערפּערונג פֿון פֿיזישן געזונט, געשפּאַנט, ווי אַ פּרינץ פֿון אַ מעשהלע פֿאַר ראָמאַנטישע מיידלעך. עס האָט זיך געדוכט, לויט זיין אויסזען, אַז ער איז אַ פֿענאָמען פֿון פֿיזישן געזונט, גראָד ווי ער איז געווען אַ פֿענאָמען פֿון אַרבעטס־פֿעאיקייט, אויסדויער, אָראַטאָרישן טאַלאַנט און שרייבערישע פֿאַר־אינטערעסירונגען.

איצט איז עס געווען ערנסטער. אַלע האָבן זיך געסודעט, ער זאָל, חלילה, נישט דערוויסן זיך... צי האָט ער אָבער נישט געוווּסט? אין פלוג געגומען: ניין. מיט אַ צוויי יאָר פריער האָט ער מיר דער־ציילט, אַז דער דאָקטאָר האָט אים פאַרזיכערט צו לעבן איבער הונדערט יאָר, אויב עס וועט נישט געשען מיט אים קיין קאַטאַסטראָ־פע. ס׳ווילט זיך מיר אָבער נישט גלויבן, אַז ביי די יסורים, וועלכע ער האָט געליטן, ביי די אָפטע מאַניפּולאַציעס פון די דאָקטוירים אין זיין אָרגאַניזם, זאָל ער נישט האָבן אָנגעשטויסן זיך אויף זיין פאַקטישן צושטאַנד.

גיכער האָט ער נישט געוואָלט וויסן. אונטער פיר אויגן האָט ער אַמאָל צו מיר אַ זאָג געטון:

„אוי, איטשעלע, כ׳וואָלט שוין וועלן, ס׳זאָל נעמען אַ סוף!"

אין געציילטע מינוטן אַרום האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט און ווידער אָנגעהויבן מאַכן פּלענער וועגן נייע ביכער, אַרטיקלען, רעדעס. ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן שוידערלעכן סוף, וואָס די קראַנקייט האָט אים צוגעגרייט.

זייענדיק אין טשעכאָסלאָוואַקיי, האָבן מיר פון אַ בריוו, וואָס איז אָנגעקומען פון דער היים, דערוווּסט זיך, אַז זרובבל איז ווידער אַריין אין שפּיטאָל און „דאָס מאָל האָט מען מורא, אַז ס׳דערנענטערט זיך דער סוף".

פון ראַדיאָ, טעלעוויזיע און צייטונגען האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז די „אַגרעסאָרן פון תל־אביב" באַדראָען די אָרעמע מצרישע ברידער... מיר זענען פאַרציטערט געוואָרן פון די העצערישע ידיעות און אַרטיקלען. די פּרעסע, ראַדיאָ און טעלעוויזיע זענען פול געווען דערמיט. אין דעם גרויסן עס־צימער אינעם האָטעל איז אונדזער ישראלדיק פענדל אויפן טיש געוואָרן בטל בששים אַקעגן דער גרויסער צאָל סאָוועטישע, פּוילישע און אַראַבישע פענדלעך ביי אַנדערע טישן.

אמת, די גאַס איז געווען אויף אונדזער זייט, סיי דאָס פּראָסטע פאָלק, סיי די אינטעליגענץ. אָנהויבנדיק פון די דאָקטוירים און ענ־

דיקנדיק מיט רוימערינס האָבן אַלע אונדז באַרואיקט, אַז די „ציוויליזירטע וועלט" (אַזוי האָבן זיי בדרך כלל אָנגערופן די מערב־וועלט, להיפּוך צו די מזרח־לענדער, וועלכע זיי האָבן מיט אַן איראָנישן שמייכל גערופן „אונדזערע פריינד") וועט נישט דערלאָזן, מען זאָל שלעכטס טון ישראל. די וועלט וועט אונדז העלפן. אַ סך האָב אונדז אַפילו פאַרזיכערט, אַז גאָט וועט אונדז העלפן...

קיין בריוו פון דער היים זענען מער נישט אָנגעקומען. אַ גרופּע ישראל־בירגער האָט זיך פאַרבונדן מיט דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין פּראָג. מיר האָבן אָנגעפרעגט וואָס צו טון און פון דער אַמבאַסאַדע האָט מען אונדז געהייסן זיין רואיק, זיצן און וואַרטן, דורכפירן די קוראַציע ביזן סוף.

סיי ווי האָבן מיר קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט. אַרויספאָרן פאַרן טערמין איז געווען אוממעגלעך, ווייל אַלץ איז געווען פון פאַרויס פּלאַנירט. דער אויטאָבוס, וואָס וועט אונדז פירן דעם 30סטן מאַי קיין ווין; דער עראָפּלאַן, וואָס וועט אונדז פירן פון ווין קיין פּאַריז.

כ'בין זיך מודה, אַז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געפילט אַ באַדערפעניש צו בענטשן גומל, ווען איך האָב זיך שוין געזען אויף דער עסטרייכישער זייט גרענעץ. כ'בין נישט געווען קיין פּחדן, דאָך — ס'האָבן זיך מיר דערמאָנט מיינע שאַרפע אַרטיקלען וועגן ענין סלאַנסקי. דערצו האָב איך געזען דעם אָפיציעלן אַנטי־סעמיטיזם אין טשעכאָסלאָוואַקיי וועגן וועלכן איך האָב געשריבן אין דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע" נאָך מיין באַזוך אין פּראָג סוף 1956.

איך האָב געטראַכט, אַז אין טשעכיע קאָן זיך נאָך עמיץ דערמאָנען איז זיי; עפּעס אַ „פריינד" פון פּוילן קאָן זיי עס דערמאָנען. איך האָב דאָך געקענט די סודות פון די „סאָציאַליסטישע" אויטאָמאָביליסטן, פּראַקטיקעס פון נקוו"ד און או־בע. סתם פּראָוואָקאַציעס און מסירות. איך האָב געקענט אַ סך פאַלן, ווען מענטשן זענען פאַרשוווּנדן אינמיטן וועג. קען עס דאָך געשען אויך מיט מיר און מיין פרוי זאָל אַפילו נישט באַמערקן ווי אַזוי איך בין אַרויס פון אויטאָ־

בוס, שוין אָפּגערעדט וועגן גיין אויף דער גאַס, איבערקומען די גרענעץ־קאָנטראָל...

געציילטע וואָכן שפּעטער איז טאַקע געשען דער מאָרד פון דזשאָינט־דירעקטאָר דזשאָרדאַן אין פּראַג...

אין פּאַריז האָט אונדז אַרומגענומען גאָר אַן אַנדערע אַטמאָס־פער, גאָר אַן אַנדער געפיל. מיר האָבן נישט באַוויזן אויפצופּאַקן אונ־דזערע זאַכן האָט מען אונדז געפירט אויף אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן די אַראַבישע דראָונגען צו פאַרטיליקן ישראל, אַריינוואַרפן אונדז אין ים אַריין. אויף צוזאַמענגס האָבן מיר זיך באַטייליקט אין דער גראַנ־דיעזער — די גרעסטע, וואָס איך האָב ווען עס איז אין מיין לעבן געזען — מאַניפעסטאַציע אויפן פּלאַס דע וואַגראַם, פאַר דער ישראל־אַמבאַסאַדע.

גאַנצע אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר געהערט אין די גאַסן סקאַנדירן: „איז—ראַ—על". מאַסן מאַשינען האָבן זיך גע־טראָגן איבער די פּאַריזער גאַסן מיט ישראל־פענדלעך, געוואָרפן לאָזונגען דורך הילכערס, אויסדרוקן פון סימפּאַטיע פאַר ישראל. אומעטום האָט מען אונדז איינגעלאַדן. געזוכט צו באַרואיקן, צוגע־רעדט צו פאַרבלייבן ביי זיי עד יעבור זעם.

מיר אָבער האָבן געהאַט איין זאָרג: ווי אַזוי קריגט מען אַ פּלאַץ אויף אַן עראָפּלאַן אַהיימצופליען? מיר האָבן אָפּגערופן אַלע פון לאַנג אָנגעזאָגטע אָוונטן און געווען דורכגעדרונגען מיט דער גאַרעניש — אַהיים. אברהם סוצקעווערן, וועלכער האָט זיך געפונען אין דעם זעלבן האָטעל וואָס מיר, איז געלונגען אַהיימצופליען. אפשר וועט אונדז אויך געלונגען? דערווייל איז מען געלאָפן אין די ביוראָען, אינסטיטוציעס, פלי־געזעלשאַפטן. בלויז דאָס איז אונדז געלעגן אין זינען און פלוצלינג —

באַגעגנט אין דער פּאַריזער אַרבעטער־היים אַ ייד, וואָס איז באַרוואָס געקומען פון ישראל, אַן אַמעריקאַנער בירגער. דאָס איז געווען דעם 3טן יוני. דאָס פּנים פון דעם ייד איז מיר געווען באַקאַנט. איך בין געווען זיכער, אַז איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט, מעגלעך

אויף די אוונטן אין תל־אביבער ליטעראַטן־פאַראיין. ער האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדע האָט אים געהייסן תיכף פאַרלאָזן דאָס לאַנד. די מלחמה קען אָט־אָט אויסברעכן; אין תל־אביב גראָבט מען גריבער אויף צו באַהאַלטן זיך בעת אַ באָמ־באַרדירונג... ס׳איז רואיק, אַלץ איז אידעאַל אָרגאַניזירט, אָבער די מלחמה זעט אויס צו זיין אומפאַרמיידלעך; יאָ, און זרובבל גוססט...

עס איז שווער געווען פון זיינע רייד אויסצוטיילן דאָס וויכטיק־סטע פונעם מינדערוויכטיקן, אָבער די ידיעה, אַז זרובבל גוססט, האָט דערשיטערט. צי איז דאָס מעגלעך? דער דאָזיקער ריז גוססט? עס האָט זיך עפּעס נישט געפּאָרט מיטן נאָמען זרובבל, מיט דער מעכטיקער געשטאַלט, דאָס וואָרט גסיסה.

אין געציילטע שעהן שפּעטער איז אָנגעקומען די טעלעגראַמע: זרובבל איננו.

דאָס אומגלויבלעכע איז געווען אַ פאַקט.

פון רעדאַקציע „אונדזער וואָרט" האָט מען זיך צו מיר געווענדט כ׳זאָל אָנשרייבן וועגן זרובבלען, באַלד אויפן אָרט, אויף דער הייסער מינוט. עס איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען צו שרייבן. אין יענער שטימונג, אין יענעם געמיט־צושטאַנד, די רעדאַקציע האָט אָבער פאַרלאַנגט דעם כתב־יד אין אייניקע שעה אַרום. האָב איך דען גע־קענט אָפּזאָגן צו שרייבן וועגן זרובבלען, מיט וועלכן איך בין געווען באַקאַנט צענדליקער יאָרן — נאָענט צוזאַמענגעאַרבעט די לעצטע 9 יאָר!

2

האָב איך אָנגעשריבן דאָס פאָלגנדיקע:

נישטאָ מער זרובבל

זרובבל, יעקב זרובבל, האָט פרייטיק דעם 2טן יוני, אויסגעהויכט זיין לעצטן אָטעם אין איכילוב־שפּיטאָל, אין תל־אביב. אַ לעבעדיקע

לעגענדע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, פון סאָציאַליסטישן ציוניזם, איז אַוועק אין דער אייביקייט.

81 יאָר מיט 5 חדשים האָט ער געלעבט. דערפון — 61 יאָר אַקטיוו זיך באַטייליקט אינעם געראַנגל פון די יידישע מאַסן פאַר זייער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג און סאָציאַלער באַפרייאונג. ער איז געשטאַנען אין די פאָדערשטע רייען פון דעם דאָזיקן געראַנגל — און אַ סך, אַ סך יאָרן אין די אָנפירנדיקע שפּיצן. זינט דעם ערשטן צוזאַמענטרעף מיט זיין רבין און וועגווייזער בער באָראָכאָוו אין זייער געבוירן־שטאָט פּאָלטאַווע; מיט זיין נאָענטסטן חבר פון די יוגנט־יאָרן, דעם צווייטן פּרעזידענט פון מדינת־ישראל, יצחק בן צבי; זינט דעם ערשטן, היסטאָרישן פּאָלטאַווער צוזאַמענפאָר פון די פּועלי־ציון אין רוסלאַנד.

געווען איז ער דאָן — אויף יענעם צוזאַמענפאָר פון פּראָגרעסיווע יידישע אינטעליגענטן — אפשר דער איינציקער פאָרשטייער פון דער יידישער אַרבעטער־יוגנט; אַ יידישער אַרבעטער, וואָס האָט זיך געריסן אין דער וועלט פון גייסט, פון שעפערישקייט, פון קאַמף.

אַ קינסטלער־נאַטור דורך און דורך, האָט ער גאָר יונג אָנגעהויבן צו שרייבן לידער אויף רוסיש, לויט דער עצה פונעם גרויסן רוסישן שרייבער, דעם פאַרשיקטן קיין פּאָלטאַווע, וולאַדימיר קאָראָלענקאָ. באַלד איז ער אַריבער צו יידיש. אָבער גאָר גיך האָט באָראָכאָוו מאָביליזירט זיין פעדער און זיין טאַלאַנט פאַר דער ניי־אַנטשטאַנענער באַוועגונג, וואָס האָט אים אַוועקגעשיקט קיין ווילנע צו רעדאַגירן דעם ערשטן פּועלי־ציון־אָרגאַן אין יידיש, גרינדן אַ פּאַרטיי־פאַרלאַג. און דאָרט אין ווילנע, פאַרזוכט זרובבל (יעקב וויטקין אין זיין נאָמען פון דער היים; צענדליקער פּסיידאָנימען און פאַלשע פּעסער אויף אַנדערע נעמען — אין משך פון יאָרן אומלעגאַלע וואַגלענישן, וואַנדערונגען איבער דער וועלט, שרייבערישע פאַרמעסטן אויף פאַרשידענע געביטן און זשאַנרען) — צום ערשטן מאָל דעם טעם פון תפיסות — אויף די לוקישקעס. נאָך דער באַפרייאונג — זיין אַנטלויפן קיין גאַליציע און דאָס רעדאַגירן דאָרט דעם פּאַרטיי־אָרגאַן „יידישער

אַרבעטער״, ווי אויך ליטעראַרישע אויסגאַבן; פון דאָרט ווידער, אין יאָר 1910, זיין עליה קיין ארץ־ישראל, ווו ער שאַפט צוזאַמען מיט יצחק בן־צבי, רחל ינאית און דוד בן־גוריון דעם ערשטן פועלי־ציון־זשורנאַל אין העברעיש „האחדות״.

אין שליחות פון דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט קומט זרובבל, שוין אין 1912, צום ערשטן מאָל קיין אַמעריקע; אין יאָר 1915 קומט ער ווידער אַהין — גראָד ווי י. בן־צבי און ד. בן־גוריון — מיט אַ טויט־סכנה מצד דעם טערקישן אָקופּאַנט פון ארץ־ישראל אי־בער זיין קאָפּ; אין 1917 — נאָכן אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד — ווערט ער אַהין געררופן פון דער פּאַרטיי, צוזאַמען מיט בער באָראָכאָוון; אין 1918 — געשיקט קיין פּוילן אויף אָנצופירן מיט דער באַוועגונג. דאָן הויבט זיך אָן אפשר די שענסטע און רייכסטע תקופה, פון זיין פּאַרביק, אָנגעלאָדן, שעפעריש לעבן. אין פּוילן הויבט זיך אָן צו וועבן אַט די שיינע לעגענדע וועגן דער אימ־פּאָזאַנטער געשטאַלט און פייערדיקער פערזענלעכקייט, יעקב זרובבל.

אַ פאָלקס־טריבון פון אַ פאַרנעם און קאַליבער, וועלכע זענען באַקאַנט געווען ביי פעלקער בעת גרויסע רעוואָלוציאָנערע אויפ־טרייסלונגען — בעת דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — האָט ער געפרעדיקט די גרויסע רעוואָלוציע אינעם יידישן לעבן כמעט אין אַלע ווינקעלעך פון יידישער צעשפרייטקייט, איבער אַלע קאָנטי־נענטן. „דער וועלט־ייד״, האָט אים אָנגערופן דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין; „די פּאָפּולערסטע יידישע געשטאַלט אין דער יידישער צעשפרייטקייט״ האָט אים אָנגערופן דער פרעזידענט פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, ד״ר נחום גאָלדמאַן.

דאָס פייערדיקע, געשליפענע קינסטלעריש־אויסגעפורעמטע און מיט פּאַטאָס אָנגעלאָדענע וואָרט פון דער יידישער רעוואָלוציע, פון דער יידישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג, האָט ער אומ־אויפהערלעך געטראָגן איבער די יידישע וואַנדער־וועגן. כמעט דעם גאַנצן צווישנמלחמה־פּעריאָד — פון פּוילן אויס; דערנאָך — פון ארץ־ישראל; לסוף פון מדינת ישראל. נאָך פאַראַיאָרן איז ער דאָך

געווען — און האָט אויפגעפלאַמט הערצער — אין פּאַריז און אין בריסעל. געזאָלט פאָרן קיין דרום־אַמעריקע, אָבער די טויט־טראָגנ־דיקע קראַנקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך געראַנגלט יאָרנלאַנג (און וואָס קיינער האָט אַפילו נישט געוואָלט גלויבן, אַנקוקנדיק זיין אימפּאָזאַנטע געשטאַלט און דאָס פרישע בליענדיקע פּנים, אַרומגענו־מען מיט דער ווייסער באָרד), האָט אים אָנגעהויבן איינצוברעכן. ער האָט זיך אַלץ נישט אונטערגעגעבן. האָט ער דאָס וואָרט זיינס מער אַריבערגעגאָסן אויפן פּאַפּיר; געשריבן, געשאַפן — פּובליציסטיק, עסיי, זכרונות — כמעט ביזן לעצטן אָטעם־צוג.

ביי אַ צענדליק ביכער זרובבלס זענען ביז איצט דערשינען: זיינע פּובליציסטישע, קריטישע און עסייאיסטישע אַרבעטן קאָן מען צונויפזאַמלען אין אַ צוויי צענדליק בענד, אין יידיש און העברעיש (ביזן לעצטן מאָמענט — נישט אויפגעהערט צו שאַפן אין ביידע שפּראַכן, כאָטש יידיש איז געווען זיין עיקר־שפּראַך).

כ׳האָב געהאָט די זכיה די לעצטע ניין יאָר נאָענט מיטצואַרבעטן מיט זרובבלען. אויף די שפּאַלטן פון תל־אביבער „פאָלקסבלאַט" האָט ער יעדע וואָך רעאַגירט אויף פאַרשידענע געשעענישן — טיילמאָל מיט אייניקע אַרטיקלען. אַפילו אינעם לעצטן נומער פון „פאָלקס־בלאַט", צום אומאָפּהענגיקייט־יום־טוב, האָט ער פון שפּיטאָל צוגעשיקט אַן אַרטיקל. דערביי — כסדר, אין אַ פיבערדיקן אימפּעט — באַמיט זיך צו פאַרענדיקן זיין לעצט בוך, וואָס איז נאָרוואָס דערשי־נען — „געשטאַלטן" (פון דער ציוניסטיש־סאָציאַליסטישער באַוועגונג).

מיט פיר וואָכן צוריק בין איך אַרויסגעפאָרן פון ישראל. דעם לעצטן אָוונט, ווען כ׳האָב זיך געזעגנט מיט זרובבלען, האָט ער — אַן איינגעדרייטער פון שווידערלעכע יסורים און כסדר זיך אויסגלייכנ־דיקער — מיר נאָך פאַרגעלייענט די קאָרעקטעס פונעם לעצטן קאַ־פּיטל פון זיין בוך. דעם דרוקער־אַרבעטער, וואָס האָט געבראַכט אַן אָפּצוג פון לעצטן בויגן, האָט ער געקושט: „איר האָט מיר אַריינגע־זעצט אַ נייע נשמה". מיט איבערמענטשלעכע כוחות האָט ער זיך גע־

האַלטן, כדי צו זען דאָס בוך זיינס אַן אָפּגעדרוקטס (אַ בוך פון כמעט 500 זייטן; אינטערעסאַנטע זכרונות, אָפּהאַנדלונגען, עסייאיס־טישע באַטראַכטונגען וועגן מאַרקאַנטע, שאַפערישע געשטאַלטן פון זיין דור).

דער טראַגישער אומרו אין שייכות מיט די אַקטועלע געשעענישן, די לאַגע אַרום ישראל, איז געווען דער לעצטער קלאַפּ, וואָס האָט פולשטענדיק צוזאַמענגעבראַכן דעם דאַזיקן מעכטיקן אָרגאַניזם, דעם דאַזיקן גיגאַנט פון אַרבעט, קאַמף, פיזישער און גייסטיקער קראַפט, ווונדערלעכן אידעישן אויסדויער, וואָס הייסט זרובבל.

אין אַ שלעכטער, שטורמישער צייט פאַר אונדז איז ער געקומען צו זיין אייביקער רו. אין אַ צייט, וואָס פאָדערט ביי אונדז אַזעלכע אויסגעהאַמערטע פּערזענלעכקייטן, שטאַרקע כאַראַקטערן, רייכע נשמות און פאַרבנרייכע געשטאַלטן, וואָס זאָלן שטיין אין שפּיץ פונעם געראַנגל, ווי ס'איז געווען זרובבל.

אָבער פון אונדזער געראַנגל איז ער נישט אַוועק. ער איז בלויז אַריבער אין דער אייביקייט פון געראַנגל.

און דאָרט וועט ער פאַרבלייבן אין אונדזער פאַנטעאָן.

3

די אויבנגעבראַכטע שורות האָב איך אָנגעשריבן אין משך פון אַן אַנדערהאַלבן שעה, אין מיין באַשיידענעם פאַריזער האָטעל־צימער, נישט האָבנדיק אונטער דער האַנט קיין שום הילף־מאַטעריאַלן, קיין ביאָגראַפישע דאַטעס, אָדער נאָטיצן. דאָס איז מיר לחלוטין נישט נייטיק געווען — כ'האָב עס אַלץ געהאַט אין מיין צעפּיבערטן מוח.

אָבער האָב איך דען אויסגעדריקט אַלץ, וואָס האָט געברויזט אין מיר, אַלץ, וואָס איך לעב נאָך איצט איבער טראַכטנדיק וועגן זרובבלען, וועגן דער דאַזיקער הערלעכער יידישער געשטאַלט? יעקב זרובבל איז געווען פאַרבונדן מיט עטלעכע תקופות אין יידישן לעבן. דריי דורות האָבן זיין נאָמען אַרויסגערעדט מיט פּיעטעט און

פאַרערונג, האָבן פאַרבונדן אים מיט זייערע נאַציאָנאַלע שטרעבונ־גען, מיטן גאַנצן פאַרנעם פון די אַלע ענדערונגען, וואָס זענען אין משך פון זיבעציק יאָר פאָרגעקומען אויף דער וועלט און ביי אונדז.

יעקב זרובבל האָט צו די דאָזיקע ענדערונגען צוגעטראָגן זיין חלק מיט הארץ און נשמה, מיט זיין פייער, טעמפּעראַמענט, קעמ־פערישקייט, אייביק־יוגנטלעכע שעפערישקייט און אויפטוערישקייט; אין ארץ־ישראל, אין באַגין פון דעם זיך אָרגאַניזירנדיקן יידישן אַרבעטער־ישוב און ווי דער שליח פון דעם ישוב איבער גאָר דער יידישער וועלט; אין אַמעריקע און אין רוסלאַנד בעת דער רעוואָלו־ציע, אין פּוילן און אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט, ווו עס שלאָגן די קוואַלן פון יידיש לעבן.

אומעטום זענען יידישע מאַסן אַנגעוואַרעמט און אויפגעמונטערט געוואָרן דורך זרובבלס וואָרט, דורך זרובבלס פלאַם.

איז נישט קיין ווונדער, אַז דער דאָזיקער מענטש איז געוואָרן איינע פון די פּאָפּולערסטע געשטאַלטן אין גאָר דער יידישער וועלט. אויך איצט, ווען איך נעם אַריין זרובבלס געשטאַלט אינעם בוך „אויף מיין וועג", ווילט זיך נאָך אַלץ נישט שלום־מאַכן מיטן געדאַנק, אַז עס איז פאַרלאָשן געוואָרן דער פלאַם פון זרובבלס וואָרט.

עס קומען אַנדערע דערינערונגען, ווען איך האָב אים געזען אויף פייערונגען, די פריערדיקע און שפּעטערדיקע געבורטסטעג, וואָס זענען געפייערט געוואָרן אין פאַרשידענע לענדער, ווייל פּונקט ווי יעדער יידישער יום־טוב איז געווען אויך זיינער, איז אויך זיין יום־טוב, זיין יעדע פייערונג געוואָרן דער יום־טוב אויך פון אַ סך יידישע פאָלקס־מענטשן אויף גאָר דער וועלט. זיי שיקן די האַרציק־סטע ברכות דעם יוגנטלעכן זקן.

זרובבל האָט אַמאָל דערציילט אויף אַ שלום אַש־אַקאַדעמיע, אַז אין יאָר 1912, ווען אַש איז געווען צום צווייטן מאָל אין ארץ־ישראל, האָט ער, זרובבל, באַשטעלט ביי אים פאַרן זשורנאַל „האחדות" אַ דערציילונג. דאַן איז געשאַפן געוואָרן שלום אַשס „אַ טאַלאַנט צו

ארץ־ישראל". ער האָט זיך ממש פאַרכליניעט מיטן דאָזיקן נאָמען. ער האָט עס געהאַלטן פאַרן וויכטיקסטן אין אַשס דערציילונג.

מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, ווייל זרובבל אַליין האָט פאַרמאָגט דעם דאָזיקן טאַלאַנט. ער האָט אַמאָל געשריבן:

„מיין גאַנץ לעבן איז אײן גרויסע רייזע צו דער יידישער וועלט און צו זיך אַליין".

אייניקע מאָל איז מיר אויסגעקומען צו שרייבן וועגן זרובבלס ביכער. אין די לעצטע יאָרן האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק צו ביכלען, איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון אַ בוך־פּאַסיע, צו שרייבן ביכער אין יידיש און העברעיש, די פּאָר בענדער „בלעטער פון מיין לעבן", די רעפּאָרטאַזשן פון דער רייזע קיין ראַטנפאַרבאַנד.

אין יידיש זענען די רעפּאָרטאַזשן געווען געדרוקט אין „די גאָלדענע קייט" און אין „פאָלקסבלאַט". אין העברעיש זענען זיי דערשינען אין בוך־פאָרם. האָב איך אין אַרטיקל „יעקב זרובבלס גרויסע נסיעה" געשריבן צווישן אַנדערן:

„יעקב זרובבל וואַנדערט דאָס גאַנצע לעבן, איבער גאָר דער יידישער וועלט, ד.ה. כמעט איבער דער גאַנצער וועלט. פון זיינע וואַנדערונגען שרייבט ער איינדרוקן, רעפּאָרטאַזשן און פאַרעפנטלעכט זיי זינט יאָרצענדליקער אין פאַרשידענע צייטשריפטן. אָבער בלויז צוויי אַזעלכע רייזעס זיינע האָבן זוכה געווען פאַראייביקט צו ווערן צווישן די טאָוולען פון אַ בוך. דאָס איז געווען זיין רייזע אין פוילן גלייך נאָך דער היטלער־קאַטאַסטראָפע, אַ רייזע, פון וועלכער עס איז געבוירן געוואָרן דאָס בוך „באַרג חורבן". און די איצטיקע רייזע קיין ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט געברענגט אויף דער וועלט דאָס ביכל „ביקור בברית המועצות" און דאָס איז נאַטירלעך. וואָרום דאָס זענען געווען רייזעס, פאַר וועלכע מען קען זיך אויסבאָרגן די באַצייכענונג פון היינריך היינע: „האַרץ־רייזע".

„אין פוילן האָט זרובבל געהאַט די מעגלעכקייט צו קאָנפראָנטירן זיינע זכרונות וועגן שטורמישן יידישן לעבן אין צווישנמלחמה־פּעריאָד — אַ לעבן, אין וועלכן עס האָט געשטעקט אַ היפּשע דאָזע

פון זרובבלס אַנטייל, השפּעה, פּייער, באַגאַבונגען — מיט דער ווירקלעכקייט פון נאָכן היטלער־חורבן און ער האָט געפונען דאָס, וואָס איז געבליבן — אַ גרויסן בית־הקברות, חורבות און מתים, באַרג־חורבן.

„אין ראַטנפאַרבאַנד האָט ער געדאַרפט קאָנפראָנטירן זיינע האָפענונגען און גלויבנס פון מיט 45 יאָר פריער. ווען ער איז געקומען אַהין ביים באַגין פון אָקטאָבער, גרייט אונטערצושטעלן אַ פּלייצע צום נייעם בנין, העלפן דער יידישער אַרבעטערשאַפט אַריינצוגיין אין קרייז פון אָקטאָבער און, אַז דער אָקטאָבער זאָל אויך באַמערקן און פאַרשטיין די נויטן און האָפענונגען פון דער יידישער אַרבעטערשאַפט.

„דאָס אַלץ האָט ער געדאַרפט קאָנפראָנטירן מיט דער איצטיקער ווירקלעכקייט אין ראַטנפאַרבאַנד און באַזונדערס — לויט דער איצטיקער יידישער ווירקלעכקייט. דאַרף מען נאָך צוגעבן, ווי אַזוי די דאָזיקע קאָנפראָנטאַציע האָט אויסגעזען — אין ליכט פון דעם וואָס די סאָוויעטישע יידן האָבן איבערגעלעבט אין דער לעצטער סטאַלין־תקופה און פון דעם וואָס זיי לעבן נאָך איבער ביזן היינטיקן טאָג ?...

„עס קומט אַזוי בולט און ווייטיקלעך אַרויס די יידישע טראַגעדיע אין ראַטנפאַרבאַנד און אָפּטמאָל נישט בלויז די יידישע ווי אַ שטייגער דער זאָג פון סתם יונגעלייט אין אָדעס : „וואַרטן— דאָס איז איצט די פילאָזאָפיע פון אונדזער גאַנץ לעבן". אַוודאי זעט זרובבל די קאָלאָסאַלע ענדערונגען צום גוטן, וואָס זענען פאָרגעקומען אויף די אים גוט באַקאַנטע שטחים פון רוסלאַנד און אוקראַינע. אָבער — צי ער וויל, צי ער וויל נישט — ער מוז דאָס דאָזיקע גוטע אויך זען דורך דער פּריזמע פון דער יידישער טראַגעדיע. אַנדערש וואָלט ער נישט געווען זרובבל, דער יידישער גייסט־מענטש, טוער און קעמפער".

איך ברענג מיט אַ כיוון די גרעסערע ציטאַטן, ווייל אין זיי זענען פאַראַן עלעמענטן פון זרובבלס גייסטיקער ביאָגראַפיע. נאָכמער —

אין דער גרעסערער אַרבעט „זרובבל — אין מלחמה און רעוואָלו־ציע״, וועגן זרובבלס בוך „אין טעג פון מלחמה און רעוואָלוציע״, דריטער באַנד „בלעטער פון אַ לעבן״.

4

לאָמיר זיך אָפּשטעלן אויף דער עסיי „שטריכן צו מיין אויטאָ־פּאָרטרעט״, ווייל דאָס איז אַ געפּרעסטער סך־הכל פון זרובבלס לעבנס־וועג, וואַנדער־שטעגן און געדאַנקען, בקיצור — עס איז אַן אויטאָפּאָרטרעט און אַ מין אויטאָאַנאַליז... ער וואַרפט אַ רעפלעק־טאָר־שיין אויף די וויכטיקסטע עטאַפּן פון זרובבלס לעבן, וווּקס און אַנטוויקלונג.

דער עסיי באַלויכט אונדז די בולטסטע אייגנשאַפטן פון זרובבלס שרייבן בכלל. עס איז אַן עסייאיסטישע ראשי־פּרקימדיקייט פון אַלע עטאַפּן, דערשיינונגען, כאַראַקטער, אינהאַלט און ריכטונג.

דאָ קומט אויך בולט אַרויס דער ביאָגראַפישער פּרט, אַז יעקב וויטקין האָט אָנגעהויבן מיט שרייבן לידער און דווקא אויף רוסיש... אַ פאַקט, וואָס האָט איבערגעלאָזט פעסטע שפּורן אויף זרובבלען. זיין פּאַרליבטקייט אין פּאָעזיע, צוגעבונדנקייט און וואַרעמע באַ־ציאונג צו פּאָעטן, ווי אויך שפּורן אינעם סטיל פון זיין אייגענעם שרייבן און אָראַטאָרישער קונסט.

פון אומעטום רייסט זיך דורך ביי זרובבלען דער אָנהויב פון יעקב וויטקינען. די פּאָעטישע סענסיטיווקייט, דאָס קינסטלערישע אָדערל, וואָס קלאַפּט אין אים אָן אויפהער.

אין די „שטריכן צו מיין אויטאָפּאָרטרעט״ שרייבט ער:

„עס טרעפט אָפט, אַז עס שטייט צו צו אונדז אַ ניגון, וואָס מען קאָן זיך נישט פון אים באַפרייען... אַזוי האָט זיך צו מיר צוגעהאָפטן דער ניגון פון פּראָלעטאַרישן ציוניזם. דער ניגון איז אויפגעקומען אין פּאָלטאַווע און איבער ווילנע, גאַליציע, ארץ־ישראל, אַוועקגע־טראָגן געוואָרן איבער גאָר דער יידישער וועלט״.

די וואַנדערונגען, השפּעות און פאַרבינדונגען פון דעם ניגון — דאָס איז דער עצם פון „אין טעג פון מלחמה און רעוואָלוציע".

זרובבל האָט נישט קיין מורא זיך מודה צו זיין, אַז ער איז בשעתו אַרויסגעטרעטן קעגן געשעענישן און דערשיינונגען, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן אַ גרויסע פּאָפּולאַריטעט אין אונדזער געשיכטע; גראַד ווי ער דערציילט אָפנהאַרציק, ווי ער האָט מיטן גאַנצן אימפּעט אַריינגעוואָרפן זיך אין שטראָמען, וועלכע האָבן לסוף פאַרפירט...

אַלע זיינע איינדרוקן און זכרונות ווערן אויפגעלעבט אין אַ זאַפטיקן יידיש, מיט אַ בעלעטריסטישער פאַרב — ביי זייער גאַנצער דאָקומענטאַרישקייט.

עס איז גאָרנישט קיין איבערטרייבונג אין די ווערטער, מיט וועלכע איך האָב אָנגעהויבן דעם נעקראָלאָג אינעם ערשטן נומער „פאָלקסבלאַט", וואָס איז דערשינען נאָך זרובבלס טויט, אַ וואָך נאָך דער זעקסטאָגיקער מלחמה

„אין די גורלדיקסטע טעג פאַר אונדזער לאַנד, פאַרן גאַנצן פאָלק, איז נאָך אַ שווערער לאַנגדויערנדיקער קראַנקייט אַוועק אין דער אייביקייט איינער פון די גרינדערס פון דער פּאַרטיי פּועלי־ציון און פון דער וועלט־באַוועגונג; איינער פון די זיילן פון סאָציאַליסטישן ציוניזם; דער תלמיד און חבר פון בער באָראָכאָוו, דער באַליבטער טריבון פון די יידישע מאַסן אין דער וועלט; אונדזער לערער, פּאַטראָן, חבר און פריינד, דער קעמפער און שרייבער זרובבל".

פאַרן „פאָלקסבלאַט" און פאַר מיר פּערזענלעך, וואָס איז דורכן „פאָלקסבלאַט" געוואָרן אַזוי ענג פאַרבונדן מיט זרובבלען, איז זיין טויט געווען אפשר דער שווערסטער קלאַפּ, וואָרום מיט זרובבלס טויט האָט זיך אָנגעהויבן די גסיסה פון „פאָלקסבלאַט". צו זיין ערשטער יאָרצייט איז שוין זיין „פאָלקסבלאַט" נישט געווען מער.

5

אַזוי פיל מעלות טובות זענען געווען קאָנצענטרירט אין דער געשטאַלט זרובבל — סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך, פיזיש און גייסטיק — אַז ער האָט געמוזט אימפּאָנירן אומעטום ווו ער האָט געווירקט, ווו ער האָט זיך באַוויזן.

פאַרשטייט זיך, אַז ער איז נישט געווען פריי פון חסרונות — סיי אין כאַראַקטער און סיי אין האַנדלונגען, ווייל ער איז נישט געווען קיין מלאך, נאָר אַ מענטש. אַ מענטש מיט אַ גרויסן טעמפּעראַמענט, מיט יונגשאַפט ביזן סוף פון זיין לעבן — יונגשאַפט אין געמיט, אין בליק, אין באַגערן — אַ יונגער פלאַם, אַ פלאַטער און ברען, אַ הדרת פנים, וואָס האָט ממש געשטראַלט, באַזונדערס ווען זיין קאָפּ איז שוין געווען ארומגעהילט מיטן שניי פון יאָרן.

אַ גלייכע מעכטיקע געשטאַלט, פון וועלכער עס האָט שטענדיק געשפּרודלט מיט כוח; אַ פנים מיט קלאַסישע שטריכן, וואָס וואָלט געפּאַסט פאַר אַן אַקטיאָר־ליבהאַבער, אַגב איז ער אין אַ סך פּרטים געווען אַן אַקטיאָר. ער פלעגט אָפטמאָל אויסשפּילן זיינע רעדעס.

אפשר האָט זיך עס גענומען פון זיין פאַרליבטקייט אין טעאַטער. וואָרום אין דער אמתן איז ער געווען אַ קינסטלער־נאַטור, פאַרמאָגט אַ נשמה פון אַ קינסטלער, פאַנטאַזיע פון אַ דיכטער, עמאָציאָנעלע אַנלאַדונג און עמאָציאָנירנדיקע דערשיינונג.

צו דעם אַלעם איז נאָך צוגעקומען דער פּאַטאָס פון אַ פאָלקס־טריבון וואָס האָט דאָמינירט אין זיין אָראַטאָרישער קונסט.

ביי זיין אידעאישער אַנגאַזשירונג, וואָס האָט אים אָפטמאָל פולשטענדיק אָקופּירט, נישט איבערגעלאָזט לכאורה קיין שפּליטער פאַר קיין מינדעסט ווינקעלע פון פּריוואַטן לעבן, איז ער ווייט נישט געווען קיין אַסקעט, פאַרקערט — אַ געניסער פון לעבן און פון שיינקייטן, אַ פאַרליבטער אין לעבן און אין שיינקייט. דאָס וואָס זעט אויס צו זיין טראַנסצענדענטאַל־סתירותדיק האָט ביי אים האַרמאָניש געהויזט אין איין נשמה, אין זרובבלס נשמה.

ער האָט אַזוי ליב געהאַט דאָס לעבן, אַז ער האָט נישט געוואָלט הערן און נישט טראַכטן וועגן טויט.

כ׳בין געווען אַן עדות אויף זיינע רעאַגירונגען, ווען מען האָט גערעדט וועגן טויטע, וועגן טויט. נחום ניר, וועלכער איז געווען מיט אייניקע יאָר עלטער פון זרובבלען און האָט זיך ליב געהאַט צו וויצלען און צו קיביצן אויפן חשבון פון אַלץ און אַלעמען, פלעגט נישט דורכלאָזן קיין געלעגנהייט צו דערציילן:

„איר ווייסט, זרובבל (מאָדנע, נישט געקוקט אויף זייער 60־יאָריקער פריינדשאַפט, אידעאישער נאָענטקייט און פּאַרטייאישער צו־זאַמענאַרבעט, האָבן זיי ביזן סוף גערעדט צו זיך פּער „איר״), ס׳איז געשטאָרבן דער... (דאָ האָט ער אָנגערופן אַ נאָמען פון אַ באַקאַנטן ריכטער אָדער אַדוואָקאַט); אמת, ער איז שוין געווען אַן אַלטער ייד, שוין ביי די זיבעציק (זרובבל איז שוין דאַן אַלט געווען אַן ערך 76) און בכלל האָט עס גיכער אַ שייכות צו מיר, ווייזט אויס, אַז מען רופט שוין יוריסטן צום דין... פון דעסטוועגן איז אַ שאָד, האַ, זרובבל?״

זרובבל איז דאַן געוואָרן נערוועז, געגלעט זיך די באָרד, אָפטער ווי תמיד און — צי ווייל ער האָט נישט געוואָלט ענטפערן נירן, צי ווייל ער האָט געוואָלט וואָס גיכער ענדערן די טעמע, האָט ער אָנגע־הויבן גיך צו רעדן וועגן אַן אַקטועלן ענין, וועלכן מען דאַרף דרינ־גענדיק באַהאַנדלען, באַטראַכטן, באַשטימען...

אין דער אמתן האָט זיך טאַקע דער באַגריף טויט לגמרי נישט געקלעפּט צו זרובבלען. ער איז געווען אַ מין לעבעדיקע פאַרלייקע־נונג פון טויט. כמעט ביזן סוף, ביז די לעצטע חדשים פון זיין לעבן.

איז טאַקע געווען אַ פּיין פאַר די נאָענטע זיינע צו זען, ווי פון דעם מעכטיקן בוים פאַלן כסדר אַראָפּ די בלעטער פון לעבן, ווי עס ברעכן זיך איין, דורכגעפרעסענע פון דער קראַנקייט, פאַרשידענע צווייגן פון אָרגאַניזם, ווי דער טויט שפּרייט אויס זיינע פליגל איבער זיין שיינעם ליכטיקן קאָפּ. פאַר מיר וועט ער תמיד פאַרבלייבן די פאַרקערפּערונג פון לעבן און לעבנס־לוסט, אַזוי ווי איך האָב

אים דערקענט אין די אָנהייב 20ער יאָרן אין וואַרשע; אַזוי ווי איך האָב אים נאָענט באַקענט אין דער צווייטער העלפט 50ער יאָרן אין ישראל, בעת אונדזערע גאָר אָפטע צוזאַמענטרעפן און גאָר נאָענטער צוזאַמענאַרבעט.

אפשר דערפאַר, ווייל כ׳בין נישט געווען דירעקט בעת זיין טויט און נישט בעת זיין לוויה (איך בין צוריקגעקומען קיין תל־אביב שוין נאָכן אויסברוך פון דער זעקסטאָגיקער מלחמה און זיין לוויה איז פאָרגעקומען אָ טאָג פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה), אפשר אויך דערפאַר, ווייל אין מיין פאַנטאַזיע קאָן זיך אַלץ נישט פאַרן דער נאָמען זרובבל מיטן באַגריף טויט.

זרובבל און טויט זענען פאַר מיר געבליבן צוויי באַגריף־פּאַליוסן.

ד״ר נחום ניר־ראַפאַלקעס,
אַ פקחותדיקער אַפּיקורס

1

נאָך אַ באַנקעט צו י. זרובבלס אַכציקסטן געבוירן־טאָג, ווען נ. ניר — וועלכער איז געווען אייניקע יאָר עלטער פון זרו־בבלען, — האָט ער אין זיין רעדע (פון זיכרון) מאַניפּולירט מיט נעמען, דאַטעס און ציטאַטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דער געשיכטע פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג (אחוץ, פאַרשטייט זיך די גלייכווערטלעך און וויצן, מיט וועלכע ער פלעגט זיך באַנוצן ביי יעדער געלעגנהייט — און תמיד געהאַט אַ גרויסן זאַפּאַס פון דעם מין צוגעפּאַסט צו דער טעמע און צו דער שטימונג), האָב איך אויסגעדריקט מיין באַוווּנדערונג:

„איר געדענקט אַזוי פיל פּרטים, אַזוי פיל דאַטעס, און ווי וווּנדערלעך איר קענט זיך באַנוצן דערמיט אין דער ריכטיקער צייט!" — האָב איך אים געזאָגט.

דער אַלטיטשקער האָט מיך אָנגעקוקט מיט זיין כיטרע שמייכעלע, וואָס האָט איצט באַקומען עפּעס אַן אומעטיקן קנייטש און האָט מיר געענטפערט:

„די צרה איז, אַז אין מיינע יאָרן געדענקט מען אויסגעצייכנט, וואָס איז געווען מיט 60, 70 אַפילו 75 יאָר צוריק; מ׳פאַרגעסט גלייך, וואָס איז געווען מיט פינף מינוט צוריק".

אין דעם ענטפער איז געלעגן אַ סך אמת און אין דעם אמת האָט מען זיך אָפּטמאָל געקאָנט איבערצייגן ביי נירן גופא.

איך בין נאָך ווייט נישט אין זיינע יאָרן, פאַרגעס נאָך נישט אַלץ וואָס איז געווען מיט פינף מינוט צוריק, פון דעסטוועגן זענען

אויך אין מיין זיכרון פעסטער פֿאַרבליבן געוויסע עפּיזאָדן, בילדער, דערציילונגען און איבערלעבונגען פֿון די גאָר פֿריִע קינדער־יאָרן. און איינס פֿון די זכרונות האָט טאַקע געהאַט אַ שייכות צום נאָמען ראַפּאַלקעס.

געווען איז עס זומער 1913, אָדער 1914, נאָך דער פֿרייטיק־צו־נאַכטס־סעודה איז דער טאַטע אַרויס מיט מיר שפּאַצירן אין גאָרטן פֿון אונדזער ווילע אין מיעדזעשין. מיין טאַטע האָט ליב געהאַט צו דערציילן עפּיזאָדן פֿון זיין יוגנט, פֿון זיין דינען אַלס אונטעראָפֿיציר אין דער רוסישער אַרמיי; פֿון זיינע וואַנדערונגען ווי אַ וואַיאַזשאָר נאָכן פֿאַרענדיקן ס׳מיליטער־דינסט איבער די ווייטקייטן פֿון רוס־לאַנד; וועגן זיין צוריקבאַזעצן זיך נאָך דער חתונה אין וואַרשע און זיין צוזאַמענאַרבעט מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן ביזן יאָר 1906, דאָס הייסט, ביז מיין געבוירן ווערן; זיין פֿילאַנטראָפּישע טעטיקייט פֿאַר יתומים, קראַנקע און אַנדערע, וואָס האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן נאָכן איבעררייסן מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטן; זיין טעטיקייט אין „מוריה״, וואָס האָט אים דערנענטערט צו די ציוניסטן, צום „מזרחי״.

דער טאַטע פֿלעגט זיך צומאָל פֿאַרגאַלאָפּירן אין זיינע דערציי־לונגען און האָט זיך צייטנווייז אַרויסגעכאַפּט מיט אַ ראָמאַנטישן עפּיזאָד, דערמאָנענדיק איינע פֿון זיינע פּילצאָליקע ליבע־אַוואַנטורעס פֿון פֿאַר דער חתונה. איך בין געווען זייער אַ גינציקער און דאַנק־באַרער אָפּנעמער פֿון די אַלע מעשיות, וואָס אַ טייל פֿון זיי זענען זיכער געווען אַ פּרוכט פֿון מיין טאַטנס הייסער פֿאַנטאַזיע, אָבער ס׳רוב איז געווען אמתדיק.

געפֿעלן זענען מיר טאַקע דער עיקר די ראָמאַנטישע געשיכטעס און אויך די עפּיזאָדן פֿון זיין קאָנספּיראַטיווער רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט. אַפּנים, אַז נישט בחינם בין איך געווען אַ קינד פֿון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, געבוירן אַן אַ הייבאַם, ווייל ס׳האָט זיך מיר פֿאַרגלוסט צו קומען אויף דער וועלט בעת אַ שטאַרקער שיסעריי, וואָס איז געגאַנגען פֿון די קאַזאַרמעס פֿונעם ווילנער פּולק,

וואָס האָט זיך געפונען אויף פּשעיאַזד אין אונדזער שכונות, ממש אַנטקעגנאיבער אונדזער הויז.

אויף איינעם אַזאַ שפּאַציר האָט מיר דער פאָטער דערציילט פאַרוואָס ער האָט זיך דערווייטערט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן:

„אַז ביי זיי זענען מענטשן געוואָרן אוממענטשן (מיין פאָטערס אַ באַליבט וואָרט)... אַ באַלעבאַטיש קינד, אַ סטודענט, אַ זון פונעם שיך־פאַבריקאַנט ראַפאַלקעס, איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און אויסגעפּרעסט געלט ביי יידן"...

מיין פאָטער איז געווען אויסער זיך דערמיט, אָבער אויף מיין קינדערשער פאַנטאַזיע האָט עס געווירקט, ווי הייוון אויף טייג. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט דעם סטודענט ראַפּאַלקעס ווי עפּעס אַ שמשון הגיבור, מיט אַ צעשויבערטער טשופּרינע לאָקן, וואָס פאַלן אַראָפּ אויפן סטודענטישן מונדיר; אַ מין מאָדערנער „ראָבין הוד", וואָס נעמט צו ביי גבירים, ביי זיין אייגענעם טאַטן און פאַרטיילט עס אָרעמעלייט.

ווען ס'האָט זיך געמאַכט די ערשטע געלעגנהייט, בעת די וואַלן צום וואַרשעווער שטאָטראָט אין יאָר 1919, ווען אַדוואָקאַט ראַפּאַל־קעס איז אַנאָנסירט געוואָרן אויף אַ וואַל־מיטינג אין דער יידישער געגנט בין איך אַ שווער־קראַנקער (איך בין שוין דאַן דוכט זיך, געווען נאָך דער דריטער אָפּעראַציע און זיך קוים אַרומגעשלעפּט מיט אַ נישט־פאַרהיילטן בויך), מער געלעגן אין שפּיטאָל ווי געווען אין דער היים, בין איך מיט די לעצטע כוחות, אויף אַ טראַמוויי, אַוועק פון אונדזער היים אויף זלאָטע, אין דער יידישער געגנט, זען דעם העלד פון מיינע רעוואָלוציאָנערע חלומות.

מילא, אַז מיין אַנטוישונג איז געווען אפשר גרעסער נאָך ווי אַלע אַנדערע אַנטוישונגען פון קאָנפראָנטאַציע צווישן חלום אוןווירקלעכקייט, איז קלאָר. אַנשטאָט דעם אויסגעחלומטן שמשון הגיבור מיט לאָקן, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ נידעריקן, מיטליאָריקן מאַן, מיט קורצע און שיטערע געלע האָר און אפילו נישט קיין פּלאָ־מיקן רעדנער.

איך האָב וועגן דער אַנטווישונג מיינער דערציילט נחום ניר־ראַפּאַלקעסן אין יאָר 1958, אין תּל־אָביב, נאָך דער ערשטער זיצונג אונדזערער, ווען ער האָט מיט מיר אָפּגערעדט וועגן צוטרעטן צו אָרגאַניזירן אַ ניי יידיש וואָכנבלאַט אין ישׂראל — „פּאַלקסבלאַט״. ניר האָט אַ שמייכל געטון אונטער דער נאָז און נישט אַרויסגעמענדיק זיין באַרימטע פּיפּקע פון מויל, האָט ער, ווי זיין שטייגער, אָפּגעפּטרט עס מיט אַ וויץ:

— איר ווייסט פאַרוואָס מ׳רופט אַ געלן „רמאי״? ווייל ווען ער ווערט אַלט און גרוי, זאָגט ער, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ בלאָנדער...

און מער האָט ער מיט מיר וועגן יענער תּקופה פון זיין רעוואָל־ווער־ביאָגראַפיע נישט גערעדט אין משך פון די צען יאָר, וואָס מיר האָבן צוזאַמענגעאַרבעט ביים „פּאַלקסבלאַט״, ווו ער איז געווען דער געלט־„באָס״, ווי דער קאַסירער פון „וועלט־פאַרבאַנד אחדות העבודה—פּועלי־ציון״.

איך ווייס נישט, צי ער האָט זיך געשעמט מיט דער דערמאָנטער פאַרגאַנגענהייט זיינער, צי ער האָט זי געוואָלט אָפּלייקענען — ד. ה. אַז דאָס האָט געקענט זיין אַ פּרוכט פון מיין פּאָטערס פאַנטאַזיע. כאָטש איך בין זיכער, אַז נישט. אפשר האָט מיין פאָטער דאָס קינסט־לעריש באַפּוצט, נייערט עפּעס האָט געמוזט זיין אמת אין דעם. וואָרום שפּורן דערפון געפינען מיר אין נ. נירס ערשטן באַנד זכרונות „ערשטע יאָרן״.

וועל איך איצט מאַכן אַ שפּרונג פון מיינע זכרונות וועגן נירן און איבערגיין דערצו, וואָס איך האָב געשריבן וועגן נירס זכרונות. כ׳וויל דאָ ברענגען גרעסערע פראַגמענטן פון מיין אַרטיקל „נ. ניר אין זיינע ערשטע יאָרן״, וואָס איז געווען געדרוקט אין „פּאַלקסבלאַט״

2

צוויי מינים מעמואַרן־ליטעראַטור האָבן פאַר מיר אַ ספּעציעלן אינטערעס: זכרונות פון מענטשן, וועלכע שילדערן זייער צייט,

סביבה, איבערלעבונגען, שטייגער, מיטמענטשן — אין אַ ליטעראַרי־זירטער פאָרם פון עפּיזאָדן און כאַראַקטער־שילדערונגען, מיט באַ־שרייבערישע קאָלירן און שטריכן; אָדער זכרונות, ווו עס ווערן — אויפן יסוד פון זאַכלעכן מאַטעריאַל, פון ברענגען צומאָל טרוקענע פאַקטן און געשעענישן — אַרויסגעהויבן די קאָנטורן פון דער צייט, סביבה, געשעענישן און אָפט מאָל באַוועגונגען. דער ערשטער מין איז אַ לייכטערע לעקטור, אין וועלכער מ׳זוכט נהנה צו זיין פון געוויסע ליטעראַרישע ווערטן; דער צווייטער מין איז ערנסטער, וואָגיקער, די הויפּט־ווערטן זיינע זענען דער היסטאָריש־דאָקומענ־טאַרער שטאָף.

נחום ניר־ראַפאַלקעס איז אין זיין בוך „ערשטע יאָרן" („אין קאַך פון דור און באַוועגונג") אַוועק אויף דעם צווייטן וועג. אין דער הקדמה ווערט עס ספּעציעל אונטערגעשטראָכן:

„אין תוך איז דאָס בוך, וואָס ווערט איבערגעגעבן דעם לייענער, נישט בלויז אַ בוך זכרונות... פון יאָר 1905 איז מיין פּערזענלעך לעבן ענג צונויפגעפלאָכטן מיטן געזעלשאַפטלעכן לעבן. איך האָב זיך באַמיט אָפּצושטעלן אויף די היסטאָרישע געשעענישן, פון וועלכע איך בין געווען אַן עדות און צו שילדערן זיי אַזוי, ווי איך האָב זיי געזען".

דאָס איז פאַרשטענדלעך. זכרונות זענען נישט סתם געשיכטע, נייערט — געשיכטע דורך דער פּריזמע פון פּערזענלעכע איבער־לעבונגען און באַטראַכטונגען. וואָס מערער דער בעל־זכרונות איז פּערזענלעך אַריינגעצויגן אין די געשעענישן; וואָס מער ער איז בכוח צו אַנאַליזירן זיי און צו ציען פון זיי אַ מוסר־השכל — אַלץ אַ גרעסערן ווערט האָבן זיינע זכרונות און אַ גרעסערן אינטערעס רופן זיי אַרויס.

נ. ניר־ראַפאַלקעס איז מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט געווען פּערזענלעך אַנגאַזשירט אין געשעענישן און באַוועגונגען פון אַ וועלט־באַדייטונג; גאָר שטאַרק געווען עקספּאָנירט אין יידישן לעבן, ווו ער האָט זוכה געווען אונטערצושרייבן די אומאָפּהענגיקייט־מגילה;

יאָרנלאַנג זיין וויצע־פאָרזיצער פון כנסת און לסוף צו דערגרייכן דעם צווייטן אַמט אין דער פרייער יידישער מדינה — צו זיין פאָר־זיצער פון ישראלדיקן פּאַרלאַמענט.

ער פאַרמאָגט דערביי אַ גרויסן באַגאַזש וויסן, אַ פעיקייט צום אַנאַליזירן דערשיינונגען און איבערלעבונגען; עס שוועבט אויף זיין פּנים דער מילדער שמייכל פון אַ פילוזאָפישן מענטשן, די רואיקייט פון אַ פאָרשער, די חכמה פון פאַרשטיין מיטמענטשן און (וואָס איז אפשר נישט ווייניקער חכמה) פון פאַרשטיין זיך אַליין. דאָס שאַפט דעם באַזונדערן אַראָמאַט פון זיינע זכרונות, אין וועלכע ער אַנאַליזירט (ביי זיין גאַנצער הונדערפּראָצענטיקער אַנגאַזשירטקייט אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג) רואיק, זאַכלעך און ווייטגייענדיק אָביעקטיוו כמעט אַלע באַגעגענישן, איבערלעבונגען, סביבות און מענטשן, וועלכע ער האָט געטראָפן אויפן לאַנגן און פילפאַרביקן וועג פון זיין לעבן.

„איך האָב נישט קיין חרטה אויפן וועג, וואָס איך האָב דורכ־געמאַכט. נישט איינמאָל האָב איך געמאַכט פעלערן, אָפּגעבייגט פון וועג, אָבער נישט אויסגעביטן מיין גאָט און נישט פאַרקויפט פאַר אַ טאָפּ לינדזן. די אינערלעכע קריטעריע אין הארצן האָט מיך געפירט אויפן וועג צו מיין ציל, צו וועלכן איך האָב געשטרעבט מיינע אַלע יאָרן, לויט דער שטים פון מיין געוויסן״.

דאָס איז דער עטישער אני־מאמין, וואָס ווערט דורך נירן געברענגט אין דער הקדמה צו זיין ערשטן באַנד זכרונות.

„מיין גאַנץ לעבן האָב איך געחלומט וועגן אַ נייער וועלט, וועגן אַ ניי לעבן פאַר מיין פיל־געליטן פאָלק. איך האָב זיך איבער־צייגט, אַז דער וועג צו אַ נייער וועלט, צו אַ ניי לעבן פון מיין פאָלק, איז אַ לאַנגער און אַ שווערער. איך בין זיכער, אַז מיינע טרוימען וועלן פאַרווירקלעכט ווערן, הגם איך וועל שוין נישט זען די פולע פאַרווירקלעכונג מיט מיינע אייגענע אויגן... די אַלטע וועלט וועט זיך לייכט נישט אונטערגעבן, ס׳וועט אָבער סוף־כל־סוף זיגן די

גערעכטיקייט ביי דער גאַנצער מענטשהייט און צווישן איר, ווי גלייכע צווישן גלייכע, וועט באַגליקט ווערן אויך מיין פאָלק".

דאָס איז שוין דער יידישער אני־מאמין פון ניר־ראַפּאַלקעס, איינער פון די גרונטלייגערס פון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג און פון אירע פירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין משך פון מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט.

„ערשטע יאָרן" נעמען אַרום די תקופה ביז סוף 1918: פּוילן (1884—1907), פּעטערבורג (1907—1918), קינדער־יאָרן, גימנאַזיע, אוניווערסיטעט, פּאַרטיי. און אַרום דעם — אַן אומגעהויער רייכער מאַטעריאַל וועגן יידישן לעבן אין וואַרשע — פון סוף ניינצנטן און אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. אַ שילדערונג פון דער וואָגיקער ראָל, וועלכע עס האָבן אָפּגעשפּילט אין דער אַנטוויקלונג פון גייסטיקן,ווירטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די וואַרשעווער יידן, די אַזוי גערופענע „ליטוואַקעס", די אָפּשטאַמיקע פון ליטע, רייסן און רוסלאַנד, צו וועלכע ס'געהערט אויך די פאַמיליע ראַ־פּאַלקעס.

דער צונויפגוס פון די „טרוקענע" ליטוואַקעס מיט די „הייסע" פּוילישע יידן האָט עס געשאַפן אַ סינטעז, וואָס האָט נישט — אין זין פון וויטאַליטעט, שעפערישקייט און צוגעבונדנקייט צום פאָלק קיין גלייכן אין דער גלות־געשיכטע פון יידישן פאָלק!

דאָס פּוילישע יידנטום. דער מאָמענט קומט אַרויס פון די דער־ציילונגען און שילדערונגען, וואָס שאַפן זיך אויפן סמך פון פאַקטן, עפּיזאָדן, בדרך כלל טרוקן דערציילטע, אָבער מיט אַ צומיש פון אַנעקדאָטישן עלעמענט און חוש פאַר הומאָר וואָס איז אַזוי כאַראַק־טעריסטיש פאַר נירן...

אין צווייטן טייל, פּעטערבורג, האָבן מיר די דערציילונגען וועגן זיין אַדוואָקאַטור, דער פעברואַר־רעוואָלוציע, אָקטאָבער, די יאָרן 1917, 1918. ניר שווימט דאָ אַרויס אויף ברייטע וואַסערן פון געשעעניש און געדאַנקען, ברענגט וויכטיקע מאַטעריאַלן, סיי פון יידישן און סיי פון אַלוועלטלעכן שטאַנדפּונקט.

דער ערשטער באַנד איז אַ דאָקומענטירטע דערציילונג וועגן לעבן פון אַ הומאַניסט, אַ יידישן אינטעליגענט, וועלכער האָט זיך נישט צערייסלעך פאַרבונדן מיטן אַרבעטער־קלאַס און אונדזער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג. פון דער דערציילונג טויכט אַרויס דער צעשמייכלטער פּאָרטרעט פון אַ מענטש, וועלכער איז פון באַרוף אַ נאַטור־וויסנשאַפטלער, פון פאַך — אַ יוריסט, פון נייגונגען — אַ פילאָזאָף און פּעדאַגאָג, פון פאַראינטערעסירונגען — אַ געזעלשאַפטלעכער עסקן און אַרבעטער־קעמפער; דער פּאָרטרעט פון אַן אַפּיקורס אין יענער וועלט און אַ טיף גלויבנדיקן קעמפער פאַר אַ בעסערער וועלט.

צו די אויבן דערמאָנטע פראַגמענטן, וויל איך בלויז צוגעבן, אַז אין דעם גאַנצן אַרטיקל איז אויך פאַראַן אַ צאָל קריטישע באַמערקונגען און אָנווייזונגען אויף נישט פּינקטלעכקייטן, באַזונדערס אין אויסרעכענען נעמען, ווערק פון שרייבער און ענלעכס.

איך בין זיך מודה, אַז איידער איך האָב געגעבן מיין אַרטיקל צום זעצן, האָב איך אָנגעקלונגען צו נירן און אים געזאָגט, אַז איך האָב אַ צאָל קריטישע באַמערקונגען צו זיין בוך און איך ברענג די באַמערקונגען אין דער רעצענזיע וועגן זיינע „ערשטע יאָרן". איך האָב אים געפרעגט, צי ער וויל פריער זיך באַקענען מיט מיינע באַמערקונגען און צי ער האָט נישט דאַקעגן איך זאָל אים קריטיקירן.

ניר האָט מיר געענטפערט, אַז איך דאַרף שרייבן, וואָס איך האַלט פאַר נייטיק. אויב ער וועט געפינען פּרטים, אין וועלכע ער וועט האַלטן, אַז איך בין נישט גערעכט, וועל איך דאָך האָפנטלעך אָפּדרוקן זיין ענטפער... ער האָט אָבער קיין ענטפער נישט אָנגעשריבן. אַ צייט שפּעטער האָט ער מיר בלויז געזאָגט:

„איר פאַרשטייט, כמעט אַלץ שרייב איך פון זיכרון. כ'האָב נישט געהאַט קיין מעגלעכקייטן, קיין צייט, נאָכצוקאָנטראָלירן די פּרטים... מישט זיך אַמאָל אויס קאַשע מיט באָרשט".

3

זיין זיכרון איז באמת געווען פענאָמענאַל. דער עיקר — צו זען זאַכן און מענטשן אין אַ געוויסן קרומען שפּיגל, צו זען זיי מיט אַ ב׳שט געווינלעכן חוש׳ פאַר הומאָר און פאַרמאָגן אַ וועלט מיט וויצן, פאַרבונדענע מיט זיי. אַחוץ איין מענטש: בער באָראָכאָוו. דער, וואָס האָט בשעתו איבערצייגט דעם יונגן ניר אין דער עכטקייט פון אידעישן וועג זיינעם און באַפעסטיקט זיין גלויבן אין היסטאָרישן מאַטעריאַליזם, אין מאַרקסיזם (ביז דאַן איז ניר־ראַפּאַלקעס געווען אידעאַליסטיש איינגעשטעלט).

וועגן דער באַציונג זיינער צום באָראָכאָוויזם — און צו באָ־ראָכאָוון פּערזענלעך — שרייבט ניר שוין אין דעם ערשטן באַנד. און אין דער דערציילונג וועגן באָראָכאָוס פּריצייטיקן טויט און לוויה אין קיעוו — ניר איז צופעליק געווען צווישן די געציילטע עדות פון דער טראַגישער געשעעניש — איז פאַראַן אַזוי פיל דראַמאַטישע אַנלאַדונג, אַזאַ באַהערשטער פּערזענלעכער ווייטיק און מיט אַזוי פיל קראַפט געשילדערט די אויסווירקונג פון דער געשעעניש אויפן אַרום, אַז מאָמענטנווייז באַקומט זיך דער איינדרוק: ניר איז ווייט נישט געווען קיין טרוקענער יוריסט און נייגעריקער נאַטור־פאָר־שער. ערגעץ ווו האָט אין אים געלעבט אַ בעלעטריסטישער טאַלאַנט.

אין זיינע ווייטערדיקע זכרונות איז עס שוין ווייניקער צו דער־קענען. דאַקעגן קומט דאָרט בולט אַרויס די ווירקונג פון דער באָראָכאָוו־ירושה אין נירס לעבן און טעטיקייט. די ווייטערדיקע פראַגמענטן פון מיין אַרטיקל וועגן נירס בוך „וואַנדערונגען" וועלן עס אפשר באַשטעטיקן:

נחום ניר האָט דעם צווייטן באַנד פון זיינע זכרונות אָנגערופן: „וואַנדערונגען". אויב מ׳זאָל באַטראַכטן דאָס בוך אין געאָגראַפישן פאַרנעם, איז דער נאָמען זייער פּינקטלעך, ממש אַדעקוואַט מיטן תוכן; אויב אָבער מ׳זאָל זיך אָפּשטעלן אויף דער אידעאישער אַנלאַ־דונג פונעם בוך, אויף דעם אידעאישן וועג פון נירן, וואָלט מען דעם באַנד באַדאַרפט אָנרופן "געטריישאַפט". וואָרום זעלטן ווען טרעפט

זיך אַזאַ געטריישאַפט, גראַדליניקייט, קאָנסעקוועגטקייט אויפן אי־דעאישן וועג פון אַ פּאָליטישן וועג — אין אַזאַ, קיין עין־הרע, בכבו־דיקער צאָל יאָרן פון געזעלשאַפטלעכער אַקטיווקייט — ווי ס׳איז דער פאַל ביי נחום ניר־ראַפּאַלקעס.

זיינע געאָגראַפישע וואַנדערונגען אין די 5—6 יאָר, וועלכע ס׳נעמט אַרום דער באַנד „וואַנדערונגען״, זענען טאַקע געווען עטאַפּן פון פּאַרטייאישן נע־ונדעווען, פון פּועלי־ציוניסטישן געראַנגל אין די גורלדיקע יאָרן פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג (1919—1925) — געראַנגל אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרענע (אין קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל), אין א״י (די ארץ־ישראל־קאָמונע) און אין דער באַוועגונג גופא (שפּאַלטונגען, פּאַראייניקונגען, וויכוחים)...

פון די „וואַנדערונגען״ וואַקסט פאַר אונדז אַרויס דער שטאָל־פעסטער מאַרקסיסט, באַראַכאָוויסט, דער פּאַרטיי־דענקער און פּאַר־טיי־מנהיג. דאָס פּערזענלעכע ווערט כמעט באַזייטיקט פונעם געוועב פון דער דערציילונג; אַפילו די נאָענטסטע מיטקעמפערין און די לעבנס־באַגלייטערין פון נחום ניר — סאַבינע ראַפּאַלקעס־ניר — ווערט בלויז פאַרבייגייענדיק דערמאָנט אין אייניקע ערטער, דאָס זעלבע — די קינדער. נאָך מער, אַפילו די עלטערן — מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך אין יאָר 1920 אין ארץ־ישראל, נאָך יאָרן פון צע־שיידונג — אַפילו זיי זענען בלויז אַ קליינער עפּיזאָד אין דעם ברייטן לייוונט פון וואַנדערונגען וואָס נעמען אַרום פּוילן—ארץ־ישראל (1919—1920), ווין (1920—1923), דאַנציג (1923—1924), בערלין—פּראָג (1924—1925), ביזן באַזעצן זיך אויף שטענדיק אין ארץ־ישראל (און טאַקע אָנהייבן זיינע וייטערדיקע וואַנדערונגען שוין פון דאַנען).

וואָס מ׳דאַרף דאָ קודם־כל אַרויסהייבן: אין די גורלדיקע טעג פאַר דער פּ.צ.־באַוועגונג — גראָד ווי פאַר דער אַרבעטער־באַוועגונג אין גאַנצער וועלט — איז נ. ניר געווײלט געוואָרן ווי דער פּאַק־טישער מנהיג פון דער פּ.צ. וועלט־באַוועגונג, דער סעקרעטאַר פונעם וועלט־פאַרבאַנד פּועלי־ציון.

ווי אַ פאָרשטייער פון וועלט־פאַרבאַנד איז ער געשיקט געוואָרן קיין מאָסקווע אין דער דעלעגאַציע אויפן דריטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן (1921). אַ דאַנק דעם האָבן מיר איינס פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלעך אין דעם בוך און — פונעם שטאַנדפּונקט פון באַלייכטן די באַציונגען צווישן דער רוסישער אַרבעטערשאַפט און דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג — איינס פון די אינטערעסאַנטע מעמואַריסטישע דאָקומענטן, וואָס מיר פאַרמאָגן אין יידיש.

אויסערגעוויינלעך אינטערעסאַנט זענען אויך די זייטלעך „די ארץ־ישראל־קאָמיסיע", פון וועלכע מיר באַקומען אַ פּרטימדיק און פאַרטיפט בילד פון ארץ־ישראל בכלל — און דעם יידישן ישוב בפרט — אינעם אָנהייב פון דער בריטישער אָקופּאַציע.

פאַראַן אויך אין בוך ערנסטע און קאָמישע (און אויף דעם איז ניר גאָר אַ מייסטער) עפּיזאָדן פון דער צייט אין פּוילן און די וואַנדערונגען איבער פּוילן...

ב. ניר פאַרגינט זיך אַן אָפנהאַרציקע זעלבקריטיק, ער דערציילט אַ שטייגער וועגן לאָזן זיך אַריינציען אין קאָרטנשפּיל מיט פּראָפעסיאָנעלע „שולערס", ווי אויך וועגן זיינע פאַרשידענע פּאָליטישע כשלונות. דאָס בוך ווערט אַזוי אַרום אַ מין ערנסטער, אָפענער חשבון הנפש פונעם מחבר, אַ חשבון הנפש פון גרויסער וואָג און קראַפט, ווי אויך פון אַ באַדייטנדיקער מאָראַלישער קוואַליטעט.

איך מיין, אַז מ׳מעג שוין דערציילן אַ פּיינלעכן פאַקט, וועלכן ניר האָט אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן שטאַרק דורכגעוויייטיקט און דורכגעליטן:

ער האָט געהאַט פאַרטיק אַ דריטן באַנד זכרונות — די תקופה ביזן אַנטשטיין פון דער מדינה — און דעם כתב־יד אַוועקגעגעבן אין פאַרלאַג אַריין, דעם איינציקן עקזעמפּליאַר פון כתב־יד. ניר איז געווען זייער אָפּגעהיט מיטן גראַשן, ווער שמועסט נאָך: ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן געזעלשאַפטלעך געלט — און ער האָט געזשאַלעוועט געלט אויף קאָלקע און פּאַפּיר, ס׳זאָלן פון זיין כתב־יד גע־

מאַכט ווערן אייניקע קאַפּיעס. און צו זיין גרויסן צער איז די איינ־ציקע קאָפּיע פון דריטן באַנד ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין פאַרלאַג. וויפל מ׳האָט נישט דורכגענישטערט אַלע שופלאַדן, נאָכגעפרעגט ביי אַלע פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער — ווי אַ שטיין אין וואַסער...

נישט איינמאָל האָט זיך דער אַלטיטשקער באַקלאָגט פאַר מיר: „נו, בין איך איצט בכוח ווידער אָנצושרייבן אויפן סמך פון מיינע נאָטיצן, אַ גאַנצן באַנד? אַז איך קען קוים אָנשרייבן איצט אַן אַרטיקל — האָט איר אויך געגוג אַרבעט, ביז איר מאַכט אים דרוק־פעיק״.

און זאָל עס אים געזאָגט ווערן צום שבח: ער האָט נישט געהאַט קיין טענות, אַז מ׳האָט אים פאַראַכטן, געשניטן, אַפּילו אַרומגע־שניטן. איינס האָט ער בלויז פאַרלאַנגט: זיין גרונט־געדאַנק זאָל בלייבן נישט באַרירט און ס׳זאָלן אים נישט אַריינגעגעבן ווערן קיין פרעמדע ווערטער, אָדער געדאַנקען.

„שניידן — סקאַלקאַ אוגאָדנאַ — פלעגט ער מיר זאָגן — אָבער קיין איין פרעמד וואָרט זאָלט איר מיר נישט צושרייבן״.

דער פאַל מיטן פאַרלירן דעם כתב־יד האָט אים אַזוי דעפּרימירט, אַז ער האָט שוין אַפּילו אויפגעגעבן דעם געדאַנק וועגן צוגרייטן דעם לעצטן באַנד פון זיינע זכרונות — די תקופה פון זיין פּרוכטבאַ־רער פּאַרלאַמענטאַרישער טעטיקייט אין ישראל.

וועגן דער תקופה האָט ער געהאַט וואָס צו דערציילן. ער איז פאַקטיש געווען איינער פון די יורידישע גרונטלייגערס פונעם ישראלדיקן פּאַרלאַמענטאַריזם, איינער פון די אַקטיוווסטע געשטאַל־טיקערס זיינע — ביי דער זייט פון יוסף שפּרינצאַק, ווי דער וויצע־פּאַרזיצער; אַליין, ווען ער איז געווען פאַרזיצער פון כנסת, אָדער ווי ד״ר יוחנן באַדער פון „חרות״ — איינער פון די קאָנסטרוקטאָרן פון דער באַרימטער ניר־קאָאַליציע, וואָס האָט נירן, להכעיס דער דע־מאַלטיקער מפּא״י־אָנפירונג, אַרויסגערוקט אויפן הויכן אַמט פון כנסת־פאַרזיצער, האָט אים גערופן: „פּאַניע מאַרשאַלקו״. און שפּע־טער — וויצע־פאַרזיצער ביי דער זייט פון קדיש לוז.

דער פּאַרלאַמענט איז אויפן לעצטן עטאַפּ פון ג. נירס לעבן געווען ביי אים די צווייטע באַשטימונג, נאָך דער פּאַרטיי. ער האָט ליב געהאַט דעם ענין, געלעבט מיט די זיצונגען פון כנסת, קאָמי־סיעס, בודזשעט־דעבאַטעס, צוזאַמענשטעלן געזעץ־פּראָיעקטן. און ער האָט אומגעהויער געליטן, ווען מ׳האָט אים אָפּן געזאָגט, אַז ער דאַרף צוליב זיין עלטער איבערגיין אויף עמעריטור. ווען איך האָב אים געבעטן ער זאָל אָנשרייבן אַן אַרטיקל צו דער דערעפענונג פון אַ נייער כנסת־סעסיע, האָט ער זיך לכתחילה שטאַרק אויפגעקאָכט — נישט ווי זיין שטייגער איז געווען — און קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט: „כ׳האָב נישט קיין שום שייכות מיט דער כנסת", נאָר שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט ער עס ווידער געפּרוווט פאַר־גלעטן מיט אַ וויץ:

„איר פאַרשטייט, כל זמן איך בין געווען אין כנסת, האָט דער מלאך המוות נישט געוווּסט וווּ מיך צו געפינען. האָט ער מיך געזוכט אין פּלענום, האָב איך געהאַט אַ זיצונג פון אַ קאָמיסיע... אָבער איצט, אַז כ׳וועל זיצן אין דער היים, וועט ער מיך באַלד פּאַקן".

זינט ער איז געוואָרן אַן עמעריט, האָט ער אָנגעהויבן ערנסט מורא צו קריגן פאַרן טויט. דאַן האָט זיך אָנגעהויבן די סעריע האַרץ־אַטאַקן, קראַנקייטן, ער האָט זיך אַלץ מער אָפּגעלאָזן, אינערלעך אָפּגעלאָזן. „כ׳בין געוואָרן אַ זקן, טורקאָוו, ס׳דערנענטערט זיך מיין סוף".

און ס׳איז געווען אַזוי באַשיימפּערלעך:

ווען ער איז באַערט געוואָרן, צוזאַמען מיט יצחק גרינבוימען, אָנצוצינדן דעם גרויסן פלאַם פון נר־תמיד ביים נייעם בנין פון דער כנסת, האָט מען אים געמוזט שוין פירן, אונטערהאַלטן, ער איז אַליין נישט בכוח געווען צוצוגיין צום אָרט. און יצחק גרינבוים, זיין חבר פון דער ערשטער ציוניסטיש־דעמאָקראַטישער סטודענטן־אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע, אָבער אַ פיל עלטערער פון אים, האָט מיט פעסטע טריט צוגעשפּאַנט צום אָרט פון דער פייערונג.

4

דאָס גאַנצע קאַפּיטל איז אפשר איבערגעלאָדן מיט אַנעקדאָ־טישע מאַטעריאַלן. כ'בין אָבער פעסט איבערצייגט, אַז נירן וואָלט עס הנאה געטון. דורך די צען יאָר פון אונדזער צוזאַמענאַרבעט און כסדרדיקע צוזאַמענטרעפן האָב איך דערקענט נישט בלויז זיין אומגעהויערן חוש פאַר הומאָר, נאָר אויך זיין הויכע אָפּשאַצונג פון דער ראָל פון הומאָר אין צווישנמענטשלעכע באַציונגען, אין געזעל־שאַפטלעכער אַרבעט.

„אויב איר וועט טרעפן אַ מענטש אָן חוש פאַר הומאָר, זאָלט איר זיך היטן פאַר אים" — האָט ער מיך געלערנט אין גוטן מוט.

ער האָט אויך ליב געהאַט שפּיצלעך — אַפּצוטון שפּיצלעך און דערציילונגען וועגן אָפּגעטוענע שפּיצלעך. פאַר אַ שפּיצל האָט ער געהאַלטן זיין דאָקטאָראַט. „אַלע מיינען דאָך, אַז איך בין אַ גאַליציאַ־נער דאָקטאָר, אַן אַדוואָקאַט. זיי ווייסן אָבער נישט, אַז די אַדוואָקאַטור האָב איך געמאַכט באַזונדער און אַ דאָקטאָר בין איך גאָר פון נאַטור־ וויסנשאַפט, פון דאָרפּאַטער אוניווערסיטעט".

צוויי גרויסע האָביס האָט ער געהאַט: פייקעס, פייפן, — אַ רייִ־ זיקע זאַמלונג פון פאַרשידענעם מין און גרייס פייקעס איז געווען ביי אים אין שטוב; און זומערפייגעלעך — אויב איך האָב נישט קיין טעות האָט ער געהאַט די גרעסטע פּריוואַטע זאַמלונג פון זומער־ פייגעלעך אין לאַנד; אַ זאַמלונג, וואָס האָט געקאָנט קאָנקורירן מיט מוזייען און וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוטן.

די אַלע זומערפייגעלעך האָט ער אַליין צונויפגעזאַמלט אין משך פון צענדליקער יאָרן — און אין פאַרשידענע לענדער — אַליין זיי פאַרקאָנסערווירט און אָפּגעהיט. די פייקעס זענען אָפּנים געקומען צו אים פון זיין פאַך, פון פאַרטיפן זיך אין יורידישע פּראָבלעמען („איר האָט נישט קיין אַנונג, ווי דאָס העלפט צום קאָנצענטרירן זיך"), די זומערפייגעלעך — פון זיין ליבשאַפט צו נאַטורוויסנשאַפטלעכע סטודיעס („איר האָט נישט קיין אנונג ווי דאָס העלפט צו אָנטשפּאַ־ נען זיך, אויסצורוען די נערוון").

טיף אין האַרצן האָט ער אפשר געהאַט שרייבערישע נטיות אויך, כאָטש ער האָט עס אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט („ווייס איך וואָס, אַז מ׳האָט באַדאַרפט האָב איך איינער אַליין אין 24 שעה צונויפגעשטעלט אין פעטראָגראַד די פּאַרטיי־צייטונג אויף רוסיש״). פון דעסטוועגן, ווען ס׳איז סוף צוואַנציקער יאָרן געשאַפן געוואָרן דער ערשטער שרייבער־קרייז פון יידיש אין ארץ־ישראל, איז ער אויסגעוויילט געוואָרן ווי דער פאָרזיצער און אַ סך יאָרן געווען פאָרזיצער פון שרייבער־פאַראיין אין ארץ־ישראל.

ער האָט אויך רעדאַגירט אַ שפּאַר ביסל — יידישע און העברעאישע — פּאַרטייאישע צייטונגען אין לאַנד, בעת דער ענגלישער מאַנדאַט־מאַכט האָט ער אַפילו פאַרלוירן דאָס רעכט צו פּראַקטיצירן ווי אַן אַדוואָקאַט צוליב דעם. ער האָט געשריבן אַ סך אַרטיקלען — נישט בלויז אויף פּאַרטייאישע, נייערט אויף אַלגעמיין־פּאָליטישע, עקאָנאָמישע און צומאָל קולטור־קינסטלערישע טעמעס („איך בין נישט קיין ספּעציאַליסט, קיין מבין, אָבער...״ א.א.וו.) זכרונות, אייגדרוקן; אַרויסגעגעבן אַ גאַנץ בכבודיקע צאָל ביכלעך און בראשורן — דער עיקר אויף פּאַרטייאישע און אַלגעמיין־סאָציאַליסטישע טעמעס. האָב איך געהאַלטן, אַז ס׳איז נישט מער ווי רעכט צו זיינע אַכציק יאָר צוצוטיילן אים ערן־מיטגלידערשאַפט פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל. כ׳בין געווען פאַרוואַלטונגס־מיטגליד פון פאַראיין, האָב איך פאָרגעשלאָגן איינצואָרדענען לכבוד אים אַן אָוונט און צוטיילן אים פייערלעך די ערן־מיטגלידערשאַפט. ער איז געווען גוואַלדיק גערירט דערפון. צומאָרגנס האָט ער מיר געזאָגט:

„מילא, אַז איר האָט אין אייער רעדע איבערגעזאַלצן וועגן מיין שרייבעריי, בין איך אייך מוחל, אָבער פאַר דער גאַנצער חתונה דאַנק איך אייך. און אין דער אמתן האָב איך דאָך פּאַרט עפּעס אויפגעטאָן פאַרן יידישן וואָרט אין ארץ־ישראל״.

אַמאָל האָט ער מיר דערציילט, אַז אַ צייטלאַנג איז ער געווען ברוגז מיט „נייוועלט״ — ווען די צייטשריפט איז דערשינען דריי

מאָל אַ וואָך, די צום לענגסטן עקזיסטירנדיקע יידישע צייטונג אין ארץ־ישראל פאַר דער מדינה — ווייל דער רעדאַקטאָר, דניאל לייבל, האָט אָנשטאָט זיין, נירס, אַרטיקל, אָנגעשריבן גאָר עפּעס אַנדערש.

„אַז ער האָט בלויז איבערגעלאָזט מיין נאָמען. די געדאַנקען זענען געווען זיינע. כ'האָב פיינט מ'זאָל מיר אונטערוואַרפן אַזעלכע ממזרים".

ער איז געווען אַזאַ געמיטלעכער, גוטמוטיקער מענטש, אַז ער האָט געקאָנט אַ סך פּועלן בלויז דערמיט, אַפילו ווען מ'איז מיט אים נישט מסכים געווען. באַזונדערס — וועגן געלט־פראַגן. דאָ איז ער געווען האַרט, ווי אַ שטיין, כאָטש גערעדט האָט ער מילד: „איר זענט אפשר גערעכט, אָבער איך האָב נישט מער".

ער האָט געקאָנט מאַכן פאַרשידענע קאָמפּליצירטע, פאַרדרייטע חשבונות, כדי צו באַווייזן, אַז ער איז גערעכט.

ווען ער איז געוווּר געוואָרן, אַז נאָכמיטאָג אַרבעט איך אין בית שלום אַש, האָט ער מיר גלייך אַראָפּגעריסן פון מיין געהאַלט אין „פאָלקסבלאַט". אויף מיינע פּראָטעסטן האָט ער געענטפערט: „איר פּטרט דאָרט ענערגיע, וואָס איר וואָלט באַדאַרפט אַוועקגעבן דער צייטונג, זיי צאָלן אייך דערפאַר, דאַרפן מיר אויך געניסן דערפון. ס'איז געזעלשאַפטלעך געלט, וואָס יידישע אַרבעטער שיקן אַריין פון פאַרשידענע עקן וועלט, שווער־פאַרהאַרעוועטע גראָשנס, דאַרפט איר דערפון נישט האָבן קיין לוקסוסן".

יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק פלעגט ער מיר דערמאָנען וועגן דער נויטווענדיקייט פון איינשפּאָרונגען; „ס'איז געזעלשאַפטלעך געלט". אָפט האָט ער מיר געשניטן די סומע, וואָס כ'האָב געהאָט צו דער דיספּאָזיציע פאַר שכר סופרים, ביז ער האָט זי אינגאַנצן ליקווי־דירט. „נישקשה, איר וועט געפינען גענוג שרייבערס, וואָס וועלן אייך נאָך צוצאָלן"... די קאָנצעלאַריע־הוצאות פון דער רעדאַקציע האָט ער פריער צוגענומען פון דער אַדמיניסטראַציעס הענט (דאָרט איז אָפט אַריינגעפאַלן אַ גראָשן, וועלכן מ'האָט געקאָנט אויסגעבן איידער ער איז דערגאַנגען צו די הענט פון נירן, וועלכער איז ביזן טויט גע־

ווען דער קאַסירער פון וועלט־פאַרבאַנד) און איבערגעגעבן מיר, לסוף האָט ער מיר אויפגעהערט צו צאָלן די הוצאות. ס'איז מיר געבליבן אַ גאַנץ פעקל קבלות און חשבונות אויף אַ לייטישער סומע און ווען כ'האָב געמאָנט, איז געווען זיין ענטפער:

„אַז מיר וועלן באַגליקט ווערן, וועל איך אייך באַצאָלן".

דעם גרעסטן פינאַנסיעלן גערעגל האָב איך געהאַט מיט נירן בעת דער ליקווידאַציע פון „פאַלקסבלאַט". נאָך דער פאַראייניקונגס־קאָנפערענץ פון די וועלט־פאַרבאַנדן מפא"י און אחדות־העבודה—פ"צ האָט ער מיך אַרויסגערופן צו זיך אויף אַ לענגערן שמועס. ביי זיין גאַנצער דערשלאָגנקייט אין יענער תקופה האָט ער דאָס מאָל גע־שיינט:

„נו, טורקאָוו, איך פטר אַראָפּ אַ האַרב פון די פּלייצעס, ‚פאַלקס־בלאַט' נעמט איבער דער פאַראייניקטער וועלט־פאַרבאַנד. איר זענט דאָך נישט קיין פאַרטיי־מענטש, ווערט איר באַפרייט פון דער אַרבעט. איך פיל, אַז כ'וועל קענען צונויפקראַצן די סומע פון אַנטשעדיקונג פאַר אייך און מיר וועלן זיך פאַנאַנדערגיין, ווי פריינד. שטעלט צו אייער חשבון אַלתרן און ער וועט עס שוין דערליידיקן".

אלתר גאָלדמאַן, אַ חבר פון קיבוץ שפיים, איז די גאַנצע צייט געווען דער ממונה איבער דער אַדמיניסטראַציע פון „פאַלקסבלאַט". ער פלעגט קאָנטראָלירן די חשבונות, אויסשטעלן די טשעקן און געווען די בריק צווישן נירן און דעם „פאַלקסבלאַט". ער האָט מיט מיר געמאַכט דעם חשבון, אויפגענומען אַלץ וואָס מיר איז געקומען — און געווען איז עס אַ גאַנץ לייטישע סומע פאַר כמעט צען יאָר רעדאַ־גירן די צייטונג, אַ צייט נישט אויסגענומען אורלויב, קאַנצעלאַריע־הוצאות און איבערגעגעבן עס נירן.

דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ יורידישער וויכוח, וואָס האָט זיך געצויגן חדשים לאַנג. מילא, אַז ער האָט באַלד געשטראָכן דעם אורלויב און די אַדמיניסטראַציע־הוצאות — דאָס איז דאָך קלאָר. אָבער צו דעם אַלעמען איז אים איינגעפאַלן צו קוועסטיאָנירן געוויסע סאָציאַלע רעכטן, וואָס מיר איז געקומען לויט דער ישראלדיקער גע־

זעצגעבונג. עס קומט פאַר יעדן יאָר אַרבעט אַ חודש אַנטשעדיקונג. איז באַרעכנט געוואָרן מיין חודשלעכער געהאַלט (ווי שוין דעמאָלט האָט ניר געהאַט אַראָפּגעריסן פון מיין רעדאַקטאָרישן געהאַלט די סומע, וואָס איך פלעג באַקומען אין בית שלום אַש) לויט דער צאָל אָפּגעאַרבעטע יאָרן. דאָס האָט ניר נישט קוועסטיאָנירט. אָבער — אָן מס־הכנסה.

„וואָס מס הכנסה?" — האָב איך געפרעגט, נישט פאַרשטייענדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך.

„אַז איר באַקומט אייער חודשלעכן געהאַלט, נעמט מען דאָך אייך אַראָפּ מס הכנסה. פאַרוואָס זשע זאָלט איר האָבן דעם שאַנס ביי אַזאַ גרויסער סומע און נישט מיר?".

„אַזאַ איז דאָס געזעץ".

„איז עס אַ שלעכט געזעץ".

„חבר ניר, אויב איך האָב נישט קיין טעות זענט איר געווען איינער פון די מחברים פון דעם געזעץ".

„איז ווער זאָגט אייך, אַז אַלע געזעצן, וואָס איך האָב באַאַרבעט, זענען גוטע? דאָס געזעץ איז בפירוש נישט לאָגיש".

און ס'איז אַוועק אַ סדרה דינגענישן און האַנדלענישן. ער האָט פאַרלאַנגט אַ באַשטעטיקונג פון פאַרשידענע אינסטאַנצן. און ווען איך האָב שוין דאָס אַלץ געהאַט געבראַכט — און דאָס האָט געדויערט וואָכנלאַנג — האָט ער מיר ערשט געזאָגט דעם אמת:

„מילא, כאָטש דאָס איז נישט לאָגיש, זענט איר געזעצלעך גערעכט. דער אמת איז אָבער, אַז צו דער ליקווידאַציע פון דער קאַסע פונעם וועלט־פאַרבאַנד, בלייבט מיר די סומע (און ער האָט אויס־גערעכנט אַ סומע, וואָס איז געווען אַ שיין ביסל ווייניקער, ווי מיר איז געקומען)... דאָס קען איך אייך באַצאָלן".

איך האָב זיך אונטערגעגעבן, נישט געהאַט מער קיין כוח זיך צו ראַנגלען מיט דעם זקן, וועלכער איז שוין קוים אַרומגעגאַנגען און באַוויזן זיך צו עקשנען, ווי אין די יונגע יאָרן. דאָן איז ווידער אַרויסגעקומען דער אמת: אויך די סומע האָט ער נישט די גאַנצע

אין מזומן, נאָר מ׳דאַרף ברענגען אַ טייל פון פּאַריז. די דעלעגאַטן צום ציוניסטישן קאָנגרעס וועלן עס ברענגען. „ס׳איז אַ מעשה פון אַ פּאָר וואָכן, כ׳וועל באַצאָלן פּראָצענט פאַר דער צייט״.

דער פאָרשלאָג וועגן פּראָצענט האָט מיר אַ ברי געטון. כ׳האָב אים שאַרף געענטפערט, אַז כ׳בין נישט קיין וווכערער. ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון פון אונטער די ברילן: „איר מיינט, הייסט עס, אַז איך יאָ?״

די דעלעגאַטן האָבן דעם אָנגעזאָגטן טשעק געבראַכט — אויסגע־שטעלט אויף נירס נאָמען — נאָר דערווייל איז מיטגענומען קיין ירושלים. ניר איז צום קאָנגרעס נישט געפאָרן, ער איז געווען קראַנק. ווען ס׳האָט זיך געענדיקט דער קאָנגרעס, האָט מען אים גענומען אין שפּיטאָל אַריין און דורכגעפירט אויף דער גיך אַן אָפּעראַציע, אַ קאָמפּליצירטע אָפּעראַציע אין די קישקעס. ביים צושטאַנד פון זיין האַרץ איז קוים געציילטע פּראָצענטער געווען אַ האָפענונג ער זאָל בלייבן לעבן. אָפּנים, אַז ער האָט דאָס געוווסט. אויפן טויטן־בעט האָט ער פאַרלאַנגט מ׳זאָל מיר אויסצאָלן דאָס וואָס ער האָט אָפּגע־רעדט מיט מיר אין פּאַריזער טשעק.

„געדענקט, איר זאָלט טורקאָוון נישט טשעפּען קיין פּיאַסטער פון דער סומע״ — האָט ער אָנגעזאָגט די חברים. דאָס איז געווען ווי אַ מין צוואה זיינע. קורץ נאָכדעם איז ער געשטאָרבן.

ער האָט דאָס באַטראַכט פאַר אַן ערן־חוב. און ער, דער ניכטע־רער יוריסט, דער פּיקח און צומאָל ציניקער, איז ביי אַלע זיינע אייגנשאַפטן: אַ דענקער, אַ קעמפער, אַ טוער, אַ דורכאויסיקער אַפּי־קורס, אַ פאָרשער און גריבלער, פּרעדיקער און וויצלער — צו די אַלע אייגנשאַפטן איז ער געווען אַן ערן־מענטש פון אַ גאָר הויכער מדרגה.

איינער פון די רענעסאַנס־געשטאַלטן, מיט וועלכע די צווייטע העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, דער סוף פונעם יאָרהונדערט, האָט באַרייכערט דאָס יידישע לעבן פון אונדזער יאָרהונדערט.

מיין יוגנט־חבר משה פּערענסאָן

1

אונדזער טעקסי איז צוגעקומען ביז מאַלקין און דאָרט זיך אָפּ־געשטעלט עפּעס ביי אַ זייטיקער כאַטע, ווו סאיז געווען דער באַשטימטער פּונקט פון וואַנען מ׳האָט אונדז גע־זאָלט פירן איבער דער גרענעץ. דער אָקטאָבער פון יאָר 1939 איז געווען עפּעס אַ באַזונדערס הייסער אין פּוילן, ווי ער וואָלט אונטערגעהייצט געוואָרן פון דעם באַרג באָמבעס און קוילן, וואָס די דייטשן האָבן צעוואָרפן און צעזייט איבערן לאַנד, פון די שריפות, וואָס האָבן נאָך געצאַנקט אין די שטעט און דערפער, דערמאָנט וועגן זיך מיט קנוילן רויך פון חורבות אַרויס און מיט טליענדיקע האַלעוועשקעס. און מיר זענען אַלע געווען אָנגעפּעלצט ביז צום פּלאַצן: צו אייניקע פּאָר זויבערע וועש און העמדער אויף זיך, סוועטערס, צו צוויי אָנצוגן (איינס אויפן אַנדערן) און אויף דעם אַלעם — שווערע מאַנטלען. די פרויען בפּועל ממש אָנגעפּעלצט אין זייערע בעסטע פּעלצן. ווען מיר זענען קאַיאָר דעם 17טן אַרויסגעפּאָרן פון וואַרשע, האָט נאָך די פּאַרטאַגיקע ראָסע געקילט אונדזערע פּנימער מיט אַ לייכטער פייכטקייט, אָבער ווען מיר זענען אָנגעקומען קיין מאַלקין — נאָכן שווערן, פּיל־שעהדיקן שלעפּן זיך איבער צעהאַקטע וועגן, פּראָווי־זאָרישע בריקלעך און פאַרשידענע רעוויזיעס אויפן וועג — האָבן זיך שוין פון אונדזערע פּנימער געגאָסן ריטשקעס שווייס.

מיר זענען אַלע אויסגעשטיגן פון טעקסי און אַריין אין דער טונקעלער דושנער כאַטע: אידאַ קאַמינסקאַ מיט מעלמאַנען, מיין

פלימעניצע רוטע מיט עדי ראָזנער, עדזשיע העלפמאַן מיט איר מאַן, דזשודעק בראַנדעס, איך מיט מיין פרוי און דער איינציקער „סאָ־ליסט" אין אונדזער טעקסי — מיין חבר משה פערענסאָן. אייניקע טעג פריער, ווען ער איז געוויר געוואָרן פון ערגעץ־ווו (כאָטש דאָס איז געווען שטאַרק בסוד געהאַלטן), אַז מיר קלייבן זיך צו שוואַרצן די גרענעץ, איז ער צוגעשטאַנען צו אונדז מ׳זאָל אים מיטנעמען, זיך מתחייב געווען צו האַלטן זיך מיט אונדז סאָלידאַריש ביז ס׳וועט קלאָר ווערן, וואָס מיר האָבן ווייטער צו טון אויף יענער זייט גרע־נעץ, געבן זיין חלק אין די הוצאות א.ד.גל. דאָס אַלץ איז פאָרגעקו־מען ביי מיר אין שטוב, ווו ס׳האָבן זיך אויך געפונען אידאַ מיט מעל־מאַנען (זייער דירה איז געווען צעשטערט פון דער באָמבאַרדירונג) און פון וואַנען מיר האָבן זיך דעם 17טן פאַרטאָג געלאָזט אויף דער נסיעה.

אין מאַלקין האָט זיך עדי ראָזנער איינגעקשנט: ער קאָן נישט איינזיצן אין דער דעמפּיקער כאָטע, ער וויל אַ ביסל אַרויס שפּאַצירן — ביז ס׳וועט אָנקומען דער אַריבערפירער איבער דער גרענעץ. ער איז אַרויס און — אין אַ קורצער צייט אַרום גע־ברענגט אויף אונדזערע קעפּ דעם דייטש, וואָס האָט אונדז אַלע גענומען „איין עטוואָס אַרבייטען". ער האָט אונדז אָוועקגעפירט אויף אַ באַן־ליניע נישט ווייט פון וואָקזאַל, דאָרט געהייסן וואַרטן די פרויען ביי די זאַכן און די מענער — „איין עטוואָס" רייניקן די וואַגאָנען. ער האָט אונדז איבערגעגעבן אין די הענט פון אייניקע ס.ס.־לייט, וועלכע האָבן אונדז געצוווּנגען מיט די הוילע הענט צו רייניקן די נאָרעס און די קלאָזעטן פון אַ גאַנצן ליידיקן עשאַלאָן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער ליניע. מיט די הוליע הענט: „דאָס וועט זיין פּינקטליכער געמאַכט", — האָבן זיי זיך געוויצלט.

אַ שיינע פּאָר שעה האָבן מיר אַזוי אָנגעפּעלצטע געקניט אין די וואַגאָנען און גערייניקט. ווען ראָזנער האָט זיך צעשניטן אַ פינגער מיט אַ שטיקל גלאָז און מיר האָבן געבעטן אַ ביסל יאָד, האָט מען אונדז געענטפערט: „שמוציקעס יודען־בלוט, ס׳מאַכט ניכט"; קיין

יאַד נישט געגעבן. מיר האָבן געהאַט אָפּגערעדט צווישן זיך: למען השם נישט צורירן זיך מיט די שמוציקע הענט צום פּנים, נישט ווישן זיך דעם שווייס — ווער ווייסט וואָס פאַר אַ קראַנקע ס׳זענען געלעגן אין די וואַגאָנען. אַלע זענען מיר אין דעם פּרט געווען דיסציפּלי־נירט. און דזשודעק בראַנדעס האָט זיך אויסגעלאַכט דערפון. ער איז געווען אַ פעסט־געבויטער, הויכער בחור. אַ דעמב. „מיר וועט גאָרנישט געשען״ — האָט ער אונדז פאַרזיכערט. דעם 14טן נאָוועמ־בער האָבן מיר אים באַגלייט צו אייביקער רו אויפן ביאַליסטאָקער בית־עולם, נאָך אַ שווערן טיפוס. ער האָט זיך אָנגעשטעקט ביים רייניקן די קלאָזעטן אין די וואַגאָנען.

אין דער צייט ווען מיר האָבן געטון די פיינע אַרבעט, זענען די פרויען באַארבעט געוואָרן דורך די פוילישע באַן־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום זיי. מ׳האָט זיי אַראָפּגעשלעפּט די פעלצן, פאַנאַנדערגענומען די פעקלעך, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט די עלע־גאַנטע וועש, צוגענומען די וואַליזקעלעך. צווישן די צוגענומענע זאַכן איז אויך געווען פערענסאָנס רוקזאַק. און אפשר האָט אים אַפילו קיינער נישט צוגענומען — מ׳האָט אים סתם איבערגעלאָזט. ווער דאַרף אין אַזאַ בהלה אַ ליידיקן רוקזאַק?

דערביי האָט אונדז אָפּגעגליקט: אַן עלטערער דייטשער אָפּי־ציר, וועלכער האָט געזען ווי די ס.ס.־לייט איזדיעקעווען זיך איבער אונדז, האָט געהייסן גיך פאַרענדיקן די אַרבעט, גוט אַרומוואַשן זיך ביים ברונעם און גלייך לויפן צו דער גרענעץ. ווען מיר האָבן אים דערציילט וועגן די פרויען, האָט ער צוגעזאָגט, אַז ער וועט זיי נאָכ־שיקן. די ס.ס.־לייט האָט ער פאַרטריבן מיטן אויסרייד: „איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז ווען זיי וועלן גוט מאַכן זייער אַרבעט, וועל איך זיי גלייך באַפרייען״. ס׳איז געווען אַ מלאך אין סדום. אַ לאָמעד־וואָווניק אין אַ וועלט פון רשעות.

מיר זענען געלאָפן צו דער גרענעץ. ווען מיר זענען שוין אַריבער, האָט פערענסאָן געפרעגט ביי וועמען ס׳געפינט זיך זיין רוקזאַק. מ׳האָט אים געענטפערט: ער איז געבליבן מיט אַלע זאַכן. ער האָט

זיך אָנגעכאַפּט ביי זיין פּליכעוואַטן קאָפּ: „ווי, פינף הונדערט דאָלאַר זענען דאָרט געווען איינגענייט". קיינער פון אונדז האָט אָבער נישט געוווּסט וועגן דעם. מיר האָבן אים בלויז געקאָנט באַדויערן.

דורך זאַרעמבי קאָשטשעלנע (ווו מיר האָבן איבערגענעכטיקט ביי אַ פּויער אין אַ סטאַדאָלע) זענען מיר צומאַרגנס אָנגעקומען קיין ביאַליסטאָק. אַ בינשטאָק. מ׳לויפט אַהין, צוריק. די גאַסן שוואַרץ פון מענטשן. אַ בהלה. עפּעס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז גאַנץ וואַר־שע — אַלע קרייזן און פּאַרטייען — געפינען זיך אויף די גאַסן פון ביאַליסטאָק. מ׳פרעגט, מ׳זוכט, מ׳בלאָנדזשעט, מ׳לויפט ווייטער.

דער וועג איז געווען קיין ווילנע. דאָרט האָבן זיך געפונען פּערענסאָנס פאַרבינדונגען, דוכט זיך — אויך זיין שוואָגער, יאָסל גוטגעלט. דערווייל איז ער געגאַנגען מיט מיר אין דער קונסט־אָפּטיילונג, אין די פאַרשידענע רעגיסטראַציע־ביוראָען. איך האָב אים געהאָלפן רעגיסטרירן ווי אַ רעזשיסער פון דראַמאַטישע קרייזן. אָבער נאָך אייניקע טעג איז ער געקומען צו לויפן אָן אָטעם: „זייַ געזונט, איך האָב באַלד אַ געלעגנהייט קיין ווילנע".

2

כ׳האָב געוווּסט, אַז ער איז באַצייטנס אָנגעקומען קיין אַמע־ריקע, נייערט יאָרנלאַנג האָב איך פון אים קיין ידיעה נישט געהאַט. צי האָט ער מורא געהאַט צו מיר צו שרייבן קיין פּוילן, כדי מיר נישט אָנצוטון קיין צרות, צי האָט ער מורא געהאַט אַליין צו האָבן צרות צוליב פאַרבינדונגען מיט פּוילן (בעיקר אין די יאָרן פון מאַק־קאַרטיס מכשפות־געיעג) — ס׳האָט מיך שוין נישט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט. דער עצם פאַקט האָט מיך פאַרדראָסן. ווייל: יאָרנלאַנג איז צווישן אונדז געווען אַזאַ נאָענטע פריינדשאַפט, געווען צייטן — ביז איך האָב חתונה געהאַט — אַז זיין שטוב איז געווען מיין צווייטע היים, צומאָל אַפילו — די היים ממש.

אָנגעהויבן האָט זיך אונדזער באַקאַנטשאַפט סוף זומער 1923. איך בין צוריקגעקומען קיין וואַרשע פון לעמבערג, ווו איך האָב דאָן געאַרבעט, אַ קראַנקער, אויסצוליגן מיין העקסנשוס, וואָס כ׳האָב זיך איינגעהאַנדלט אין דער פייכטער, וויסטער שטוב פון בעקער אַשכנזי, ווו איך האָב געוווינט מיין גאַנצע לעמבערגער תקופה, אויף זשרודלאַנע גאַס, נעבן די גאַז־רעזערוואַרן; אָבער אַנשטאָט צו ליגן אין וואַרשע, בין איך אַוועק באַלייגן עקזאַמען אין דער יידישער דראַמאַטישער שול, אויפן צווייטן קורס אירן, וואָס האָט זיך בקרוב באַדאַרפט אָנהייבן.

די יידישע דראַמאַטישע שול איז געווען דאַן אָרגאַניזירט פון ד״ר מ. וויכערט ביי דער „קולטור־ליגע״, וועלכע איז נאָך דאַן — אין 1922—1923 — געווען אַ צווישן־פּאַרטייאישע אינסטיטוציע, אָרגאַניזירט דורך דער „קיעווער גרופּע״, וואָס האָט זיך געראַטעוועט אין וואַרשע: ד״ר זילבערפאַרב, ה. ש. קאַזשדאַן, נחמן מייזיל, מלמד א. אַנד. די פּראַקטישע טעאַטער־לימודים האָט געלערנט דער רעזשי־סער דוד הערמאַן, טעאַרעטישע — מ. וויכערט, טעאַטער־געשיכ־טע — ד״ר י. שיפּער און ס׳זענען אויך געווען אין געוויסע תקופות לעקטאָרן אין דער שול: ה. ש. קאַזשדאַן, א. מאַרעווסקי, זיגמונט טורקאָוו א. אַנד. די עקזאַמען־קאָמיסיע, פאַר וועלכער איך בין גע־שטאַנען, איז באַשטאַנען פון ד״ר וויכערט און דוד הערמאַן; דער סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע איז געווען דער שילער פון צווייטן קורס — מ. פּערענסאָן; אויסגעזען האָט ער שוין דאַן זייער ערנסט, פיין אַריינגעפּאַסט אין דער שטייפקייט פון דער עקזאַמען־קאָמיסיע מיט זיין קיילעכדיק פּנים און פּליך. ס׳האָט זיך מיר לכתחילה נישט געגלויבט, אַז ער זאָל נאָך זיין תּלמיד, געמיינט: אויך עפּעס אַ פּראָ־פעסאָר...

הקיצור — דעם עקזאַמען האָב איך אויסגעהאַלטן, נייערט אויף די לעקציעס בין איך נישט געווען. כ׳האָב געמוזט צוריקפאָרן צו מיין אַרבעט קיין לעמבערג. און ווען כ׳האָב פאַרלאָזט לעמבערג אויף פעסט, איז שוין געווען צו שפּעט אָנצוהויבן אין שול. איז מיר פון

דעם עקזאַמען פאַרבליבן בלויז אַ שטיקל וועג צו דער הערמאַן־סטודיע (אין וועלכער איך בין אַריינגעטראָטןביים סוף פון איר עקזיסטענץ) און — אַ פריינדשאַפט מיטן סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע, מיט פערענסאָנען, אָדער מיט מאַניעקן, ווי מ׳האָט אים דאַן גערופן. די פריינדשאַפט איז אַריבער מיט דער צייט אויף זיין חברטע — די סטודענטקע רוטע רוטמאַן — זיין שפּעטערדיקע פרוי; ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגן מיר שפּאַצירן ביי די ברעגן פון ווייסל, וועבן יוגנט־חלומות — וועגן אַ וועלט פון יושר, שיינקייט, קונסט, טעאַטער. און אייניקע יאָר שפּעטער, ווען איך בין געבליבן אַ לענגערע צייט אין וואַרשע, בין איך געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער אין זייער שטוב אויף נאָוואָליפּקי 24, אַ שטוב, וואָס האָט זיך לסוף פאַרוואַנדלט אין מיין צווייטער היים אין וואַרשע.

דאָס איז געווען אַ שטוב פון אַ באַזונדערן מין: אַ באַשיידענע דירה אויפן פּאַרטער, אין אַ ניי מאָדערן הויז. אין איין זייטיק צימער האָט רוטע געפירט איר מאָדע־מאַגאַזין — נאָך דער חתונה האָט זי אויפגעהערט צו שטודירן, אויסגעלערנט זיך הוטן־פּוצעריי און געפירט אַ מאָדע־מאַגאַזין, כדי אַרויסצוהעלפן דעם מאַן אין דער פּרנסה, וואָרים קיין צו גרויסער בעל־פּרנסה איז ער דאַן נישט געווען. און אין די אָוונטן האָט זיך די שטוב פון מאָדע־מאַגאַזין פאַרוואַנדלט אין אַ גאַסט־צימער פאַר קינסטלער, קונסט־ליבהאָבערס און בונדיישער אינטעליגענץ. וואָרים רוטע, גראַד ווי מאַניעק, זענען געווען בונדיסטישע יוגנט־טוערס, „צוקונפט״־חברים און ביי זיי אין שטוב האָט זיך צונויפגעקליבן די סמעטענע פון דער „צוקונפט״־אַנפירערשאַפט, בעיקר פון די סטודענטישע קרייזן, אוניווערסיטעט־חברטעס און חברים פון רוטען. וועמען האָט איר דאָרט נישט געטראָפן? יוסף ראָטנער און יעזשי גליקסמאַן, דוד פּיזשיץ און פּנחס שוואַרץ, בערעק שניידמיל — דעם שפּעטערדיקן העלד פון וואַרשעווער געטאָ און אַ צאָל באַחנטע סטודענטקעס מיט בונדישע סימפּאַטיעס און אַן אַ יידיש וואָרט אין מויל...

נאָך אייניקע יאָר — און אין שטוב האָט זיך אָנגעהויבן אַרומ־

צודרייען אַ בלאַנד קעפּעלע, מיט העלע בלויע אויגן, אַ קאַפּיע פון מאַניעקן, נייערט מיט בלאַנדע לאָקן אַנשטאָט דעם פּליך — דאָס ליכטיקע, אייגציקע זונדעלע פון די פּערענסאָנס, ניקי. אויף מיינע אויגן איז ער אויסגעוואַקסן פון די וויקעלעך, אָנגעהויבן צו גיין, רעדן, באַשיינען אונדזערע אָוונטן און סתם באַשיינען די שטוב.

ביז שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיך געצויגן די דיסקוסיעס און שמועסן, מוח־גימנאַסטיק און סתם אַ מין גייסטיקע ווענטילאַציע. ס׳איז ווייט נישט געווען קיין אידעיש־האָמאָגענע געזעלשאַפט. לינקע און רעכטע בונדאָווצעס, צומאָל — קאָמבונדאָווצעס און איך, וואָס בין שוין דאָן אַוועק נאָך עקסטרעמער. אָבער די אַטמאָספער אין דער שטוב איז געווען אַזאַ הארציקע, אַזאַ טאָלעראַנטע, אַזאַ גייסטיק־באַפרוכפּערנדיקע, אַז אַלע אידעען און מיינונגען און ווידעראַנאַנדן האָבן דאָרט געקאָנט בשלום הויזן, קעגנזייטיק זיך אַפילו באַאיינ־פלוסן, פריינדלעך זיך אַמפּערן.

אַזוי האָט געדויערט ביז סוף 1933, ביז מיין חתונה. דערנאָך איז שוין געוואָרן אַ ביסל לויזער די פאַרבינדונג — פאַרט אָן אייגענע היים, האָט זי קאָנקורירט מיט דער צווייטער. פון צייט צו צייט פלעג איך זיך אָבער אַרויסכאַפּן צו די פּערענסאָנס — אויף אַ ווייל, אַ שמועס, אַ גרוס — אָדער כאַפּן אַ טעלעפאָן־שמועס, ביזן הייסן העלפט־אָקטאָבער־טאָג פון יאָר 1939.

3

ווידער האָט זיך אָנגעבינדן אַ קאָנטאַקט צווישן אונדז נאָך מיין באַזעצן זיך אין ישראל. כ׳געדענק נישט גענוי, ווי אַזוי ס׳איז געשען. ער האָט עפּעס אין אַ בריוו רעאַגירט אויף מיינס אַ טעאַטער־רעצענ־זיע אין „פאָלקסבלאַט״, אַ ביסל זיך געאַמפּערט מיט מיר. ער האָט מיך אויך געבעטן כ׳זאָל אים צושיקן דעם „פאָלקסבלאַט״ מיט מיינע רעצענזיעס. ער פלעגט מיר שיקן די בונדישע „אונדזער צייט״ און „די צוקונפט״ מיט זיינע רעצענזיעס און אַרטיקלען וועגן טעאַטער —

וואָרים פון טעאַטער האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט אָפּרייסן. אין וואַרשע האָט ער רעזשיסירט מיטן ערשטקלאַסיקן דראַמקרייז פון יוגנט־בונד „צוקונפט", געמאַכט מיט זיי גרויסע אויפפירונגען, געוויזן זיי אויף דער בינע פון פוילישן אַרבעטער־טעאַטער „אַטע־נעום"; אין וואַרשע האָט ער אויך אָנגעהויבן צו שרייבן וועגן טעאַ־טער — זעלטן אין „פאָלקסצייטונג", מער אין „צוקונפט", „וואָכנ־שריפט"; אין ניו־יאָרק איז אָפּנים שווערער געווען צו באַקומען אַ מעגלעכקייט צו רעזשיסירן — האָט ער מער געשריבן. ערנסט גע־שריבן, וואַגיקע אָפּהאַנדלונגען וועגן טעאַטער בכלל, וועגן איינצלנע פאָרשטעלונגען.

ווען ער איז געווען — דוכט זיך אין 1966 — אין ישראל, האָבן מיר זיך אָפט געטראָפן, פאַרברענגט צוזאַמען. ער האָט דאָ געהאַט אַ ברודער — איינער פון די פּיאָנערן פון „השומר הצעיר", פון די ערשטע, וואָס זענען אָנהייב 20ער יאָרן אַהערגעקומען, דאָס איז געווען זיין ברודער סעוועק, אַן אַלטער קיבוצניק. אַן עלטערער ברודער פון אים — אָבער אויסגעזען האָט ער אַ שיינע פּאָר יאָר ייַנ־גער. וואָרים ער האָט געהאַט אַ קאָפּ האָר און דער פּליך האָט מאַניעקן — איצט האָט ער שוין געהייסן משה, ווי מ'האָט אים אַ נאָמען גע־געבן ביים ברית — געמאַכט פון תמיד אַן אַ סך עלטער, ווי ער איז געווען. איז ער מיטן ברודער געקומען צו מיר. און ווידער האָבן מיר זיך גאַנץ פיין צונויפגערעדט — נישט געקוקט אויף מיינונג־פאַר־שידנקייטן, גראָד ווי ער האָט זיך געקאָנט פיין צונויפרעדן מיטן ברודער, דעם אַלטן שומר־קיבוצניק. וואָרים פּערענסאָן איז געווען דער טיפּ פון אַ סאָציאַליסט־ליבעראַל, געטריי די אייגענע מיינונגען און טאָלעראַנט צו די מיינונגען פון אַנדערן.

בעת איינעם פון זיינע באַזוכן ביי מיר, האָט ער מיר פאַר־טרויט: ער גרייט אַ בוך, אַן אָפּקלייב פון זיינע אַרטיקלען וועגן טעאַטער. איך האָב אים שטאַרק צוגערעדט דערצו. אין דעם זאַמלבוך „יידישער טעאַטער אין אייראָפּע צווישןביידע וועלט־מלחמות" (דערשינען אין 1968) — ער האָט געהערט צו דער רעדאַקציע־

קאַלעגיע, צוזאַמען מיט איציק מאַנגערן און יאַנאַס טורקאָוו, — האָט ער געהאַט אַ גרעסערע אַרבעט וועגן דראַמאַטישע קרייזן.

איך האָב געהאַט צו אים טענות, וואָס דאָס בוך פאַרשלעפּט זיך אַזוי פיל יאָרן — פאַראַן דאָרט מיינע אַ גרויסע אַרבעט וועגן יידיש טעאַטער אין וואַרשע און כ'האָב זי נישט געשריבן ס'זאָל זיין אַרכיוו־מאַטעריאַל. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אָט־אָט דערשיינט דאָס בוך. ער וועט צוהיטן, אַכטונג געבן. דאָס בוך איז דערשינען, ווען ער איז שוין געווען ערנסט, שווער קראַנק.

אין אַמעריקע האָט ער זיך אויסגעלערנט זעצן אויף אַ לינאָטיפּ. געווען דער אָנפירער פון אַן אָפּטיילונג אין אַ גרויסער ענגלישער דרוקעריי. שווער געאַרבעט. געחלומט: נאָך אַ ביסל, ער וועט אַרויס אויף פּענסיע, וועט ער מיט דער פרוי קומען זיך באַזעצן אין ישראל. געבליבן איז בלויז דער חלום, ווי אַ מאָל — זיין חלום וועגן טעאַ־טער. זיין צווייטע פרוי איז פּלוצלינג געשטאָרבן. ער האָט נאָך דעם קלאַפּ שוין נישט געקאָנט צו זיך קומען. ס'האָט אים אָנגעהויבן צו מאַטערן די קראַנקייט, אויסצונאָגן זיינע לעבנס־זאַפטן.

אָנהייב 1969 איז מיין שוועגערין סאָניע געווען אין ניו־יאָרק. זי האָט צו אים געקלונגען, געוואָלט אים באַזוכן, איבערגעבן גרוסן. ער האָט זיך געבעטן: ניין. ער זעט שרעקלעך אויס, ער וויל נישט מ'זאָל אים זען אין אַזאַ מצב. אפשר, אַז ס'וועט אים בעסער ווערן...

קורץ נאָך דעם איז ער געשטאָרבן. נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן זיין בוך, נישט באַוויזן זיך צו באַזעצן אין ישראל. פיינלעך אויס־געחלומט אַ ביטערן חלום און דער שיינער חלום פון זיין לעבן האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָר אַ טרויעריקן פינאַל.

איציק מאַנגער איז אַוועק פֿון גרוי צו בלוי

אַ טרויער האָט אַרומגענומען די יידישע ליטעראַטור, דאָס יידישע טעאַטער, די גאַנצע יידישע קולטור־וועלט. ס׳איז אַוועק פון אונדז דער גרויס־זינגער — דער אויסזינגער פון יידישע פאָלקס־טרוימען און זעונגען, פון יידישן צער און יידישער פרייד, אומעט און פאַרשייטקייט — דער גרויסער טרובאַדור פון אונדזער פאָלק, איציק מאַנגער.

אַזוי ווי אין מאַנגערס פאָפולער ליד איז דאָס יידישע פאָלק געשטאַנען ביי די טייכן פון מזרח־אייראָפּע ווי אַ וויינענדיקע ווערבע; ס׳איז געשטאַנען ווי אַ בוים אַנגעבויגן. און פון דעם בוים האָט אַרויסגעזונגען דאָס צויבער־געזאַנג פון איציקן, וועלכער פלעגט אַרויספליען אויפן בוים אויף די פליגל פון זיין פאַנטאַזיע — אַזוי ווי זיין גאָלדענע פאָווע — איבער אַלע יידישע דורות און צע־שפרייטקייטן, איבער אַלע הינטערגעסלעך פון יידישן זיין, איבער קרעטשמעס און שניידער־וואַרשטאָטן, איבער די טרויעריקע שטיבער פון איינזאַמע און פאַרשטויסענע, אויסגעזונגען פאַר אַלע יידישע מענטשן דאָס וווּנדער־געזאַנג פון לעבעדיקע שטערן און טויטע זונען. דאָס לעבעדיקע און געשטאָרבענע איז ביי אים געגאַנגען פאַנטאַסטיש געפּאָרט, ער איז געווען היימיש מיט אַלע לעבעדיקע און פאַר־שטאָרבענע דורות. ער האָט אויסגעטרונקען מיט זיי אומצאָליקע פעסער וויין און אויסגעזונגען דאָס וויינענדיק־לאַכנדיקע געזאַנג פון די ווייַנקעלערס און קרעטשמעס. ער האָט וואַגאַבונדיש געוואָגלט איבער וועלט און לעבן — אַ פּרינץ מיט דער בעטלער־טאָרבע — און אויסגעליטן די ליידן פון אומגליקלעכע און פאַרשטויסענע,

באַלאַדיש אויסגעזונגען זייער פּיין און אָרעמע פרייד. ער האָט געוואַנדערט און געוואָגלט, געוואַלגערט זיך אין דער פרעמד, ביז ער האָט זיין היים געפונען אינעם לאַנד פון זיין בלויען חלום, ווו ס׳בלויען די וואַסערן פון כנרת, אָבער שוין אַן אויסגעלאָשענער פלאַם, אַן איינגעשטילטער ווולקאַן, אַ צעטרייסלטער ריז. האָט ער זיין אייביקן אומרו פאַרוואַנדלט אין דער רו פון נחלת יצחק — די איינציקע און אייביקע נחלה פון איציקן.

דער גייסטיקער אייניקל פון וועלוול זבאַרזשער, פון די בראָדער זינגער און פון אברהם גאָלדפאַדענס טעאַטראַלישקייט — האָט ער מיט זיין געניאַלער האַצמאַך־דריי־אייניקייט אין דעם כישופשפיל פון דער ״כישופמאַכערין״ געמאַכט געשיכטע אין יידישן טעאַטער; מיט זיינע „מגילה־לידער״ דערמעגלעכט צו פאַרוואַנדלען דאָס יידי־שע וואָרט, געזאַנג און פורים־שפיל אין אַ טעאַטער־געשעעניש פון וועלט־מאַסשטאַב. זיינע לידער, געשאַפענע צו פאַרשידענע פאָר־שטעלונגען, צום יידישן פילם, האָבן באַרייכערט מיט ראַפינירטער פשטות די שיינקייטן פון יידישן וואָרט אינעם טעאַטער. זיכער וועלן זיך נאָך די ״חומש־לידער״ אויך לאָזן הערן פון דער בינע — לאָזן הערן זייער חכמה, פאָלקסטימלעכע האַרציקייט און פאַנטאַסטישע שפּילעוודיקייט; זיינע עסייען און געדאַנקען וועגן טעאַטער, דראַ־מאַטורגיע און דער יוצא־דופנדיקער אייגנטימלעכקייט פונעם יידישן טעאַטער, בלייבן אַ קוואַל, פון וועלכן יידישע טעאַטער־מענטשן וועלן דורותלאַנג קאָנען שעפּן בליציקע געדאַנקען, פאַרטיפונג און באַגייסטערונג פאַר קאָמעדיאַנטישער מסירת־נפש און טעאַטראַלער עבודה.

ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס שאָליקל, די קוטשמע, מיט די קאָ־לאָשן, מיט וועלכע מ׳האָט זיך באַמיט צוצובינדן צום איינגעבויגענעם בוים פון אונדזער לעבן דעם זינגפויגל איציק מאַנגער. ער האָט קיינעם מער נישט געוואָלט פאָלגן — איז אַוועקגעפלויגן אין דער אייביקייט, איבערגעלאָזט אונדז אַלע פאַריתומטע, אין צער פאַרזונ־קענע, פאַרטרויערטע. אָבער מיט אונדז איז פאַרבליבן מדרש איציק:

זיין ליד און זיין בילד, זיין געזאַנג און זיין וויזיע, זיינע פאַנטאַס־טישע זעונגען און דאָס באַווייזן אונדז די כישופדיקע וועלטן פון טעאַטראַלישקייט.

איציק מאַנגער, דער דיכטער פון פאָלק, איז געווען גוואַלדיק וואַכזאַם איבער יעדער קולטור־דערשיינונג אין יידישן לעבן. ווען איך האָב אים געהאַט צוגעשיקט דעם ערשטן נומער פון דער צייטונג „פאָלקסבלאַט", וואָס איך האָב רעדאַגירט, האָט עס אים אַנגעפילט מיט פרייד און אויפסנייע אויפגעוועקט זיין ליבשאַפט צו מדינת ישראל. אין זיין בריוו צו מיר, דאַטירט: ניו־יאָרק, 21סטן דעצעמ־בער 1958, שרייבט ער:

„געזען דעם נומער „פאָלקסבלאַט" און איך ווינטש אייך הצלחה. איך האָף, אַז איר וועט אויסנוצן אייער וואָכנ־בלאַט אויף צו באַקענען אייערע לייענער מיט דער שיינער יידישער ליטעראַטור און אויך געבן גוטע אי־בערזעצונגען פון דער העברעישער ליטעראַטור אויף יידיש — דער עיקר פון דער מאָדערנער ליריק, און אַזוי אַרום שאַפן אַ בריק וואָס זאָל פאַרבינדן די יידישע מיט דער העברעישער ליטעראַטור".

דאָס איז געווען נישט לאַנג נאָך זיין באַזוך אין ישראל, פון וואַנען ער איז אַוועקגעפאָרן אַ באַגייסטערטער. שרייבט ער טאַקע ווייטער אינעם בריוו:

„איך לעב נאָך מיטן רושם פון מיין זיין אין ישראל. די אַלע אָנפאַלן אויף מיר פון „געוויסע לייט", וואָס זענען זייער זייער נישט לייטיש, סיי עסטעטיש, סיי מאָראַ־ליש, אַרן מיך ווי דער פאַראַיאָריקער שניי.

מדינת ישראל איז פאַר מיר געוואָרן אַ נייער פּאָעטי־שער גילדערנער ברונעם.

אַט איז גראָד דערשינען אַ פּרעכטיק בוך לידער פון מאיר שטיקער א"נ „יידיש לאַנדשאַפט". אין דעם בוך געפין איך אַ ליד וואָס הייסט: „באַלאַדע איציק

מאַנגער". ווי אין יעדער פּאָעמע איז דאָ אין דעם ליד אַ סך אמת, אָבער איך וואָלט צוגעגעבן: אויב שוין יאָ פאַלן ווי די שטערן פאַרצערט אויף דער ערד, זאָל עס זיין די ערד פון מדינת ישראל.

מיט ליבשאַפט: אייער מאַנגער".

„גיין אין דיכטערס לאַנד" — ווי עס האָט געזאָגט געטע, כדי צו קענען לערנען מאַנגערן — הייסט גיין אין דער איבערלעג־דישקייט אָדער אויסערלענדישקייט פון יידישן פאָלקסלעבן, אין די סאַמע טיפסטע טיפעניש פון פאָלקס־שאַפן, אין די שניידער־וואָר־שטאַטן, ווייַנקעלערס און קרעטשמעס פון רומעניע, גאַליציע, וואָלין, פאָדאָליע און פוילן.

און דאָרט וועלן מיר געפינען מאַנגערן. מיר וועלן אים גע־פינען ביי די צעזונגענע בראָדער זינגער און פריילעך־צעשפּילטע פּורים־שפּילער. און דער דיכטער נעמט זינגען מתוך שמחה, בעסער געזאָגט: אַנטי־עצבותדיק. דער אַלטער אַנאַקרעאָן פאַרבעט דאָן איציק מאַנגערן אויף אַ גלעזל משקה מיט אַ בפירושער כוונה:

איציק, כ'לעבן ביסט אַ יינגל,
קום מיט מיר אין שענק אַריין.
עצבות קנייטשט דיין יונגן שטערן,
קום און לייטער אים מיט וויין.

און ווייטער:

איציק, היט דיין ליד פון שאַטנס,
זיי נישט אַזאַ לעקיש בער.
גיב דיין ליד אַ טראָפּן וויין,
נאָר פאַרהיט עס פון אַ טרער.

אַזוי זינגט איציק מאַנגער, וויסנדיק, צוזאַמען מיט אונדז אַלע־מען, אַז פון דער טרער לאָזט זיך נישט פאַרהיטן, אַפילו מיט וויין:

גאָט כביכול איז גרויס
היינט פונקט ווי אַמאָל.

נישט ווייל ער דונערט אין הימל,
נאָר ווייל ער בליפּעט אין טאָל...

און איציק מאַנגער האָט געטרונקען פון אַלע יידישע קוואַלן, פון די פריידיקע, אַזוי ווי פון די טרערן־טרויעריקע. ווייל איציק מאַנגער איז געווען אַ קינד פון אַן אַנהייב פון אַ יאָרהונדערט, וואָס שטעקט אין יאָרהונדערטער פאָלקסטימלעכער יידישקייט און ריינ־סטער קוואַליטעט פון איידעלן מין שאַפן, ווי דאָס איז אויסגעדריקט אין זיין:

לאָמיר זשע זינגען פּשוט און פּראָסט
פון אַלץ וואָס איז היימיש, ליב און טייער:
פון אַלע בעטלער, וואָס שעלטן דעם פּראָסט,
און פון מאַמעס, וואָס בענטשן דאָס פייער.

די ראַפינירטע אויסגערייפטקייט פון זינגען „פּשוט און פּראָסט" איז אייגנטימלעך און איינציק איציק מאַנגערן. אַזוי פּשוט־און־פּראָסט זינגען קאָן נאָר אַ דיכטער, וואָס איז באַלאָדן מיט דער שווערקייט פון דורות פאָלקסטימלעכן דורכלעבן ווי עס איז געווען איציק מאַנגער.

אין זיינע תנ"ך־מאָטיוון איז מאַנגער נישט דער ערשטער און אויך נישט דער איינציקער. עס האָט עס געטאָן אברהם גאָלדפאַדען אין דראַמאַטורגיע און שלום אַש אין פּראָזע. גאָלדפאַדענס טעאַט־ראַליזירן דעם חומש איז געמאַכט געוואָרן מיט דער כוונה עס צוצו־פּאַסן צו זיין טעאַטער־עולם, דעם באַלמעלאָכע פון יאַס, בעסאַראַ־ביע, אוקראַינע אָדער גאַליציע. שלום אַש שאַפט זיינע מעשהלעך פון חומש פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאָך זיינע ערשטע רייזעס קיין ארץ־ישראל, וווּ ער קאָנפראָנטירט זיין פאַנטאַזיע מיט דער רעאַלער לאַנדשאַפט פון לאַנד פון די אָבות. מאַנגערס שליסל צום חומש ליגט אין זיין אייגענער וועלט, אין דער וועלט פון קאָלאָמיי און סטאָפּטשעט. אַמבעסטן באַצייכנט עס מאַנגער אַליין אין זיינע זכרונות פון קאָלאָמיי:

עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט

זיך מיין זיידע אברהם פאַר מיר אַנטפּלעקט, ווי דער טראַגישער המשך פון דער אברהם־געשטאַלט פון חומש. אָבער דאָס מאָל פירט ער נישט זיין זון יצחק צו דער עקידה, נאָר זיין אייניקל איציק.

די איציקס פון פוילן, ליטע, רוסלאַנד און רומעניע, פונעם גאַנצן אייראָפּעישן קאָנטינענט, זענען הויפנס אַש אויף דער דאָזיקער לעצטער עקידה.

די אברהם־אבינו־געשטאַלט פון חומש און די בעל־עגלה־גע־שטאַלט פון סטאָפּטשעט ווערן ביי איציק מאַנגער איינס. זייביידן פאַרבינדט איין טראַגיש־היסטאָרישער גורל.

און ווען מיר רעדן וועגן הונדערט־פּראָצענטיקער פאָלקסטימ־לעכקייט, מוזן מיר געדענקען מאַנגערס סאָנעטן „פאַר מיין ברודער נאָטע", „דער אַלטער אַנאַקרעאָן", די באַלאַדע פונעם אַלטן אָרלעקין און אַנדערע, כדי צו זען, ווי טיף־פאָלקסטימלעך עס איז געווען דער דיכטער איציק מאַנגער, און ווי ריין־פילטרירט דער פאָלקס־מאָטיוו איז דורך זיין קינסטלערישער ראַפינעריע.

גאַנץ אומפאַרשטענדלעך, און כמעט ווי אַ בלבול אויף זיך אַליין, קלינגט דעריבער איציק מאַנגערס ליד „עפּילאָג". דער דיכ־טער, דער צעשפּילט־צעזונגענער, זינגט מיט שווערן באַדויער און פאַרוואורף:

כ'האָב אַ חלום אייך געבראַכט,
און איר האָט אים אָפּגעשטויסן,
ווען עס איז געוואָרן נאַכט,
האָט איר מיך געלאָזט אינדרויסן.
כ'האָב אַ חלום אייך געבראַכט
און איר האָט אים אָפּגעשטויסן...

ניין. מאַנגער איז נישט אָפּגעשטויסן געוואָרן. מאַנגער איז, ווי קיין שום יידישער דיכטער פון אונדזער צייט, טיף אַריינגעזאַפּט געוואָרן אין יידישן לעבן, אין דער יידישער פאָלקס־עמאָציע. ווער נאָך ווי מאַנגער האָט דערגרייכט די זכיה אַזוי פיל געלייענט און

פאַרגעלייענט צו ווערן? און נישט נאָר ביי יידן, נאָר אויך אויף אינטערנאַציאָנאַלע פּאָעזיע סימפּאָזיומס.

אויך די מאַנגערישע פּראָזע, זיין "וווּנדערלעכע לעבנס־באַשרייבונג פון שמואל אבא אַבערוואָ", זיינע זכרונות, ווי אויך זיינע טעאַטער־שפּילן אָטעמען מיט אַלע קאָלירן און שטימונגען פון זיין געלייטערטער פּאָעזיע. אין דער פּראָזע זיינער ווי אין זיין פּאָעזיע, בלייבט מאַנגער דער אומפאַרגלייכלעכער מייסטער פון איבערקנעטן קונסט־עלעמענטן און אַרויסבאַקומען פון זיי די ריכטיקע פאַרב. ווי ער זינגט עס אין דער „באַלאַדע פון די בלויע קריגלעך":

מיט בלאָע קריגלעך אין די הענט
גייען ווייסע מאַמעס בלייך דערשראָקן,
און זייער גיין דורכן טונקעלן דאָרף
איז ווי אַ גיין אין תשעה באב אָן זאָקן
און ס'ציטערן די קריגלעך אין די מידע הענט...

מאַנגער איז אַרויסגעוואַקסן פון יידיש און צונויפגעוואַקסן מיט יידיש. אָבער זיין פּאָעזיע איז אַריבערגעוואַקסן אונדזער מאַמע־לשון און איז אַריין אין דער וועלט־ליטעראַטור. געניו ווי עס זאָגט עס דער דיכטער אַליין אין דעם פאָרוואָרט צו זיין יובליי־אויסגאַבע „ליד און באַלאַדע":

שפּראַכן פאַרלעשן זיך, אָבער די אמתע פּאָעטישע ווערק וואָס ווערן געשאַפן אין זיי, לעבן זיי איבער און אַריבער.

וואָלף (זאב) הייבלום

1

אוויכטיקער — לויט מיר נאָך: דער וויכטיקסטער — צייט־אָפּשניט אינעם לעבן פֿון אַ יידישן מענטשן (אינעם באַגריף: אַ מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעלעבט אין יידיש, געלעבט און געשאַפֿן אין מאַמע־לשון, ממש מיטגעלעבט און מיטגעוואַקסן מיט דער שפּראַך און אירע ראַנגלענישן) איז זיכער געווען די תקופה פֿון אַן ערך צוואַנציק יאָר, וואָס ווערט פּאָפּולער אָנגערופֿן דער צווישנמלחמה־פּעריאָד. דאָס איז דאָך געווען די בלי־צייט פֿון יידישן שאַפֿן — אין דער גאַנצער פילפאַרביקייט און פילדימענסיע־קייט — אינעם ראַטנפאַרבאַנד (ביזן העלפט דרייסיקער יאָרן דער עיקר); דאָס איז געווען די אויפבלי־תקופה פֿון דער יידישער ליטעראַטור און טעאַטער אין אַמעריקע — אַ צייט פֿון שאַפֿן אייביקייט־ווערטן, וואָס וועלן אָן ספק פאַרבלייבן אַ נישט אויסשעפּלעכער אוצר אינעם דורותדיקן אַלייִדישן שאַפֿן: דאָס איז געווען ד י תקופה, ווען ס׳זענען אין פּוילן געשניטן געוואָרן די פּירות פֿונעם פּרץ־פּאַרזייִ אויף אַלע פעלדער און אין אַלע גערטנער פֿון יידיש־שאַפֿן.

אַט אין דעם צווישנמלחמה־פּעריאָד האָט אינעם יידישן קולטור־לעבן אין פּוילן — און בעיקר אין וואַרשע, ווו ס׳האָט זיך ווי אין אַ פּריזמע אָפּגעפינקלט און פאַרגרעסערט אַלדאָס שאַפערישע אין יידישן פּוילן — געשפּילט אַ חשובע ראָל אַ געוויסער קרייז פֿון דער אַרבעטער־יוגנט. דאָס איז געווען אַ יוגנט, וואָס האָט זיך שוין סאָציאַל און גייסטיק פולשטענדיק פּראָלעטאַריזירט, איז אָבער אין דער פּאָטענץ, מיט די אַספּיראַציעס און אַפילו מעגלעכקייטן נענטער געווען צו דער אינטעליגענץ, באַזונדעס — צו דער שאַפערישער אינטעלי־

גענץ, צומאָל — צו די באַהעמע־קרייזן. די יוגנט איז טאַקע אין משך פון געציילטע יאָרן געוועזן אַ יוסטער חלק פון דער וואַרשעווער יידי־שער אַרבעטער־אינטעליגענץ. זי איז געוואָרן אַנזעעוודיק אין די ליטעראַרישע קרייזן, זי האָט אָנגעהויבן שפּילן אַ דאָמינירנדיקע ראָל אין די קינסטלערישע קרייזן — סיי אין דער פּלאַסטישער קונסט, סיי אין טעאַטער.

צום טעאַטער איז די דאָזיקע יוגנט געקומען דורך די דראַמאַ־טישע קרייזן ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אַרבעטער־אָרגאַ־ניזאַציעס — דעם אויבן־אָן האָבן דערביי פאַרנומען דער לינקער טעקסטיל־פאַראיין און דער בונדישער מעטאַל־פאַראיין; דער עיקר אָבער — דורך די סטודיעס און דראַמאַטישע שולן, וואָס זענען גע־שאַפן געוואָרן דורך דער „קולטור־ליגע", אָדער ביי דער דאָזיקער אינסטיטוציע. נייערט: אויב אין דער ערשטער דראַמאַטישער שול (1922) האָט נאָך איבערגעוויגן דער עלעמענט פון אינטעליגענץ (באַזונדערס צווישן די פּרויען) און דאָס איז שטאַרק קענטיק געוועזן אין דוד הערמאַנס סטודיע, וואָס איז פון דער ערשטער יידישער דראַמאַטישער שול אויסגעוואַקסן — האָט שוין די צווייטע דראַ־מאַטישע שול געהאַט אַ גאַר אַנדערן צוזאַמענשטעל. די דאָזיקע שול — און דאָס „יונג־טעאַטער", וואָס איז פון איר אַרויסגעוואַקסן — איז געווען כמעט על טהרת אַרבעטער־יוגנט. מעגלעך, אַז דאָס איז געלעגן אין די כוונות פון די פּאַטראָנען, דער „קולטור־ליגע" — אַן אויסגעשפּראָכן בונדישע אינסטיטוציע — און פונעם שול־דירעק־טאָר (און שפּעטערדיקן קינסטלערישן אָנפירער פון „יונג־טעאַטער") ד"ר מיכאל וויכערט; מעגלעך אָבער, אַז דאָ האָבן געווירקט טיפערע השפּעות און דרוקן. איך גלויב, אַז די עיקר־סיבה איז גאָר געווען: די אויפשטייגנדיקע היטלעריסטישע כוואַליע אין שכנות און די אַנטי־סעמיטיש־פאַשיסטישע כוואַליע אין פּוילן גופא. די שטודירנדיקע און זיך לערנענדיקע אין די גימנאַזיעס יידישע יוגנט איז אויף דער כוואַליע אַריינגעשטראָמט אין דעם ברויזנדיקן רעוואָלוציאָנערן שטראָם אין פּוילן פון סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער

יאָרן, זי איז געוואָרן שטאַרקער ראַדיקאַל־פּאָליטיש אַנגאַזשירט. וואָרים אַפילו אין „יונג־טעאַטער" גופא האָט זיך די דאָזיקע טענדענץ געלאָזט שטאַרק פילן צווישן די יונגע קונסט־אַדעפּטן — כאָטש ס'האָבן געוואַכט איבער דער אינסטיטוציע אַנגעזעענע בונדישע טוערס, וועלכע זענען געווען אינערלעך פאַראינטערעסירט אינעם וווקס און אַנטוויקלונג פון דער נייער טעאַטער־פּאָזיציע, אויף וועלכער מ'האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען — קינסטלערישע און געזעלשאַפטלעכע.

נייערט דאָס אַלץ איז בלויז אַ פּאָן צום עצם־ענין, צום צוזאַמענשטעל פון מענטשן־מאַטעריאַל אין דער צווייטער דראַמאַטישער שול און אין „יונג־טעאַטער". דער עיקר איז — אַ פאַקט בלייבט, אַז ציפעריש און גייסטיק האָט דאָרט דאָמינירט דער עלעמענט פון אַרבעטער־יוגנט. און צו דער קאַטעגאָריע האָט געהערט וואָלף הייבלום.

אויסערלעך אַ סלאַווישער טיפּ, נישט געקוקט אויף די געדיכטע קרויזן אויף זיין קאָפּ: העל־בלאָנד, מיט העלע ליכטיקע אויגן, ברייטפּלייציק, פויעריש־קרעמפּ געבויט און מיט אַ פעסטן, ערדישן טראָט. ער האָט אָבער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט אויף זיך נישט מיט דער מאַסיווקייט פונעם גוף, נייערט מיטן לייכטן שמייכל, וואָס האָט געשוועבט אויף זיין פּנים — אַ מין פאַרשעמטער שמייכל פון באַשיידנקייט, ווי ער וואָלט זיך געבעטן ביי אייך: זייט מיר מוחל, אויב איך באַומרואיק אייך מיט מיין פּערזאָן. אַ שמייכל פון אָפנהאַרציקייט, גוטהאַרציקייט און אַ מין סלאַווישער ברייטהאַרציקייט. פון זיין געשטאַלט האָט געאָטעמט מיט רו און מיט דער מאָדנער פאַרלוירנקייט פון אַ מענטשן, וועלכער שטייט אַליין פיזיש און גייסטיק אויף פעסטע פיס, נייערט דער באָדן אונטער זיינע פיס איז אַ וואַקלדיקער, די סביבה אַ צאַפּלדיק־צעפּלויגענע. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק ווי ער וואָלט זיך אינערלעך געחידושט: צי האָב איך צופעליק נישט פאַרבלאָנדזשעט אַהער?

ער האָט אָבער אין דער אמתן נישט פאַרבלאָנדזשעט. ער איז

צילבאָוווסט און מיטן גלויבן אין זיין שליחות געקומען אין דער דראַמאַטישער שול, אין דער סטודיע, אין „יונג־טעאַטער", אין טעאַטער בכלל. איבערצייגונג און ליבשאַפט צו דער קונסט האָבן אים געצויגן און געשטויסן. אַ באַוווסטזיין, אַז ער האָט וואָס צו זאָגן אין דער קונסט; אַז ער קאָן זיך אַרויסזאָגן בלויז אין דער קונסט — אַרויסזאָגן און אַרויסווייזן זיין רייכע אינערלעכע וועלט, אַ וועלט פון האַרציק־מענטשלעכער גוטסקייט, תמימות, זוניקער צעשמייכלט־קייט, פריינדשאַפט צו אַ נאָענטן און ווייטערן.

ביזן טעאַטער איז ער פון פּראָפעסיע געווען אַ אייגבינדער. כ'ווייס נישט, צי דאָס איז געקומען פון זיין ליבשאַפט צום בוך — און דאָס איז געווען די צווייטע ליבשאַפט זיינע נאָכן טעאַטער, דער צווייטער אופן פון אויסלעבן זיך אינטעלעקטועל: ער האָט אָפּטמאָל געשלונגען ביכער. — צי די ליבשאַפט צום בוך איז אים געקומען פון זיין „ציווילער" פּראָפעסיע. אין ביידע ליבשאַפטן האָט אים נישט געשטערט — און ביידע האָט נישט צעשטערט — זיין „מיליטאַריסטישע" פאַרגאַנגענהייט: אויב איך האָב נישט קיין טעות איז ער אין דער דראַמאַטישער שול געקומען גלייך נאָכן פאַרענדיקן זיין דינסט אין פּוילישן מיליטער. אָבער זיין גרעסטער חלום איז געווען — די קונסט, טעאַטער. ער האָט דאָס טעאַטער פעסט איינגע־בונדן אין זיין נשמה, געוואָרן נישט צערייסלעך דערמיט.

2

טעאַטער איז אָפּנים אַ גורל־זאַך און גורל דעצידירט אָפּטמאָל וועגן אַ מענטשנס גאַנג אין טעאַטער. אָבער אַחוץ גורל — מן־הסתם אין פאַרבינדונג מיטן גורל — מוז יעדער טעאַטער־קינסטלער האָבן זיין וויזיט־קאַרטע, אַ מין העכערע קינסטלערישע לעגיטי־מאַציע.

אַלעקסאַנדער גראַנאַך, וועלכער איז געווען אַ טיפער טעאַטער־דענקער (אפשר אַ סך באַדייטנדיקער, ווי אַ פּראַקטישער בינע־

קינסטלער) האָט מיר אַמאָל געזאָגט — ווען ער האָט זיך באַמיט מיך צו איבערצייגן, אַז ער האָט נישט וואָס צו טון אין יידישן טעאַטער אין פוילן און געפּרווּוט מיך אויך צורעדן כ'זאָל פאַרן קיין ראַטנפאַרבאַנד — אַז אין דער טעאַטער־וועלט מוז גילטן דאָס געזעץ פון איינמאַליקייט: אויב אַן אַקטיאָר האָט זיך איינמאָל אַנטפּלעקט אין אַ ראָל, אין וועלכער ער איז געווען אומפאַרגלייכלעך, ווערט די דאָזיקע ראָל זיין וויזיט־קאַרטע אין דער טעאַטער־קונסט, זיין אייבי־קייט־רעכט אין דער קונסט. אַלדאָס איבעריקע, וואָס ער וועט טון אין טעאַטער, קאָן שוין זיין בלויז: פּראָפעסיאָנעלע אַרבעט, טעכניק, רוטין, בעסערע אָדער ערגערע מלאכה — זיין קונסט־דיפּלאָם איז די איינמאַליקייט, וואָס ער האָט זיך דערוואָרבן. „נעם מיך, צום ביישפּיל: איך בין דער ‚מעפיסטאָ' אין געטעס ‚פאַוסט' אויף דער דייטשער בינע. אין דעם קאָן קיינער מיט מיר נישט קאָנקורירן. זענען שוין אַלע מיינע אַנדערע ראָלן נישט וויכטיק" — האָט ער געטענהט. — „און אין יידישן טעאַטער מוזסטו יעדעס מאָל גלאַנצן אויפ־דאָסניי, אַז נישט ביסטו גאָרנישט ווערט".

וואָלף הייבלום האָט זיך גאָר פרי און גאָר יונג איינגעקויפט זיין איינמאַליקייט־רעכט אין טעאַטער. אין שמחה פלאַכטע — אין פּרעגערס קאָמעדיע אונטער דעם זעלבן נאָמען, אין דער אויסגע־דיכטעטער דורך פּרעגערן המוניש־יאָדערדיקער פאָלקשפּיל — איז הייבלום געווען איינמאַליק, ער איז געווען נישט צום פאַרגלייכן. דאָס איז געווען די אויסדריקלעכסטע פאַרקערפּערונג פון ערדיש־קייט, פאָלקסטימלעכער תמימות, גוטסקייט, פּשטות, אויפריכטיקייט, נשמהדיקער אַנטבלויזטקייט. דאָס איז געווען אַ קינסטלערישער מאָנומענט פאַרן פאַרשווינדנדיקן מזרח־אייראָפּעישן יידישן פאָלקס־מענטש — דעם נאַטור־קינד, וואָס איז אויסגעוואָקסן אויפן סלאַווישן באָדן און איינגעזאַפּט אין זיך, דורכגעזאַפּט געוואָרן מיט די השפּעות פונעם אָרטיקן דאָרף־מענטש, דעם איינגעוואָרצלטן זינט דור־דורות אינעם באָדן, אין דער ברויט־געבנדיקער מאַמע־ערד.

ווי ס'געשעט אָפט אין טעאַטער, האָבן אים צו דער געשטאַלט

צוגעשפּילט זיינע נאַטירלעכע אויסערלעכע מיטלען. ער האָט אָבער אין דער געשטאַלט אַריינגעשפּילט זיין אייגענע איינגעבוירענע נשמהדיקע עשירות — גוטסקייט, ליבשאַפט, לייטזעליקייט. אַט די געפילן האָט ער ברייטהאַרציק פאַנאַנדערגעטיילט צווישן זיינע צוויי — אויך אידעאַל־צוגעקליבענע — פּאַרטנערינס: דאָרא פאַקעל און בינה גודעס.

איצט — אַ קליינע פּאָלעמישע דיגרעסיע: אין אַן אַרטיקל צו הייבלומס 60סטן געבוירן־טאָג, האָט מיר אַ נאָענטער חבר פון פאַר־שטאָרבענעם פאַרגעוואָרפן (אַנאָנים, נייערט געגנוג בולט אָדרע־סירט), אַז איך האָב אין מיינס אַ בוך באַצייכנט דאָס „יונג־טעאַטער", ווי אַ טעאַטער אַן באַזונדערע אַקטיאָרישע אַנטפּלעקונגען. איך האָב געשריבן — און איך האַלט זיך ווייטער דערביי — אַז דאָס איז געווען אַ טעאַטער פון קאָלעקטיוון ספּעקטאַקל, פון רעזשיסער, וועלכער שטעלט פאַנאַנדער דעם אַנסאַמבל, שטעלט אים אויס און פאַרשטעלט אים אַזוי ס'זאָלן נישט אַנזעעוודיק זיין די אַקטיאָרישע שוואַכקייטן פון אַנסאַמבל. דער אופן איז, אגב, נישט געווען קיין אַנטדעקונג פון ד"ר ווייכערט — די שיטה האָט קאָנסעקווענט און מיט אַן אייזערנער האַנט אַ סך פריער איינגעפירט אַלעקסאַנדער גראַנאָווסקי אין זיין מאָסקווער יידישן קאַמער־טעאַטער. פאַר אים נאָך, — דער פּאַקטישער רבי פון גראַנאָווסקין, מייערכאָלד, אין רוסישן טעאַטער בכלל. אָבער גראַד ווי ביי מייערכאָלדן האָבן זיך פון דער שיטה (און נישט געקוקט אויף דער שיטה) אַרויסגעריסן אייניקע אינדיווידואַליטעטן ריין אַקטיאָריש, ווי אַ שטייגער איגאָר אילינסקי; גראַד ווי ס'האָבן זיך ביי גראַנאָווסקין — נישט געקוקט אויף זיין אייזערנער האַנט — אַרויסגעהויבן אייניקע בולטע אַקטיאָ־רישע אינדיווידואַליטעטן — און איבער אַלע: מיכאָעלס און זוסקין; גראַד אַזוי איז עס געשען אין אַנדערע טעאַטערס פון דעם מין און בתוכם אין „יונג־טעאַטער". אין מיין אַרבעט וועגן יידיש טעאַטער אין פּוילן אין צווישנמלחמה־פּעריאָד האָב איך טאַקע געשריבן, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס „יונג־טעאַטער" איז נישט געווען

אַ „טעאַטער פון אַקטיאָר״, אַזוי צו זאָגן, האָבן מיר דאָך געהאַט דאָרט אייניקע אַקטיאָרישע אַנטפּלעקונגען און כ׳האָב טאָקע אויסגערעכנט וואָלף הייבלומען, צוזאַמען מיט דאָראַ פּאַקעל און בינה גודעס.

״שמחה פּלאַכטע״ איז געווען בלויז הייבלומס וויזיט־קאַרטע אין דער טעאַטער־קונסט, זיין דיפּלאָם פון גראַנאַכישן אייגנמאַליקייט־רעכט. וואָרים נישט בלויז שמחה פּלאַכטע איז געווען זיין אַרבעט און אויפטו אין טעאַטער — ער האָט געהאַט אַ גאַנץ בכבודיקע צאָל אַנדערע ראָלן, צווישן זיי גאָר געלונגענע, סיי אין „יונג־טעאַטער״, סיי אין אַנדערע יידישע אַנסאַמבלען; אפילו אין ישראל — אין יידישע פאַרשטעלונגען פון ערנסטן מין און אין העברעישן טעאַטער (״אהל״, זוטא״), אין ראַדיאָ, אַרויסגעטראָטן מיט סאָלאָ־רעציטאַציעס. ער האָט אָבער נישט געהאַט אין כלי, וואָס איז זייער בייטיק אין טעאַטער — אין יעדן טעאַטער מן־הסתם, אָבער באַזונדערס אין ישראל — פעסטע עלנבויגנס, די פעיקייט פאַנאַנדערצושטופּן די וואָס שטייען אין וועג, אָדער גייען צוזאַמען; די פעיקייט זיך צו מאַכן דאָס באַקוועמע אָרט, אָדער ערטעלע, אינעם טעאַטראַלן בינשטאָק.

וואָרים די טעאַטער־לאַגע אין ישראל — אַ לאַנד, ווו טעאַטער איז נאָך אַלץ כמעט אויפן ראַנד פון דער געזעלשאַפט, פונעם מלוכהשן קולטור־לעבן; ווער שמועסט נאָך יידיש טעאַטער — דאָס איז דאָך אינגאַנצן אויסער דעם אָפיציעלן קולטור־לעבן — די טעאַטער־לאַגע אין ישראל האָט נישט מעגלעך געמאַכט הייבלומען זיך פולשטענדיק און פולברוסטיק אויסצולעבן אין דער קונסט. האָט ער געמוזט גיין אויף קאָמפּראָמיסן, שווער אַרבעטן פאַר פּרנסה. טעאַטער האָט געמוזט ווערן ביי אים בלויז אַ צושפּרונג; צייטנווייז — אַ גאָר זעלטענער זייטנשפּרונג אויף אויסצולעבן זיך גייסטיק, אַ ביסל זיך אויסצולאָדן עמאָציאָנעל. דאָס איז געווען הייבלומס טראַגעדיע. דאָס איז מן־הסתם די טראַגעדיע פון אַ שפּאָר ביסל יחידים אין אונדזער סביבה. דאָס איז די טראַגעדיע פון יעדן קולטור־שטרעבנדיקן יידישע אַקטיאָר אויף גאָר דער וועלט. ביי דעם צאַרטן, איידעלן, פיינפילנדיקן, שטילן

וואָלף הייבלום — מן־הסתם מער, ווי ביי אַ סך אַנדערע. און ווער ווייסט, צי איז דאָס אין אַ געוויסער מאָס אויך נישט געווען די סיבה פון זיין פריצייטיקן טויט.

3

פערזענלעך איז מיר אויסגעקומען זייער ווייניק זיך צוזאַמענ־צוטרעפן מיט הייבלומען ביי דער אַרבעט. אָבער אויף מיין וועג פון קינסטלערישע, געזעלשאַפטלעכע און מלחמה־וואַנדערונגען, האָב איך זיך נישט איינמאָל מיט אים באַגעגנט. און נישט איין אַזאַ באַגע־געניש האָט זיך פעסט איינגעקאַרבט אין מיין זיכרון, צומאָל — אין דער נשמה.

אין 1932 האָט די רויטע אַקטיאָרן־ און שרייבער־גרופּע אין וואַרשע איינגעאָרדנט ליטעראַרישע פרימאַרגנס, וואָס האָבן צוגע־צויגן אַ גאָר גרויסע מאָסע צוהערערס פון דער יידישער יוגנט. מיר האָבן געפּרוּווט קודם כל אין „קאַמינסקיס" טעאַטער, וווּ אונדזער חבר חיים ניסנצווייג איז דאַן געווען דירעקטאָר און ווו ער האָט זיך באַמיט אונדז אַריינצושמוגלען אויף זיינע טעאַטער־צענזורקעס. די צענזאָרס, די יידישע, זענען געווען נישט ווייניקער כיטרע פאַר אונדז און האָבן עס גלייך פאַרוועררט. אין „יונג־טעאַטער" איז עס אונדז אַנגעקומען לייכטער דורכצופירן:

דאָס איז דאָך געווען אַ סביבה, אויף וועלכער די דעפענסיווע האָט סיי־ווי געהאַט אַן אויג, לייכט צו קאָנטראָלירן — אַ קליינער זאַל, אין דער יידישער געגנט, אויף אַ שטאָק אויף דלוגע גאַס... אין וואַרשע פלעגט מען זיך דאַן וויצלען: „וועלכער נומער מיעשקאַניע (וווינונג) געפינט זיך ס'טעאַטער?" דאָס גאַנצע טעאַטער איז געווען איבער־געבויט פון אייניקע פּריוואַטע וווינונגען אויפן ערשטן שטאָק. האָט מען אונדז דאָרט אַ געוויסע צייט צורו געלאָזט. און דאָרט איז מיר טאַקע צום ערשטן מאָל אויסגעקומען צו טרעפן הייבלומען פּריוואַט, צו שמועסן מיט אים פּריוואַט, איינצוזאַפּן אין זיך זייןברייטן און דאָך אַזוי ווי פאַרשעמטן שמייכל. נאָך שטאַרקער האָט געווירקט

אויף מיר זיין שמייכל, ווען כ׳האָב אים גראַטולירט נאָך „שמחה פּלאַכטע״. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער האָט רעאַגירט גאָר נישט אַקטיאָריש: ער איז רויט געוואָרן הינטער דער שמינקע. פון די איינציקע צוזאַמענטרעפן דאַן איז ער מיר געוואָרן פּערזענלעך זייער ליב, גראָד אַזוי ווי ער איז מיר אין יענע יאָרן געווען אידעיש נאָענט.

זינט דאַן זענען געווען אַ סך צוזאַמענטרעפן, וואָס זענען פאַרביי אָן אַ שפור. איין צוזאַמענטרעף האָט זיך אָבער איינגעקריצט פעסט אין זיכרון: זומער 1940, אויפן וואָקזאַל אין פינסק. דאָס ביאַליסטאָקער יידישע מלוכה־טעאַטער איז געקומען אויף גאַסטשפּילן קיין פינסק. אין דער זעלבער צייט האָט מען פון פינסק אַרויסגעפירט צו די ווייסע בערן אַ גרופּע פון „יונג־טעאַטער״ צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע פּליטים. מ׳האָט זיי אַריינגעשטופּט אין וואַגאָנען פאַר בהמות — אויף אַזאַ אופן געפירט אויף „איבערדערציונג״ אין די טייגעס און טונדרעס פון רוסישן צפון. דאָרט האָט מען זיי געוואָלט פאַרוואַנדלען אין „לייטישע״, בלינד־פאָלגנדיקע סאָוויעטישע בירגער־חיות, אָדער טאַקע בהמות.

צווישן די איינגעשפּאַרטע, צונויפגעשטופּטע אין די וואַגאָנען האָב איך פון דער ווייטנס דערזען הייבלומען. און אפשר האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז ער? וואָרים אין דער אמתן האָבן דאָך אַלע דאַן געהאַט איין פּנים — אַ מאַסקע פון נישט זיכערקייט און שרעק, אַן אויסדרוק פון פאַרצווייפלטן גרויסן פרעגצייכן: פאַרוואָס? אַ פאַקט איז, אַז אויך אים — דעם ערלעכן קינסטלער, מיט דער כשרער סאָציאַלער מעטריקע און אידעישער נאָענטקייט — האָט מען געפירט פון פינסק צום „איבערדערציען״ צו די ווייסע בערן. איבער־דערצויגן האָט מען אים אָבער נישט. און אפשר — אין אַ געוויסער מאָס יאָ: מ׳האָט אים אויסגעהיילט פון איינציקע אילוזיעס, פון פאַלשע גלויבענישן. וועגן דעם האָב איך זיך איבערצייגט אַ פיר יאָר שפּעטער, ווען כ׳האָב אים באַגעגנט אין טאַשקענט ביי די גליקסאָנס.

די גליקסאָנס — סיי ער, סיי פּויטשע פיינזילבער — זענען נישט געווען קיין פאַרשיקטע. זיי האָבן געשפּילט אין ביאַליסטאָקער

יידישן מלוכה־טעאַטער, פון דאָרט אַוועק אין ווילנער מלוכה־טעאַטער און ווען זיי זענען געקומען עוואַקואירטע קיין טאַשקענט, האָט זיי גאָר אָפּגעגליקט: זיי האָבן באַקומען פּאָסטנס אין אַן אַנשטאַלט פאַר דעפעקטיווע, אָדער פאַרברעכערישע קינדער. געהייסן האָט עס דוכט זיך „פּעזעו" — פאַבריק־שול, פּראָפעסיאָנעלע שול — אָבער געווען איז עס אַן אינטערנאַט פאַר מינדעריאָריקע פאַרברעכערס. אַז איינער, אַ „פּאַצאַן" פון אַ יאָר צען, האָט געקאָנט אויסשרייען צו פויטשען: „אַוועק פון מיר, דו זאָלסט מיר נישט זאָגן קיין דעות, איך בין אַ ירושהדיקער סיפיליטיקער" („פּאָטאָמסטווענני סיפּיליטיק" — אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט). פאַר דעם אויסגעדאָרטן — ער האָט דאָן אויסגעזען, ווי ער וואָלט געווען דורכזיכטיק — גליקסאַן; פאַר דער צאַרטער פויטשען און פאַר גליקסאָנס ברודערנזון — דאָס קינד, וואָס זיי האָבן דאָן געבראַכט פון סלאָנים, ווו ס'איז אומגעקומען גליקסאָנס ברודער ביי די פּאַרטיזאַנער־קאַמפן — איז עס נישט געווען אַזאַ פּאַסיק אָרט. נייערט — אַ דאַך איבערן קאָפּ, וואָרעם עסן און האַלבוועגס צו דער זעט: דאָס האָט דעצידירט.

דאָרט האָב איך טאַקע אַמאָל באַגעגנט הייבלומען מיט זיין קליין טעכטערל. גערעדט האָט ער כמעט נישט — בלויז געשמייכלט. ס'איז שוין נישט געווען דאָס פאַרשעמטע תמימותדיקע שמייכעלע פון אַמאָל. אַ ווייטיק, אַ זאָרג איז געווען איינגעוועבט אינעם שמייכל: וואָס וועט זיין מיטן קינד, מיטן טעכטערל? וואָס וועט זיין אונדזער אַלעמענס סוף? ווי לאַנג קאָנען מיר אַזוי אויסהאַלטן און צי וועלן מיר איבערהאַלטן, דערלעבן אַנדערע צייטן, אַ מעגלעכקייט צו דער־ציען דאָס טעכטערל?

ס'איז געלונגען צו ראַטעווען זיך, דאָס טעכטערל. נאָך וואַנדע־רונגען איבער דער אויסגעבלוטיקטער אייראָפּע, אין די לאַגערן און קעמפּס, געקומען קיין ישראל, אל המנוחה ואל הנחלה...

אל הנחלה? אפשר. דאָך, נישט די נחלה, וואָס ער האָט געזוכט, נישט קיין טעאַטער. און מנוחה? — ניין, ער האָט נישט געקאָנט האָבן קיין מנוחה אָן טעאַטער. ס'האָט אים גענאַיעט, געפרעסן

אינעווייניק דאָס פעלן אַ שטענדיקע, נאָרמאַלע, שאַפערישע טעאַטער־אַרבעט, ס׳האָט אויפגעפרעסן שטיקער פון זיין האַרץ.

ס׳איז מיר אייניקע מאָל אויסגעקומען צו מאַכן מיט הייבלומען הערשפּילן פאַרן יידישן ראַדיאָ. איך האָב באַוווּנדערט, מיט וואָס פאַר אַן ערנסט ער האָט זיך באַצויגן צו די פּראָבן, צום טעקסט! ער האָט אין דעם אַריינגעלייגט זיין האַרץ, ס׳גאַנצע פייער פון זיין נשמה. דאָס פייער, וואָס ער האָט אַזוי זעלטן געקאָנט אויסלאָדן אויף דער בינע אין די לעצטע יאָרן.

ס׳לעצטע מאָל האָבן מיר זיך באַגעגנט אין דער וואָך פון זיין טויט. באַגעגנט זיך צופעליק ביי מיין ברודער זיגמונט. כ׳האָב אים געזאָגט, אַז כ׳האָב נאָרוואָס פאַרענדיקט אַ הערשפּיל פאַרן יידישן ראַדיאָ, ווו איך האָב פאַר אים אַן אויסגעצייכנטע צענטראַלע ראָל. ער האָט געשמייכלט פאַרשעמט־צופרידן. ער האָט געחלשט צו שפּילן.

די הערשפּיל איז שוין נישט אויפגעפירט געוואָרן. וואָלף הייבלום שפּילט נישט מער. ס׳האָט זיך איבערגעריסן זיין צאַרט טעאַטער־ליד. ס׳האָט זיך פאַרענדיקט זיין לעבן.

דאָס ווילנער פאָלקס־קינד יוסף ווידעצקי

1

„יוסף ווידעצקי...״ דאָס איז געווען אַלץ, וואָס איך האָב גע־קאָנט זאָגן ביי זיין אָפענעם קבר אויפן חולונער בית־עלמין דעם 22סטן יולי 1969. געוואָלט האָב איך אים מספּיד זיין בלויז אין געציילטע זאַצן. פאַר מיר איז תמיד אַ פּיין, ווען איך דאַרף רעדן אויף אַ בית־הקברות, ביי אַן אָפענעם קבר — און מיר דוכט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ פּיין פאַר דער נאָענטסטער משפּחה, פאַר אַלע אַרומיקע, דאָס צופּיל רעדן — אין אַזאַ פינאַל־מאָמענט פון מענטשלעכע וואַנדלונגען אויף אונדזער פּלאַנעטע. כ׳האָב בלויז געוואָלט זאָגן, אַז צוזאַמען מיטן באַגלייטן צו זיין אייביקער רו איינעם פון די באַדייטנדיקע יידישע בינע־טאַלאַנטן, יוסף ווידעצקי, לאָזן מיר אַראָפּ אַ פורהאַנג איבער אַ בילד פון דער גרויסער טראַגע־דיע, וואָס הייסט יידיש טעאַטער. כ׳האָב אָבער די געציילטע זאַצן אויך נישט געקאָנט זאָגן. אַ קראַמף האָט מיר פאַרשטיקט מיין האַלדז. כ׳האָב זיך צוזאַמענגעבראָכן. צוליבן קלאַפּ פון זיין פּלוצלינגדיקן, פריצייטיקן טויט.

פאַר מיר פּערזענלעך איז זיין טויט געווען נישט בלויז דער פאַרלוסט פון אַ קערנדיקן יידישן, פאָלקסטימלעכן סצעניש טאַלאַנט; נישט בלויז דער פאַרלוסט פון אַ מענטשן, מיט וועלכן ס׳איז מיר אויסגעקומען זיך כסדר צוזאַמענצוטרעפן און אָפט צוזאַמענצואַרבעטן אין משך פון די לעצטע דרייסיק יאָר. פאַר מיר איז עס געווען אַ פאַרלוסט פון לעבעדיקע זכרונות וועגן מענטשלעכע רעגונגען אין די צייטן פון גרעסטער פאַרחיהשונג.

צוויי אַזעלכע טיף־פערזענלעכע עפּיזאָדן האָבן מיך געבונדן מיט ווידעצקין: 1939 און 1943, ביאַליסטאָק און פּרונזע.

ביז מיין קומען קיין ביאַליסטאָק פון די נאָך ברענענדיקע חורבות אין וואַרשע, אָקטאָבער 1939, האָב איך ווידעצקין כמעט נישט געקענט. כ'האָב געוווּסט, אַז דאָס איז אַ בחור פון אַ ווילנער דראַמאַטישן קרייז, וואָס איז אַנהייב דרייסיקער יאָרן אַריין מיט נאָך אייניקע יונגע אַספּיראַנטן אין דער „ווילנער טרופּע״; כ'האָב געהערט, אַז ער איז נאָכן צעפאַלן פון די „ווילנער״ אַריבער אין אַפּערעטן־אַנסאַמבלען ווי אַ בוף־קאָמיקער און כ'האָב געהערט וועגן אים, אַז ער איז אַ „פּעיקער בחור״. אויף דער בינע האָב איך אים נישט געהאַט קיינמאָל געזען, זעלטן געטראָפן אין מיינע וואַנדערונגען און אַז כ'האָב אים יאָ געטראָפן, איז — זאָל עס מיר נישט זיין צו גנאַי — ווער האָט דען געלייגט אַכט אויף עפּעס אַ יונגן בחור פון דער אָפּע־רעטע?

דעם 18טן אָקטאָבער זענען מיר — נאָך אונדזערע טראַגישע איבערלעבונגען ביי דער גרענעץ אין מאַלקין — אָנגעקומען פון זאַרעמבי קיין ביאַליסטאָק. איך בין אַרויס אין שטאָט זוכן איינעם פון מיינע צאַלרייכע ביאַליסטאָקער באַקאַנטע, געגאַנגען אין דער ריכטונג פון „פּאַלאַס״־טעאַטער. ס'זאָגט זיך אַזוי: געגאַנגען. אייגנט־לעך בין איך אונטערגעשפּרונגען, מיין פאַרווונדיקטער פוס האָט מיר גאַנץ לייטיש געשטערט. אָבער גיין האָט מען געמוזט — זוכן באַ־קאַנטע, אַ נאַכטלעגער, עפּעס אָפּצועסן. נישט ווייט פון „פּאַלאַס״ קומט צו מיר צו ווידעצקי — ער איז געווען אַ ביאַליסטאָקער אײדעם, איז ער הייסט עס געווען אין דער היים, נישט קיין „ביעזשעניעץ״: „חבר גרודבערג, ווען זענט איר אָנגעקומען? ווו געפינט איר זיך?״ כ'האָב זיך לכתחילה נישט געקאָנט דערמאָנען ווער דאָס איז. כדי צו געווינען צייט, צו דערמאָנען זיך, האָב איך פאַררייכערט אַ פּאַ־פּיראָס — פון די בילִיקסטע מאַכאָרקע־פּאַפּיראָסן, וועלכע מ'האָט דאַן נאָך פאַרקויפט אין די גאַסן. ער האָט אַ קוק געטאָן און גע־פרעגט: „וואָס רייכערט איר אַזאַ שווינערײ, איר האָט נישט קיין

אַנדערע?" און ווען איך האָב אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, איז ער ערגעץ פאַרשווּונדן און בליץ־שנעל צוריקגעקומען מיט אַ פּאָר פּעקלעך גוטע פּאַפּיראָסן, אַריינגעשטופּט מיר אין קעשענע: „אַז איר וועט האָבן, וועט איר מיר אָפּגעבן" — און איז פאַרשווּונדן. דאַן האָב איך זיך אַ נדר געטון: ביז מ'וועט מיר לייגן שערבעלעך אויף די אויגן, וועל איך עס אים נישט פאַרגעסן.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן יאָרן פון אונדזער צוזאַמענאַרבעט. געווען בעסערע צייטן, ערגערע; מיר פלעגן זיין אַמאָל אַ ביסל נענטער, מערסטנס — ווייטער. צופיל געמיינזאַמע שפּראַך האָבן מיר נישט געהאַט, גוט־מאָרגן, אַ גוטן טאָג. אַמאָל זיך צוזאַמענגעטראָפן אויף אַ שמחה, אַ פאַרזאַמלונג — מחוץ דער בינע, פאַרשטייט זיך, הינטער די קוליסן — און דאָס אַלץ. ביז: די שווערסטע חדשים אין מיין לעבן, דאָס יאָר 1943, אָנהייב 1944. כ'בין קיין פרונזע צוריקגעקומען נאָכן „טרודפראָנט". צוריקגעקומען — אַ חורבה פון אַ מענטשן, אַ מענטש פון דנאָ. אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, מיט אַ שטאַרקער „ציַנגאַ" (שקאָרבוט). ווידעצקי איז דאַן געווען גוט איינגעאָרדנט אין פרונזע. ער האָט — אַחוץ אַקטיאָרעריי ביי אידאַ קאַמינסקאַ — געאַרבעט ווי דער שניידער פון מיניסטאַרישע ווייבער, פאַר ווייבער פון גרויסע נאַטשאַלניקעס און אין זיין שטוב איז געווען פון אַלדאָס גוטס. נישט איינמאָל האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיך און לייטיש אָנגעקאָרמעט מיט מאכלים, וועגן וועלכע איך האָב אַפילו נישט געחלומט: וווּרשט, אמת פלייש — אייער־פּראָשעק, צוקער וכדומה אַזעלכע ראַריטעטן. דאָס איז געווען אַ זעלטנקייט אין יענע יאָרן, אָבער ס'האָט געטראָפן אַזעלכעס אויך ביי אַנדערע. נייערט מיט איין זאַך האָט ער מיך ווידער איבעראַשט — אַ זאַך, וואָס האָט זעלטן, גאָר זעלטן, געטראָפן ביי אַנדערע:

איינמאָל — דאָס איז געווען אַרום סוף 1943 — האָט ווידעצקי פאַרשפּעטיקט אויף פּראָבע, שטאַרק פאַרשפּעטיקט. דאָס האָט ביי אים קיינמאָל נישט געטראָפן, ער איז געווען אַ פּינקטלעכער, געוויסנהאַפטער האַרעפּאַשניק אין אַלץ, וואָס ער האָט געטון. און געקומען

איז ער יענעם טאָג אַ צעטראָגענער, מיט רויטע אויגן, אַ פאַרשלאָ־פּענער און אויפגערעגטער. אויף אַלע פראַגן: „וואָס איז געשען" — האָט ער גאָרנישט געוואָלט ענטפערן. בלויז: „כ'האָב געמוזט", „נישט געקאָנט". מ'האָט געזען, אַז עפּעס אַ שווערער סוד דריקט אים. און קיין סודות האָט ער נישט געקאָנט טראָגן אין זיך. איז עס אים געווען נאָך שווערער.

אַרויס פון פּראָבע — רופט ער מיך כ'זאָל גיין מיט אים. געוויינט האָט ער נישט ווייט פון דער קאַמינסקאַ, אָבער געפירט האָט ער מיך דורך הינטערגאַסן, כסדר זיך אַרומגעקוקט, לסוף אַרויסגעשאָסן: „גרודבערג, היט זיך! איך האָב אונטערגעשריבן, אַז כ'וועל גאָרניט דערציילן, אָבער איך קאָן ניט שווייגן. מ'האָט מיך אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין ענקאַוועדע; געמאַטערט, איך זאָל אונטערשרייבן, אַז איר אָרגאַניזירט אַן אונטערערדישן חלוץ... ס'איז דאָ אויף אייך אַ מסירה... איך האָב נישט אונטערגעשריבן... אַנדערע וועלן אפשר יאָ אונטערשרייבן. זיי דראָען מיט רעוואָלווערן. מ'וועט זיך דערשרעקן. היט זיך".

ווידעצקי איז נישט געווען קיין העלד, צומאָל אַפילו אַ ביסל אַ פּחדן... דאָס איז אָבער געווען אַ העלדישקייט, צו וועלכער ס'האָבן זיך אין יענע באַדינגונגען און צייטן נישט דערהויבן אַ סך א.ג. העלדן. אָט די העלדישקייט, האָב איך זיך ווידער אַ נדר געטון, נישט צו פאַרגעסן ביז מ'וועט מיר לייגן שערבעלעך אויף די אויגן.

בקרוב איז ווידעצקי אַוועקגעפאָרן פון פּרונזע — עדי ראָזנער האָט אים מיטגענומען צו אַרבעטן אין זיין דזשאַז, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אויף די הויכן פון דערפאָלג; איך בין געוואָרן דער פאַרזי־צער פונעם פאַרבאַנד פון פּוילישע פּאַטריאָטן, באַשטימט דורך די העכסטע אינסטאַנצן פון מאָסקווע — האָב איך בכלל אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר דער אָרטיקער ענקאַוועדע.

און דאַן — ווען ס'איז אָנגעגאַנגען אַ וויכוח צווישן מאָסקווע און פּרונזע וועגן מיין פּערזאָן — האָב איך זיך ערשט איבערצייגט, אַז ווידעצקי האָט דעם אמת געזאָגט וועגן דער מסירה. פּרונזע האָט

מיך נישט געוואָלט באַשטעטיקן אויפן אָמט פון פּאַרזיצער מיטן מאָטיוו פון אונטערערדישער ציוניסטישער טעטיקייט; אין מאָסקווע האָבן מיינע חברים — פּריוואַטע און פּאַרטייאישע — געדריקט דורך וואַנדאַ וואַשילעווסקאַ, אויף די דעצידירנדיקע אינסטאַנצן מ׳זאָל מיך יאָ באַשטעטיקן, אַז דאָס האָט מען מיר געוואָלט צוטשעפּען מיינע „חטאים״ פון די יוגנט־יאָרן, דערפאַר האָט מען געזוכט אַ באַשטע־טיקונג פון די מסירות.

אין דער צווייטער העלפט 1945 בין איך דינסטלעך אין מאָס־קווע, געטראָפן ווידעצקין מיטן ראָזנער־דזשאַז. ער האָט מיך אויפ־גענומען כיד המלך.

אַמאָל האָב איך געהאַט געזאָגט ווידעצקין, אַז וואָס פאַר אַ טענות כ׳זאָל נישט האָבן, וועלן די צוויי עפּיזאָדן אָלץ באַווירקן מיין באַציונג צו אים. די באַדייטונג און וואָג פון אַזעלכע האַנדלונגען קאָנען, דוכט זיך, זיין פאַרשטענדלעך בלויז פאַר מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעלעבט די פּלאָגענישן פון פּליטים־לעבן אין די מלחמה־יאָרן אין ר.פ. און דעם שווידער פון געפאַלנקייט, נידערטרעכטי־קייטן, מסירות און פאַרשידענע פאַרברעכנס, וואָס האָבן אָנגעפילט דאָס לעבן פון מענטשן פון דעם דאָזיקן ריזיקן לאַנד — מענטשן ווייטע און נאָענטע צווישן זיך, צומאָל: קינדער לגבי עלטערן — וואָס האָט געזאָלט ווערן די גייסטיקע און עטישע דערהייבונג פון מענטשלעכן מין און געוואָרן איין ריזיקער בורדעל פון גייסטיקער זנות און האַנדל מיט געוויסנס. אַ וועלט פון פאַרדאַרבנקייט, וואָס האָט איינגעבראָכן און פאַרקריפּלט אַפילו די שענסטע מענטשלעכע עקזעמפּליאַרן, אידעאַליסטישע געשטאַלטן און אינטעלעקטועלע ריזן. האָב איך טאַקע באַוווּנדערט, ווי אַזוי ס׳איז געלונגען דעם פּרימיטיוון אין גייסטיקן זין יוסף ווידעצקי נישט איינצוזינקען איבערן האַלדז אין דער מאָראַלישער בלאָטע פון אַרום. פאַרקערט — האָבן דעם כוח און דעם מוט פון אויפבליצן צייטנווייז מיט אויסשטרעקן אַ האַנט פון הילף באַקאַנטע, וועלכע זענען שיעור נישט דערטרונקען געוואָרן אין דער דאָזיקער בלאָטע.

וואָרים ווידעצקי איז באמת געווען אַ פּרימיטיוועו מענטש, דאָס קינד פֿון אַ פּראָלעטאַרישער היים אויף אַ ווילנער פּעריפֿעריע. פֿון דאָרט, פֿון זיין טאַטנס שניידערישער שטוב, האָט ער מן־הסתם אַרויסגעטראָגן די נגינה — און געווען איז ער אַ גרויסער מנגן — די ליבשאַפֿט צו טעאַטער און אַ ביסל קענטעניש פֿון דאַמען־שניי־דעריי, וואָס איז אים אַזוי שטאַרק צונוץ געקומען אין די מלחמה־יאָרן אין ראַטנפֿאַרבאַנד.

אַנגעהויבן האָט ער מיט קוים עלעמענטאַרער בילדונג אין אַ דראַמקרייז, דוכט זיך — אויף נאַוואַראַד (אַ טייל פֿון ווילנער דראַמ־קרייז איז שוין געווען אין דער „ווילנער טרופּע"). די הויפּט־מעלה זיינע איז דאָן געווען די נגינה, וואָרים זיין דיקציע, מיט די פֿאַר־צויגענע סססמכן, איז ווייט נישט געווען קיין געהויבענע. אָבער ווען מ. מאַזאָ האָט געוואָלט — אַנהייב דרייסיקער יאָרן — ליקווידירן איינעם פֿון די ספּאָראַדישע אַנסאַמבל־קריזיסן אין דער „ווילנער טרופּע", האָט ער אַרויסגעשלעפּט פֿון יענעם פּעריפֿערישן ווילנער דראַמקרייז אייניקע בחורים, וועגן וועלכע מ'האָט געשמועסט, אַז זיי זענען גאָר פֿעיִק און צווישן זיי איז געווען יוסף ווידעצקי. לאַנג האָט ער זיך אָבער נישט געמאַטערט און נישט געהונגערט ביי די „ווילנער". ס'האָט זיך ווידער אַנגערוקט אַ קריזיס, ס'האָט זיך דערנענטערט דאָס צעפֿאַלן פֿון מאַזאָס טרופּע, וועלכע ער האָט — מיט אַזויפֿיל טאַלאַנט און מסירת־נפש, אומגעהויערער איינפֿאַלעריש־קייט און געניאַלע ממש אָרגאַניזאַציאָנעלע פּאָטענצן זיינע, מיט אַזויפֿיל ליבשאַפֿט און בלאָפֿעריי — איינגעהאַלטן קנאַפּע 20 יאָר און ווידעצקי איז ווידער געבליבן אין דרויסן. ער האָט שוין אָבער געהייסן אַ פּראָפֿעסיאָנעלער אַקטיאָר, האָט געזונגען, געווען לייכט, באַוועג־לעך, פֿעיִק צום טאַנץ און דאָס האָט אים געמאַכט אַ וועג צו דער אָפּערעטע, אין וועלכער ער האָט זיך אַנגעהויבן צו דערוואָרבן אַן אָרט — און דערפֿאַלג — קורץ פֿאַרן אויסברוך פֿון דער היטלער־נאַכט.

די היטלער־פֿאַרפֿלייצונג האָט אים פֿאַרכאַפּט, ווי שוין דערמאָנט,

אין ביאַליסטאָק. דאָרט האָט ער לעצטנס געאַרבעט, איינגעבירגערט זיך, און ווען יהודה גרינהויז האָט נאָכן פאַרנעמען ביאַליסטאָק דורך דער רויטער אַרמיי, אָרגאַניזירט אַ בריגאַדע מיט שלום־עליכמס „צווייהונדערט טויזנט" און אַ קאָנצערט, איז ווידעצקי געוואָרן קאַפּעלע ביי שימעלע סאַראַקער אין וואַרשטאַט און — ער האָט מיך שוין דאַן איבעראַשט מיט דער פיינקייט פון זיין קאָמיזם, דעם לירישן אונטערטאָן אין זיין שפּילן און דאָס נישט זיין אָנגעשטעקט פון אָפּערעטישער צעלאָזנקייט. אָבער דאָס רעכטע גערעכטע איז געקומען בעת אונדזער ערשטער צוזאַמענאַרבעט אין ביאַליסטאָקער יידישן מלוכה־טעאַטער.

גלייך נאָכן גרינדן דאָס טעאַטער — אונטער מאַרעוווסקיס קינסטלערישער לייטונג — האָט מען פּאַראַלעל מיט אַנדערע ווייניקער וויכטיקע פאַרשטעלונגען, אָנגעהויבן צו אַרבעטן איבער שעקספּירס „שטורעם". דאָס איז געווען מאַרעוווסקיס אַמביציע צו באַווייזן זיך ווידער — און אפשר אַפילו פאַר סאָוויעטישע קונסט־מבינים, אין זיין באַליבטן „פּראָספּעראָ". אין טעאַטער איז אויך געווען משה ליפּמאַן, דער אויסגעצייכנטער „קאַליבאַן" פון דער שילער־אויפפירונג; נאָך אייניקע באַטייליקטע אין יענער אויפפירונג און דער עיקר: לעאָן שילערס אַסיסטענט פון דער אויפפירונג אין „טעאַטער פאַר יוגנט", דער יונגער רעזשיסער מיטיאַ וויסקינד. זיין אַמביציע איז געווען אויפצופירן די פאַרשטעלונג אין שילערס גייסט, אָבער אַנדערש, ווי שילער, אַריינצוטראָגן אייגענע איגוועניץ אין דער פאַר־שטעלונג. האָט ער געגעבן צו דובלירן „פּראָספּעראָ" שמואל לאַנדאַ, כדי אונטערצושטרייכן די אַנדערשקייט (אגב: מאַרעוווסקי האָט דערצו בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן און לאַנדאַן איז איצט אויסגעקו־מען צו שפּילן די ראָל אַ סך חדשים נאָך דער אייגנטלעכער פּרע־מיערע און דאָס איז געווען זיין לעצטע ראָל און זיין לעצטער אָטעם. אין מיטן דער פּרעמיערע איז ער — בעתן שפּילן — געשטאָרבן). כאָטש ער האָט אַראָפּגעבראַכט פון לעמבערג דעם זעלבן סצענאָ־גראַף, וואָס האָט געמאַכט פּראָיעקטן פאַר שילערן — דעם באַרימטן

דאַשעווסקי — האָט ער אויך ביי אים פאַרלאַנגט אַנדערשקייט. דער עיקר אָבער, וואָס אינטערעסירט מיך אין דעם פאַל: וויסקינד האָט אַריינגעפירט אין איינער פון די פאַראַנטוואָרטלעכסטע ראָלן דעם יונגן ווידעצקי. צוזאַמען מיט הערשל האַרטן איז ער געווען דער לצים־דועט, וואָס שפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין „שטורעם", ווי די הויפּט־קאָמישע אַנטשפּאַנונג אין דער דאַזיקער שווערלעכער, פילאָ־זאָפיש־דיכטערישער קאָמעדיע פון שעקספּירן.

מ'האָט געשטוינט און זיך געחידושט: ווידעצקי איז ביי אונדז נאָך דאַן געווען אַן אַקטיאָר פון דריטער קאַטעגאָריע, אָדער — אין בעסטן פאַל — פון לעצטן שטאָפּל צווייטע קאַטעגאָריע. און דאָ באַקומט ער פלוצלינג אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכע ראָל צו שפּילן שעקס־פּירס טעקסט, אין דער אויסגעמייסטרעוועטער איבערדיכטונג פון אהרן צייטלין. ווי וועט ער זיך אַן עצה געבן. זיך נישט געקאָנט אָפּ־וווּנדערן אויף וויסקינדן. מ'האָט געשמועסט, אַז דאָס וויל ער אים באַווייזן, אַז ער געדענקט אים חסד נעורים. וויסקינד זאָל אין זיינע גימנאַזיסטישע יאָרן האָבן צוזאַמענגעאַרבעט מיטן נאָוואָראַדער דראַ־מאַטישן קרייז, צו וועלכן ווידעצקי האָט געהערט. פאַר אַ סך איז עס געווען אומגלויבלעך: אַ חברשאַפט צווישן דעם אינטעליגענטן, ראַ־פינירטן און צאַרטן מיטיאַ וויסקינד מיט דעם פּרימיטיוון ווידעצקי. און צוליב דער חברשאַפט זאָל ער האָבן ריזיקירט מיט אַזאַ מאָנומענטאַ־לער אויפפירונג, ווי „דער שטורעם"; — די אַלע ספּיקותן זענען אָבער צערונען שוין אין גאַנג פון די לאַנג־דויערנדיקע רעפּעטי־ציעס. און בעתן „דורכקוק" („פּראָסמאָטר" — דאָס אָפיציעלע אָפּנעמען פון יעדער פאַרשטעלונג דורך די איטאָריטאַטיווע סאָוויע־טישע קונסט־אָרגאַנען), דערנאָך בעת די פאָרשטעלונגען, האָבן אַלע נישט געהאַט גענוג ווערטער פון לויב פאַר דעם יונגן ווידעצקי, וועלכער האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ הויב אַרויס אויפן אויבן־אָן פון דער טאַלענטירטער יוגנט אין טעאַטער.

און ס'זענען אַוועק אַנדערהאַלבן שיינע יאָר פון אַנגעזעטיקטער, קינסטלערישער טעאַטער־אַרבעט אינעם מלוכה־טעאַטער; אַרבעט

אויף דער באַזע און אין טורנעען. ביז ס׳האָט אונדז פאַרכאַפּט די מלחמה אין מאָגילעוו אויפן דניעפּר (מזרח־ווייסרוסלאַנד). מיר עוואַקואירן זיך צוזאַמען, זענען אַ געוויסע צייט צוזאַמען אין קאַלכאָז, אין סאַראַטאָווער ראַיאָן; ער באַקומט זיך אַרויס פון דאָרטן (מיט אייניקע ספּעציאַליסטן פון פאַרשידענע פאַכן) קיין פרונזע, דער הויפּט־שטאָט פון קירגיזיע, דאָרט קומט פאָר אין אַ צייט אַרום אונדזער ווידערצוזאַמענטרעף, ביז ער פאָרט אַוועק צו ראַזנערס דזשאַז. פון ראַזנערן קומט ער צוריק קיין פּוילן אין 1946 און מיר טרעפן זיך ווידער צונויף ביי אַרבעט אין וראָצלאַוו, אין נידערשלעזישן יידישן טעאַטער.

3

אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון יידישער טעאַטער־שאַפעריש־קייט אין פּוילן. כ׳בין זיך מודה און מתוודה, אַז איך בין ביג־וואַלד געוואָרן אַ באַטייליקטער — און אפשר אַ דעצידירנדיק־באַטייליקטער — אין דעם דאָזיקן קאַפּיטל. כ׳האָב רעדאַגירט דאָן צוויי צייטשריפטן — די פּוילישע „נאָווע זשיטשע" און דאָס יידישע „ני־דערשלעזיע" — געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון יידישן וואָיעוואָ־דישן קאָמיטעט, וואָס האָט געהאַט אונטער זיין שוץ אַ געוויסע צייט אַן ערך הונדערט טויזנט יידן אין נידערשלעזיע; שפּעטער בין איך געוואָרן דער פאָרזיצער פון דער ערשטער יידישער קולטור־געזעל־שאַפט, וואָס איז דאָן געשאַפן געוואָרן אין פּוילן. מיין אַרבעטס־טאָג האָט זיך קוים געלאָזט אַריינפּרעסן אין די ראַמען פון 14—15 שעה און דאָ צווינגט מען מיך נאָך צו ווערן אַן אָנפירער פון טעאַ־טער — צוזאַמען מיט שעפטל זאַק און יעקב קורלענדער. פון צייט צו צייט שפּילן, רעזשיסירן, קורץ: צעריסן ווערן אויף שטיקער, צע־שטויבן און צעדרויבלען זיך.

דער אמת איז, אַז פון דער דאָזיקער טייל־ווייזער טעאַטער־אַרבעט האָב איך פאַרדינט מער, ווי פון אַלע מיינע הויכע פּאָסטנס צוזאַמענ־גענומען. דאָס איז אַ באַזונדערער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די

דעמאָלטיקע באַדינגונגען און אָרדנונגען אין פּוילן: מ׳האָט אין קינסטלערס, אין שרייבערס, געשטאָפּט, וויפל ס׳איז נאָר אַריין און אויף הויכע פּאָסטנס זענען געווען לעכערלעך־קליינע געהאַלטן, כדי צו באַווייזן די מאַסן, אַז די „שפּיצן״ יאָגן זיך נישט נאָך קיין געלט, לעבן באַשיידן. און דאָס איז געווען אַ גרויסער ליגן — ס׳רוב האָט געלעבט זייער ברייט, לוקסוסדיק. פון וואַנען? די שאלה האָב איך טאַקע אַמאָל געשטעלט אין די הויכע פענצטערס און איך האָב זיי געזאָגט: אָדער איר נעמט אָן אַ פּריאָרי, אַז מיר אַלע זענען גנבים און „גיבן זיך אַן עצה״, „אַראַנזשירן״ זיך דאָס לעבן; אָדער איר ווילט אונדז מאַכן פאַר אַזעלכע. האָט מען מיר געענטפערט, אַז איך טראַכט מיט קאַטעגאָריעס פון אַ קינסטלער, נישט פון אַ פּאָליטי־קער: ד. ה. — נאַיוו און אָפּגעריסן פון דערווירקלעכקייט... האָב איך זיך דעריבער באַמיט וואָס מער צו דערווייטערן פון פּאָליטיק און פאַרנעמען זיך מיט דער צייטונג (ס׳איז פאַרבליבן בלויז „נידער־שלעזיע״, וועלכע כ׳האָב געמאַכט צוזאַמען מיט ש. קאַנצן) און מיט טעאַטער. ווען ש. זאַק און קורלענדער זענען אַוועק קיין אויסלאַנד (אין 1948), בין איך געוואָרן דער איינציקער קינסטלערישער אָנפֿי־רער פון טעאַטער. אָבער ווייל קיין גרויסער טאַלאַנט אין געשעפט־לעכע ענינים בין איך נישט געווען, האָב איך געהאַט צוהילף אַן אַדמיניסטראַטיוון ראַט, וואָס איז באַשטאַנען פון יוסף ווידעצקי, חנן לעווענשטיין און מיכאל קליין.

די ערשטע צייט אין נידערשלעזישן טעאַטער האָט ווידעצקי ווייניק געבליצט. ער האָט טאַקע געהאַט אייניקע דערפאָלגן: אין קורלענדערס אויפפירונג פון פרץ הירשביינס „גרינע פעלדער״, אין אידאַ קאַמינסקאַס אויפפירונגען פון גאָלדפאַדענס „קוני־לעמל״ (אַן אויסגעצייכנטער קוני־לעמל איז ער געווען!) און „דער פריינד וועט קומען ביינאַכט״ (דער משוגענער באַראָן), אָבער מ׳האָט אַלץ גע־טענהט: ס׳שטערט אים די קלוסקע. זיין פאַרצינגלטער סמך איז טאַקע געווען אַ שטערונג און מ׳האָט געמוזט אַ סך אַרבעטן, כדי אויסצושלייפן זיין דיקציע. ווען איך האָב איבערגענומען די פולע

אָנפירונג פון טעאַטער, האָב איך זיך ענערגיש גענומען דערצו. אפשר האָט דאָ געשפּילט אַ ראָל דאָס געפיל פון דאַנקבאַרקייט לגבי אים, וואָס האָט מיך קיינמאָל נישט אָפּגעלאָזט, איך בין אָבער זיכער, אַז נישט בלויז דאָס. איך האָב באמת שטאַרק געהאַלטן פון זיינע קינסטלערישע פּאָטענצן, פון זיין יאָדערדיקן סצענישן טאַלאַנט.

עס איז אַוועק אַ סדרה פון ווידעצקיס דערפאָלגן, אַן אומגעהויער רער אויפשטייג, וואָס האָט אים לסוף דערפירט צום סאַמע אויבן־אָן פון יידישן טעאַטער אין פּוילן. אונטער מיין רעזשי האָט ער — איינס נאָכן אַנדערן — געשפּילט: יודקע, אין דוד פּינסקיס „דער אוצר"; דעם יונגן שמיד, אין פּרץ הירשביינס „דעם שמידס טעכטער" און איינגענומען מיט שטורעם דעם עולם אין דעם יידישן קאַטאַרזשניק יעהודקין אין דער באַאַרבעטער סאָוויעטישער מוזיקאַלישער מאַכע־רייקע — דוד קאַרפּינאָוויטשס באַאַרבעטונג, מיינע לידער־טעקסטן און מוזיק פון אַלבין וואַלוס (אַלעקסאַנדער לוסטיק און ערווין וואַל־פּיילער) און די פיינע סצענאָגראַפיע פון יענדזשעיעווסקי און פּשע־ראַדזקאַ, כאָרעאָגראַפיע פון יהודית בערג — אין „די קעגנזייטיקע ליבע". ווידעצקי האָט אין דעם „יעהודקין" געשפּילט, געזונגען, געטאַנצט, געשפּרודלט מיט לעבן און הומאָר — מיט אַזאַ לייכטקייט, אַז ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט זיך אַליין געשפּילט דערמיט. זיין אַקטיאָרישע פּאָזיציע האָט זיך אַלץ מער באַפעסטיקט. און ווען זיגמונט טורקאָוו איז — צו דער דערפענונג פונעם ספּעציעל־אויס־געבויטן בנין פון נידערשלעזישן יידישן טעאַטער אין וורעצלאַוו א. נ. פון אסתּר־רחל קאַמינסקאַ — אַראָפּגעקומען אויפפירן שלום־עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן", האָט ווידעצקי אָפּגעשפּילט אַ גע־שעפטפירער מוראַווטשיק, וואָס איז נישט אָפּגעשטאַנען פון מאַקס באַזשיקס קרעאַציע ביי זיגמונטס אוראויפפירונג אין וואַרשעווער „נאָוואָשטשי".

קורץ נאָך דעם האָט ער ווידער אויפגעשיינט מיט אַלע חנען פון זיין וויס־קאָמיקאַ און מוזיקאַלישקייט אין מיין אויפפירונג פון חיים סלאָוועס „המנס מפּלה" — מוזיק פון שאול בערעזאָווסקי, סצע־

נאַגראַפֿיע פֿון בנימין פֿאַצאַנאָווסקי, כאָרעאָגראַפֿיע: סילוויאַ סוועז. זיין אחשורוש איז געוואָרן אַ שם דבר ביים טעאַטער־עולם. מ׳האָט נאָכגערעדט זיינע ווערטלעך, נאָכגעמאַכט זיינע קאָמישע שפּיל־פּליטערלעך. און באַלד נאָכדעם — אַ דיאַמעטראַל־אַנדערשדיקע ראָל אין יעקב ראָטבאַומס אויפֿפֿירונג פֿון עמאַנועל ראָבלעס „דער גרויסער נסיון״ („מאָנסעראַ״): דעם סאַדיסטישן אַכזר, דעם שפּאַנישן קאָמאַנדיר אין דרום־אַמעריקע, אוסקערדאָ. כלומרשט אַ שוואַרץ־כאַראַקטער — אין די באַגריפֿן פֿון אַלטן טעאַטער און ווידעצקין האָט געדראָט די סכנה אַריינצופֿאַלן אין סכעמאַטישער שוואַרצקייט. מיט דער הילף פֿון ראָטבאַומען איז אים געלונגען אויסצומיידן די סכנה, צו שאַפֿן אַ מענטשלעכע, איבערצייגעוודיקע געשטאַלט פֿון אַ סאָלדאַפּאָן אָן אַכזר, אַ פֿאָרשטייער פֿון די שפּאַנישע קאָלאָניזאַ־טאָרן, אַ דערצויגענעם אויף די טראַדיציעס פֿון דער פֿאַרשאָלטענער אינקוויזיציע.

דאָן קומט דער גרעסטער דערפֿאָלג פֿון ווידעצקין — דער ערשטער האָצמאַך אין ראָטבאַומס אויפֿפֿירונג פֿון זיין מאָנטאַזש לויט מאַנגערס דריי האָצמאַכס „אַ גאָלדפֿאַדען־חלום״. דאָס איז געווען אַ הויכפּונקט פֿון אַקטיאָרישער קרעאַטיווקייט — דער הויכ־פּונקט פֿון ווידעצקיס קינסטלערישער שאַפֿערישקייט, וואָס האָט צוגעגרייט אַ באַדן פֿאַרן אויסצייכענען אים מיטן „גאָלדענעם פֿאַר־דיגסט־קרייץ״ (גראַד אין טאָג פֿון זיין טויט איז געוואָרן 15 יאָר זינט דער אויסצייכענונג...). די פּוילישע טעאַטער־קריטיק האָט אָנ־געהויבן צו שרייבן וועגן ווידעצקין מיט די סאַמע העכסטע סופּער־לאַטיוון; מ׳האָט אים גערופֿן „דער גרויסער ווידעצקי״; געווען אַפֿילו אַזעלכע, וואָס האָבן אים פֿאַרגליכן מיטן געניאַלן פּוילישן בינע־קינסטלער סטעפֿאַן יאַראַטש; גאָר אַפּט — מיטן באַליבטן און באַגאַבטן כאַראַקטער־אַקטיאָר און קאָמיקער קורנאַקאָוויטש (אגב — אויך אַ ווילנער פֿאָלקס־קינד, נייערט פֿון דער פּוילישער פּערי־פֿעריע־גאָס). אין דער אמתן האָט ווידעצקי געהאָט אַ סך ענלעכקייט צו קורנאַקאָוויטשן. אויך קורנאַקאָוויטש איז געווען אַ פּרימיטיווער,

אורשפּרינגלעכער טאַלאַנט, געהאַט דיקציע־חסרונות און אַ שווי־מענדיקן סצענישן טעמפּעראַמענט, מיט אַן אייגנאַרטיקער וויס־קאָמיקאַ און באַוועגונג־לייכטקייט. קורנאַקאָוויטש האָט זיך אפשר מער אָנגעזאַפּט מיט אַלגעמיין טעאַטער־וויסן, בעת זיין אַרבעט אין „רעדוטאַ״, אין וואַרשעווער „נאַראָדאָווי״ און מיט די גרעסטע — און אינטעליגענטסטע — פּוילישע אַקטיאָרן; האָט אָבער ווידעצקי פאַרמאָגט אַ מעלה, וועלכע איז נישט געווען ביי קורנאַקאָוויטשן: ער איז געווען אַ גרויסער מנגן, טאָקע באַשאָנקען מיט יענער האַרצי־קער יידישער נגינה, וואָס האָט מן־הסתם געקלונגען אין זיינע אויערן נאָך פון דער פּריסטער יוגנט אין זיין טאַטנס שניידער־וואַרשטאַט.

ווער ווייסט, צי נישט פון יענעם וואַרשטאַט האָט ער אויך אַרויסגעטראָגן אַלע עלעמענטן פאַר זיין אויסגעצייכנטן שימעלע סאָראָקער אין ראַטבאָומס אויפפירונג פון שלום־עליכמס „200.000״. אין יענער צייט — בעת די דיסקוסיעס איבער דער אויפפירונג און אין מיין בוך „יידיש טעאַטער אין פּוילן״ — האָב איך געהאַט טענות צו ראַטבאָומען, אַז ער האָט איבערגעלאָדן שלום־עליכמען מיט פאַרמעלע פּליטערלעך און מיט זיינע אייגענע וויצן. איך האַלט, אַז צום מיינסטן האָט דערפון געליטן די געשטאַלט פון שימעלע סאָראָ־קער. פון דעסטוועגן איז ווידעצקין געלונגען אויך דאָס מאָל צו שאַפן אַ געשטאַלט, וואָס האָט אים ווייטער פאַרזיכערט זיין אויבן־אָן־פּאָזי־ציע אין יידישן מלוכה־טעאַטער אין פּוילן. ער האָט נאָך — ביז זיין עולה זיין אין 1957 — געשפּילט אַנדערע ראָלן, קלענערע, גרעסערע. זיין איינמאַליקייט זענען אָבער פאַרבליבן די מייסטער־געשטאַלטן, ווי יעהודקין, אחשורוש, ערשטער האַצמאַך און שימעלע סאָראָקער. מיט דעם אוצר איז ער עולה געווען קיין ישראל. און דאָ הויבט זיך טאָקע אָן די טראַגעדיע פון בינע־קינסטלער יוסף ווי־דעצקי. דאָ פאַלט דער פורהאַנג איבער אַ בילד פון דער גרויסער טראַגעדיע, וואָס הייסט: יידיש טעאַטער.

4

נישט בלויז: יידיש טעאַטער אין ישראל, נייערט יידיש טעאַטער בכלל. וואָרים הייַנט צו טאָג איז ישראל דער וויכטיקסטער צענטער פון יידיש טעאַטער אין גאַר דער וועלט און וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אין ישראל — אויף דער בינע פון יידישן טעאַטער און הינטער די קוליסן — איז דער בולטסטער אויסדרוק פון דער לאַגע, אין וועל־כער ס׳געפינט זיך דאָס יידישע טעאַטער בכלל. און דאָ שפּילט זיך אָפּ די טראַגעדיע פון דער יידישער בינע־קונסט, דער באַרג־אַראָפּ פון יידישע בינע־קינסטלערס, דאָס צעריבן ווערן פון סצענישע טאַלאַנטן, זייער ניוועלירט ווערן מיט מיטלמעסיקייטן און טאַלאַנט־לאָזיקייטן.

יוסף ווידעצקי איז אַן אויסדריקלעכער מוסטער פון דעם דאָזיקן טראַגישן פּראָצעס פון ניוועלירונג, באַרג־אַראָפּ און אונטערגאַנג אינעם יידישן טעאַטער. ער איז געקומען קיין ישראל מיט זיינע גרויסע קינסטלערישע דערגרייכונגען אינעם יידישן טעאַטער אין פּוילן — זיין שם איז אים אַפילו פאַרויסגעגאַנגען און ווען ער איז אַהערגעקומען האָבן באַהאַוונטע מענטשן געוווּסט, אַז ס׳איז געקומען אַ וואַגיקער יידישער בינע־קינסטלער און געווען צומאָל אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן: איינער פון די גרעסטע בינע־טאַלאַנטן ביי יידן. און אין משך פון די צוועלף יאָר פון זיין עקזיסטענץ אין ישראל איז פאַרגעקומען אַ כסדרדיקער באַרג־אַראָפּ פון זיין פּאָזיציע אין טעאַטער, ביז ס׳איז דערגאַנגען דערצו — ווי אומגלויבלעך דאָס זאָל נישט קלינגען פאַר די מענטשן וואָס האָבן געקענט ווידעצקיס פּול־פאַרביקייט פון פעיקייטן — אַז ווידעצקי זאָל זיך חדשים לאַנג אַרומדרייען אָן אַרבעט (אין אַ צייט, ווען ס׳האָבן געווירקט אייניקע יידישע טעאַטערס אין ישראל). אַוודאי האָט דאָס אים אינערלעך אויפגעגעסן, אויפגעפרעסן שטיקער פון זיין האַרץ, ביז ס׳האָט דערפירט צו דער קאַטאַסטראָפע, — זיין פּלוצלינגדיקן און פאַר אַלע אומדערוואַרטן טויט דעם 22סטן יולי, — אייניקע שעה נאָך דעם,

ווי ער האָט געמאַכט מיט חברים פּראָיעקטן, פּלענער, געשפּינען חלומות, וועגן שאַפן אַ קאָלעקטיוו יידיש טעאַטער אין ישראל.

וואָס איז געווען די סיבה פון דער טראַגעדיע ווידעצקיס, ווי אַזוי קאָן מען אויסטייטשן דעם אונטערגאַנג פון זיין שטערן?

ראשית, איז די הויפּט־סיבה געווען: ווידעצקי האָט נישט געהאַט קיין פּרעטענסיע פון אַ סטאַר און האָט נישט געזוכט פאַר זיך די פּאָזיציע פון אַ סטאַר אין היגן יידישן טעאַטער, נייערט בלויז פון אַן אַקטיאָר. און מעג ער זיין מיט צען מאָס טאַלאַנטירטער פון דעם אָדער יענעם סטאַר און פּילפּאַך סצעניש־ווירקנדיקער — אויב ער איז נישט געסטעמפּלט פאַר אַ סטאַר, ווערט ער אַ מאַסן־אַרטיקל אויף דער אַקטיאָרן־בערזע אין קאָפּע „נוגה", אָדער אין די דירעקטאָריש־אונטערנעמערישע קאָמבינאַציעס. אמת, מיר ווייסן וועגן אַן ענלעכן גורל פון סטאַרן אויך — אפילו פון באַגאַבטע סטאַרן — וועלכע האָבן זיך אויסגעשפּילט און וועלכע מ'האָט אויסגעשפּילט פונעם ווירקנדיקן טעאַטער־לעבן אין ישראל. איז עס אָבער אין דעם פאַל די אינדיווידועלע טראַגעדיע פון אַן אַלטן, אָדער זיך עלטערנדיקן אַקטיאָר (אָדער אַקטריסע), אין דער צייט ווען ווידעצקיס טראַגעדיע איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אַלגעמיינער טראַגעדיע פון יידישן טעאַטער. און די טראַגעדיע איז: ס'פעלט דער באָדן און די אַטמאָספער פאַרן אויפבלי פון סצענישע טאַלאַנטן; ס'געדייעט אַ באָדן — און אַן אַטמאָספער, אַלע באַדינגונגען פאַרן פאַרוועלקט ווערן פון טאַלאַנטן פאַר דער צייט.

אַוודאי האָט ווידעצקי געקאָנט שפּילן, געקאָנט אַנגיין, אין יעדן מין טעאַטער, אין יעדן ערנסטן פּרווו און יעדער שמירע, יעדן באַלאַגאַן: ער האָט געשפּילט, געזונגען און געטאַנצט. אַז מ'האָט באַדאַרפט האָט ער זיך געקאָנט שטעלן אויף אַן אויער, קיצלען דעם עולם, אָדער אַרויסקיצלען פון אים טרערן. אָבער ווידעצקיס סצענישע קראַפט און דער טיטל פאַר זיין אויפשטייג, איז געווען: שאַפן סצענישע געשטאַלטן, קרעאירן מענטשן, אָדער סצענישע סימבאָלן,

אויספירן קינסטלערישע פאַרטראַכטונגען. אַפילו ווען ער האָט עס געטון נישט־באַוווסטזיניק, סטימולירט דורך אַ רעזשיסער, אָדער מיט דער הילף פון אייגענער אינטואיציע און עמאָציאָנעלער אויס־לאָדונג. מיט דעם האָט ער געשאַפן און דערמיט האָט ער געשטיגן. אין ישראל איז אים אויסגעקומען צו מ א כ ן טעאַטער, שפּילן — אַבי געשפּילט זאָל ווערן, זיין אַן אַרויסהעלפער און באַהעלפער פון סטאַרן, וואָס האָבן איין אייגציקן ציל אין זייערע פאַרשטעלונגען: אַלץ אַרומצושניידן אַזוי, אַז מ׳זאָל ז י י וואָס מער אָנזען און אַרויס־זען; אַז מ׳זאָל אַפילו ב ל ו י ז זיי אַרויסזען און די איבעריקע — וואָס שטאַרקער אַראָפּצודריקן, צו פאַרווישן, אָפּצווישן.

אַזוי אַרום איז ווידעצקי אין משך פון די צוועלף יאָר אַלץ מער אַראָפּגעדריקט, פאַרווישט און צעשמעטערט געוואָרן. מ׳האָט אים כמעט ווי אָפּגעווישט פון דער בינע. די סטאַריסטישע בינע־רעדער האָבן אים צעריבן אין זייער געדריי — צונויפגעדרייט מיט די דרייע־רייען פון דירעקטאָרן, אונטערנעמערס, ביי דער קאַסע־דרייערס און סתם קאָמבינאַטאָרן — אויף דער בינע און פאַר דער בינע. ער איז צוביסלעך אַלץ מער אַראָפּ פון פרייז, אַלץ מער זיך אויפגעהערט צו קאָסירן אויף דער טעאַטער־בערזע, ביז ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פילן אַן איבעריקער מענטש.

ס׳האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע זיינער. אַוודאי האָט ער לעצטנס נישט געהאַט קיין גליקן, ס׳איז אָבער אַלץ געווען עקאָנאָמיש בעסער, ווי די נאָך אַלץ אַרבעטנדיקע יידישע אַקטיאָרן אין פּוילישן גן־עדן. ס׳גייט דאָ וועגן דער מאָראַלישער טראַגעדיע, וועגן זיין קינסטלעריש פאַרגיין, וואָס איז ביי אַן אמתן קינסטלער אַ סך וויכטיקער און ווייטיקדיקער, ווי עקאָנאָמישע נויט. דער קינסטלערישער הונגער איז אָפטמאָל פיינלעכער ווי דער פיזי־שער הונגער.

דאָס איז געווען די טראַגעדיע ווידעצקי — אַן אָפּשפּיגלונג פון דער טראַגעדיע, וואָס הייסט: יידיש טעאַטער אין אונדזערע צייטן.

מאַדנע: אַזוי פּלוצלינג, ווי ער האָט בשעתו אויפגעשיינט — אַזוי פּלוצלינג איז ער אויסגעלאָשן, פאַרכאַפּט געוואָרן ממש. ס'איז אַוועק דער גרויסער סצענישער פלאַם, יוסף ווידעצקי, איינער פון די באַדייטנדיקסטע טעאַטער־טאַלאַנטן ביי יידן.

אַוועק און איבערגעלאָזט אַ פּוסט אָרט אינעם יידישן טעאַטער־לעבן און אַ ווייטיק אין אַ סך, אַ סך הערצער.

הערץ בערגנער

געזען האָב איך אים ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, געווען צייטן, ווען מיר פלעגן זיך טרעפן גאַנץ אָפט, אָבער ד ע ר ז ע ן האָב איך אים איינעם אָן אָונט אין תל־אביב.

מיר זענען געווען צוזאַמען אויף אַ פאָרשטעלונג פון יידישן טעאַטער. דער ניוואָ איז ווייט נישט געווען קיין הויכער און אַרויסגייענדיק האָט זיך עפּעס נישט געקלעפּט דער שמועס. מיר האָט זיך נישט געוואָלט רעדן וועגן דער פאָרשטעלונג. הערץ בערגנער האָט אָפּגעזיפצט:

„עך, וואָס פאַר אַ שאָד...״

כ׳בין געווען זיכער, אַז דאָס באַדויערט ער די דאַליע פון יידישן טעאַטער, אָבער ער האָט באַלד אינגאַנצן קלאָר אויסגעטייטשט דעם זיפץ: „אַ שאָד, וואָס דער העברעאישער עולם האָט אַזוי ווייניק פאַרשטענדעניש פאַרן יידישן טעאַטער. מפונקים, פאַרשטייען נישט, פילן נישט די שיינקייט פון פאָלקסטימלעכן שוישפּיל. אַפילו מיט אַ געוויסער פרימיטיווקייט, איז וואָס? שטייט דען בילדונג העכער פון טיפן געפיל? אויב עמעץ איז אַ פּאָעט זינגט עס פון אים אַרויס אָן בילדונג... הער, איטשע, כ׳האָב דאָך שוין געזען אַ ביסל טעאַטערס ביי די גוים, גוטע טעאַטערס, גרויסע אַקטיאָרן, אויסגעצייכנטע רעזשיסערן, אינטעליגענטע. נו, האָבן זיי אַן עולם, וואָס זאָל זיי אַזוי ליב האָבן, ווי עס האָט דאָס יידישע טעאַטער? אדרבה, זאָג, אָב־יעקטיוו...״

אין אָנהייב האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז אַזאַ שטי־

מונג. איך האָב עס אים געזאָגט. ער האָט זיך קאַטעגאָריש קעגנגע־שטעלט:

„ווען אַפילו שטימונג איז עס נישט דאָס, וואָס דו מיינסט, עפּעס פּאַראיבערגייענדיקס, וואָס לעזט זיך אויף אינעם שכל אָדער בלייבט נישט אויפגעלעזט און ברענגט מיט זיך תוהו־ובוהו... שטימונג הייסט ביי מיר אַ פּועל־יוצא פון די טיפסטע געפילן און שפּירונגען און לאָזט זיך נישט איזאָלירן פון מיין יידישן אַני־מאַמין, און אַ יידישער שרייבער איז בטבע אַ מאַמין. ווערסט זען, איטשע, מ׳וועט זיך נאָך דערקענען אויפן יידישן טעאַטער".

איבערדערציילן דעם גאַנצן שמועס, וואָס מיר האָבן געפירט אין יענעם אָוונט, וועט פאַרנעמען אַ סך אָרט. מיר זענען גע־שפּרונגען פון איין טעמע אויף דער אַנדערער. מיך האָט איבער־ראַשט די האַרמאָניע פון פאַלקסטימלעכער פּשטות מיט ראַפינירט־טסטער פּאַרטיפּטקייט, נאַיווער פּאַטאָס און קאָנטעמפּלאַטיווע דענ־קערישקייט.

הערץ בערגנער איז תמיד מיט זיין אופן רעדן און שרייבן געווען ערלעך צו זיך און צו דער וועלט. אָבער אין יענעם אָוונט האָב איך טיפער פאַרשטאַנען זיין שרייבערישע וועלט. זי האָט זיך אַנטפּלעקט אין איר רייך אינערלעך לעבן, אין איר טיפערן אמת.

דריי ראָמאַנען האָט ער אַרויסגעגעבן, חוץ די פיר בענד נאָוועלן און דערציילונגען. דאָס איז אַ בכבודיקער „דאַראָבעק" פון אַ שריי־בער, ביי וועמען דאָס שרייבן איז נישט די פּרנסה, נישט די עיקר־באַשעפטיקונג, נאָר אַ באַדערפעניש זיך אויסצולעבן, אויסצודריקן, אַנטפּלעקן, זיך, זיין אינערלעכע וועלט, זיין שליחות־געפיל ווי אַן אויסטראַליש יידישער שרייבער.

פאַר מיר איז אַפילו מאָדנע די באַצייכענונג פון בערגנערן „אויסטראַליש־יידישער". איך געדענק אים נאָך — אַ יונג, בלאָנד בחורל, וואָס איז געקומען קיין וואַרשע צו זיין עלטערן ברודער, מלך ראַוויטש, פון זייער גאַליציאַנער געבוירן־שטעטל ראַדימנאָ (רעדים); איך געדענק זיינע ערשטע שרייבערישע פּרוּוון, וואָס האָבן טיף גע־

וואַרצלט אין זיין גאַליציאַנער היימשטעטל; זיין ערשטן באַנד נאָ־וועלן „שטובן און גאַסן", וואָס איז מיט דרייסיק יאָר צוריק דערשינען אין וואַרשע. אין דעם באַנד איז שוין געווען אַ טעמאַטישער געראַנגל צווישן דעם גאַליציאַנער שטעטל און וואַרשע — פאַר ביידע האָט אָבער דער יונגער פּראָזאַיקער געפונען דעם פּאַסיקן רעאַליס־טישן אויסדרוק; פאַר ביידע — די נייטיקע שטימונג; די פעיקייט צו געשטאַלטיקן לעבעדיקע מענטשן — מיט זייערע כאַראַקטערן, ראַנגלענישן, שטרעמונגען און משונהדיקייטן. קליינע טאָג־טעגלעכע פאַרלאַנגען, פון גרויע מענטשן, געשילדערטע און געצייכנטע פונעם שרייבער אין טונקל־גרויע פאַרבן.

אָבער בערגנער איז דאָך פאַרט (פאַר דער מלחמה נאָך) אַוועק קיין אויסטראַליע און אין ברען פון דער מלחמה דאָרט אַרויסגעגעבן זיין צווייטן באַנד נאָוועלן „דאָס נייע הויז". נאָך דער מלחמה — אַ ראָמאַן וועגן דעם שוידער פון מלחמה־איבערלעבונגען, אין גאַר אייגנאַרטיקע באַדינגונגען. „צווישן הימל און וואַסער" — אויף אַ שיף — שפּיגלט זיך אָפּ אַ טראַגעדיע פון אויסגעוואָרצלטע, פאַר־האָנגענע צווישן לעבן און טויט. דער ראָמאַן האָט אויך זוכה געווען צו אַן ענגלישער איבערזעצונג און צו אַן אויסטראַלישער ליטעראַרי־שער פּרעמיע; דער ראָמאַן „אַ שטאָט אין פּוילן" (דער נאָמען זאָגט אונדז שוין וועגן זיין טעמאַטיק), וואָס איז איבערגעזעצט געוואָרן אין העברעיש (דערשינען אין יאָר 1954 אינעם פאַרלאַג „הקיבוץ המאוחד"); אַ באַנד נאָוועלן „דאָס הויז פון דזשייקאָב אייזיקס" — דאָס איז שוין זיין צושטייער צום אַרויפברענגען די אויסטראַליש־יידי־שע טעמע אויף דער וועלט־מאַפּע פון דער יידישער ליטעראַטור; דעם ראָמאַן „ליכט און שאָטן", וואָס איז אויך דערשינען אין אַן ענג־לישער איבערזעצונג און איצט — דער באַנד דערציילונגען „ווו דער אמת שטייט אייך" — אַרויסגעגעבן אין מעלבורן דורך אַ בוך־קאָמי־טעט, לזכר פון פייגע בורשטין (די משפּחה פון דער פאַרשטאָרבענער

האָט פינאַנסיעל דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פונעם ראָמאַן און דער מחבר באַדאַנקט זיי אינעם בוך).

ווילט זיך קודם־כל זאָגן אייניקע ווערטער פון לויב פאַר דער משפחה בורשטין אין מעלבורן און פאַר די אַלע משפחות, וואָס האָבן זיך אויסגעקליבן דעם שיינעם און נוצלעכן וועג צו פאַראייביקן זייערע אָוועקגעגאַנגענע און נאָענטסטע מיטן אַרויסגעבן יידישע ביכער — אין אַלע ברייטקייטן פון יידיש־לאַנד — שטעלן זיי לעבע־דיקע מצבות פאַר זייערע טייערע און ברענגען אַריין פרישע לעבנס־זאַפטן אין די אָפּגעשוואַכטע אָדערן פונעם יידיש־שאַפן.

אין דעם פאַל — מיט „ווו דער אמת שטייט איך" — האָט די משפחה בורשטין פון מעלבורן געשטעלט זייער טייערער גאַר אַ בכבודיקע מצבה: אַ שיין־אַרויסגעגעבן בוך פון 300 זייטן, מיט 22 דערציילונגען פון אויסטראַליש־יידישן לעבן.

צי טאַקע פון אויסטראַלישן? צי איז הערץ בערגנער מיט לייב און לעבן געוואָרן אַן א ו י ס ט ר אַ ל י ש ע ר שרייבער, אַוועק פון זיין פוילישן שטאַם־אָרט, געשטאַלט, איבערלעבונגען און אינספּי־ראַציעס? ניין, צום גליק — ניין. ווען איך האָב איבערגעלייענט דאָס בוך, האָב איך פאַר זיך ווידער געהאַט דעם פויליש־יידישן שרייבער, וואָס איז בלויז אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויפן אויסטראַ־לישן באָדן. ס'האָט פאַר מיר אויפגעטויכט דאָס שאָטין־בלאָנדע, שעמעוודיקע בחורל פון טלאָמאַצקע 13 — נייערט אַ רייפערער (אפשר טאַקע מיט אַ פליך, אַנשטאָט דעם בלאָנדן שויבערל?) מיט וואַנדערונגען, יאָרן און איבערלעבונגען; און דער עיקר — מיט שרייבערישן קינסטלערישן פאַרנעם, מעגלעכקייטן און פאַרטיפט־קייט. ווייל כמעט אין אַלע דערציילונגען האָבן מיר צו טון מיט פוי־לישע יידן — טאַקע אין אויסטראַליע; זייערע צווישנבאַציונגען (און זעלטן, אין געציילטע דערציילונגען — די באַציונגען מיט דער נישט־יידישער וועלט אין אויסטראַליע); אַפילו — רעטראָספּעקטיווע

בילדער פון יידישן לעבן אין פוילן אין פאַרשידענע תקופות און סיטואַציעס (אַריינגערעכנט געטאָ, חורבן, לאַגערן און אומקום).

דאָס איז טאַקע דאָס סימפּאַטישסטע און ווערטיקסטע אינעם בוך. די יידיש־פוילישע וואָרעמקייט, וואָס עמאַנירט פון זיינע בלעטער — און פונעם מחבר — אינעם ווייטן ווי פאַרגליווערטן אויסטראַליע, וואָס איז דורך בערגנערן אַזוי פאַרשידנאַרטיק (און גלייכצייטיק — אייגנאַרטיק, ווייל פויליש־יידיש) אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור.

אויפן באָדן פון אויסטראַליע האָט זיך אַנטפּלעקט בערגנערס יידיש־פוילישקייט, ווי עס האָט געשריבן נאָך זיין טויט זיין גרויסער און עלטערער ברודער, מלך ראַוויטש: „די שליחות און דער גורל פון אַ מענטש, סתם אַ מענטש פון אַלע מינים, איז צו פאַרוואַנדלען ווערטער אין מעשים. די שליחות און דער גורל פון אַ שרייבער — צו פאַרוואַנדלען מעשים אין ווערטער״.

דריי ברידער זענען זיי געווען: משה, הערץ און זכריה, דער שפּעטערדיקער מלך ראַוויטש. משה איז אַוועק קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1908, געווען אַ שומר. הערץ איז דעמאָלט אַלט געווען אינגאַנצן אַנדערהאַלבן יאָר. מער האָבן זיי זיך אין לעבן נישט געזען.

הערצן איז באַשערט געווען צו ווערן דער פּיאָנער פון דער יידישער ליטעראַטור אין אויסטראַליע. שילדערער פון די חבלי־לידה פון יידישע עמיגראַנטן אין לאַנד און זייער גערוּנגל זיך אַריינצו־פּאַסן אין דער נייער סביבה און לעבנס־שטייגער. אויפּאַקערער פון רויען, האַרטן אויסטראַלישן באָדן פאַרן יידישן וואָרט, פאַרזייער, פלאַנצער און איינזאַמלער פון רייפער פּרוכט.

הערץ בערגנער האָט אין אַלע זיינע דערציילונגען פאַרוואָרפן אַ בריק צווישן דעם נעכטן און היינט, פאַרוועבט די אַלטע היים מיט דער נייער ווירקלעכקייט. ער איז געווען דער עד־ראיה פון די יסורימדיקע גראַנגלעניש פון די ניי־געקומענע אין דער פאַר־

מלחמה־ און נאָכמלחמה־תקופה; געזען זייער איינזאַמקייט, צעריסנ־קייט און אויסגעוואָרצלטקייט; שפּעטער די נייע איבערגעשטאַלטי־קונג פון די אויפגעקומענע גבירים, זייער װעלן פאַרגעסן אַלץ, װאָס בינדט זיי מיט דער פאַרגאַנגענהייט און זייער אָפּשטאַם.

געוועז אַ יידיש טעאַטער (עסיי) —

תל־אביב, 1968

גאָלדפאַדען און גאָרדין (עסייען און ביאָגראַפיעס) —

תל־אביב, 1969

שלום אש — רוח־סער בספרות אידיש (עברית: ישעיהו אברך) —

פאַרלאַג „עקד״, תל־אביב, 1970

זיגמונט טורקאָוו (ביאָגראַפישער עסיי) —

דפוס „אורלי״, תל־אביב, 1970

ביאָגראַפישע בראָשורן אין שפּאַניש:

Abraham Góldfaden —

Biblioteca Popular Judia, Buenos-Aires, 1970

Schólem Asch —

Biblioteca Popular Judia, Buenos-Aires, 1970

ביכער פון זעלבן מחבר:

יידיש טעאַטער אין פוילן —

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1951

די מאַמע אסתר־רחל (ביאָגראַפישע דערציילונג) —

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1953

סאָוויעטישע דראַמאַטורגיע (עסייען) —

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1955

וואַרשע, דאָס וויגעלע פון יידישן טעאַטער (עסייען) —

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1956

וואַרשעווער פורים־שפּילער (היסטאָרישער ראָמאַן) —

פאַרלאַג „יידיש בוך“, וואַרשע, 1957

פּנימער און מאַסקעס (דערציילונגען און סקיצן) —

פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“, בוענאָס איירעס, 1960

אויף מיין וועג „שרייבער און קינסטלער“
(דערמאָנונגען און אָפּשאַצונגען) —

פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום“, בוענאָס איירעס, 1964

י. ל. פּרץ — דער וועקער (מאָנאָגראַפיע) —

י. ל. פּרץ־פאַרלאַג, תּל־אביב, 1965

שלום אַש דרך אין דער יידישער אייביקייט (מאָנאָגראַפיע) —

פאַרלאַג „בית שלום אַש“, בת־ים, 1967